STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03949

FUN POL TSU POL

Sven Anders Hedin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

UNIÓN
ISRAELITA
Dᴱ GALITZIA
BUENOS AIRES
סווען העדין
פון

1

סוועז העדין
פון
פאָל צו פאָל

יודיש: י. ש — ר א.

פארלאג / ב. שימין /
1921 ווארשא

DRUK. SZ. SIKORA i I. MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

פֿאַרוואָרט.

קיין שום מענטשלאַכֿע נסיעה ווירקט נישט אַזוי אויף אונזער געמיט, ווי די נסיעה צום צפֿונפּאָל. די אייביקע נאַכֿט, די אייזבערג, וואָס באַוועגן זיך שטענדיק אין פֿאַרשידענע פֿאַנטאַסטישע געשטאַלטן, די שוואַרצע שניישטורמס, וואָס טראָגן זיך ווי רוחות צווישן הימל און ערד און טויטן־אָפּ יעדן שיין, יעדן גלאַנץ פֿון אייז, דאָס פֿלאַצן פֿונם אייז, וואָס צוטרייסלט די לופֿט, ווי טויזנטער דונערן פֿאַר אַמאָל, די מוראדיקע פֿרעסט, וואָס קוועקזילבער פֿרירט אין זיי, ווי וואַסער, די ווייסע בערן, וואָס וואַקסן שטענדיק אַרויס אַזוי ווי פֿון אונטער דער ערד, מיט ליידיקע הונגעריקע מאָגנס, די מגושמדיקע ים־פֿערד און ים־הינט, וואָס זעען נישט אויס ווי חיות פֿון דער ווירקלאַכֿקייט, נאָר ווי פֿאַנטאַסטישע באַשעפֿענישן פֿון עפּיס אַ פֿאַנטאַסטיש מעשהלע און, צולעצט, דאָס צפֿונליכֿט, וואָס שפּילט אויפֿן עק הימל מיט ציטריקע פֿאַרביקע פֿייערן—דאָס אַלץ ציט אונז שטענדיק מיט עפּיס אַ זיסן פּחד און רייצט אונזערע נערוון, ווי אַ געטלאַכֿער סוד.

און אַהין, צו יענעם סודותפולן צפונפּאָל זיינען געגאַנגען די שטאַרקסטע מענטשן פון דער ערד. זיי זיינען געגאַנגען אַנט-פּלעקן דעם סוד פון דער אייביקער נאַכט, אייז און שנייען און האָבן זיך נישט געשראָקן צו באַצאָלן מיטן לעבן פאַר דעמדאָ-זיקן סוד.

זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגן דער נאַטור, קעגן טויט און קעגן דער אייביקייט, און האָבן געזוכט יענע ווינקעלאַך פון דער ערד, וואָס קיין שום מענטשלאַך אויג האָט זיי פריער נישט גע-זען. זיי האָבן איבערגעלאָזט דער אומרוהיקער צפוננאַכט און דעם מוראדיקן צפון-ים דעם צאַרטן קלאַנג פון אַ מענטשלאַכער שטים, דאָס ליכט פון אַ מענטשלאַך האַרץ. און, נישט גערוט, האָבן זיי ברייטער און ברייטער אויפגעפּראַלט די שווערע טירן פון די גרויסע צפון-סודות.

זיי האָבן געשיינקט דער ג ע אָ ג ר אַ פ י ע זייער וויכטי-קע ידיעות. אָבער דער מוסטער פון מענטשלאַכער דרייסטקייט און גבורה, וואָס זיי האָבן באַוויזן דער וועלט, איז נישט ווייניקער וויכטיק פון די ידיעות, וואָס זיי האָבן געשיינקט דער געאָגראַפיע, און זייער לעבן און טויט איז געווען אַזוי שיין, ווי די שפּילנדיקע פאַרבן פונם צפונליכט אויפן עק הימל.

ס ווע ן ה ע ד י ן, וואָס איז אַליין אויך אַ באַקאַנטער רייזנדער, האָט זייער געלונגען צוזאַמענגעשטעלט קליינע, אָבער אינהאַלטרייכע באַשרייבונגען פון זייערע אומפאַרגעסלאַכע נסיעות מיט לעבעדיקע פאַרבן מאָלט ער זייער איינזאַמען קאַמף מיט די שטאַרקע כוחות פון אייז, נאַכט און שטורם, און יעדעס בלעטל פון דעמדאָזיקן בוך, פילט-אָן דאָס האַרץ מיט וואַרימען גלויבן אין דער גבורה און גרויסקייט פונם מענטשן...

ק.

פראַנקלינס רייזע.

דורכן אונטערנעמערישן גייסט פונם מענטשן זיינען שוין אַלע יבשות, ימים און אינזלען גרינדלאַך אויסגעפאָרשט און פאַרצייכנט געוואָרן אויף דער געאָגראַפישער מאַפּע. נאָר ביידע פּאָלן, דער צפון-פּאָל און דער דרום-פּאָ, מיטן ים-הקרח און די אינזלען, וואָס אַרום זיי, ליגן נאָך אַלץ פאַרן מענטש ווי אַ שווער רעטעניש, איינגעהילט אין אַ טיפן סוד; אַלץ, וואָס מען האָט געפּרובט טאָן, כדי אַריינצודרינגען אין דידאָזיקע געגנטן פון אונזער ערד, האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע שוועריקייטן, וועלכע מ׳קאָן בשום אופן נישט מנצח זיין. אָבער דער אַנטדעקונגסגייסט פונם מענטשן ווייס נישט פון קיין שום מידקייטן. די וויסנשאַפט האָט פיינט די ווייסע, נישט-באַשריבענע פלעקן פון דער מאַפּע, און דעריבער וועט מען פריער אָדער שפּעטער באַקומען גענויע ידיעות וועגן דעם געוואַלדיק גרויסן ים-הקרח, אָדער די אייזפעלדער, וואָס רינגלען אַרום ביידע פּאָלן. איין שיף נאָכן אַנדערן גייען דאָרט אונטער און פיל מוטיקע רייזנדער פאַרלירן דאָרט דאָס לעבן; אָבער נייע שיפן מיט נייע רייזנדער לאָזן זיך ווידער אין ווייטן געפערלאַכן וועג אַריין, און דער מענטש רוט נישט, ביז ער דערגייט דאָס, וואָס ליגט פאַר אים באַהאַלטן אין די טיפעניש פון דער נאַטור. די געלערנטע האָט שטענדיק געצויגן זיך צו באַקענען מיטן צפון-פּאָל, ווייל ער ליגט פיל נענטער צו אונזער ישוב, ווי דער דרום-פּאָל. ער ליגט אין רעכטן מיטן צווישן די ברעגן פון אייראָפּע, אַזיע און צפון-אַמעריקע, וואו ס׳געפינט זיך דער צפון-דיקער ים הקרח.

די געשיכטע פון דער פּאָלפאָרשונג איז געוואַלדיק רייך מיט העלדישע מעשים און שרעקלאַכע קאַטאַסטראָפעס. מיר ווילן געבן אַ סעריע דערציילונגען וועגן דידאָזיקע וואונדערלאַכע נסיעות.

איידער מען האָט געקאָנט אָנהויבן טראַכטן וועגן אַ דירעקטער רייזע צום צפון-פּאָל, האָט מען געמוזט האָבן אַ גענויע באַקאַנטשאַפט מיט אַלע אינזלען און ים-דורכגאַנגען, וועלכע ליגן אויפן ים-הקרח. אַזויאַרום האָט מען געוואָלט געפינען אַ דורכגאַנג פון דער גרויסער אינזל גרענלאַנד, וואָס ליגט ביי צפון-מזרח-אַמעריקע, ביזן בערינגישן ים-דורכגאַנג, צווישן מערב פון צפון-אַמעריקע און מזרח-אַזיע, ווי אויך פון בערינגישן דורכגאַנג אַרום סיביר און צפון-אייראָפּע ביז אַרכאַנגעלסק. פאַרן ערשטן טייל פון אָט דער אויפגאַבע האָט זיך גענומען דער איינגלענדער דזשאָן פראַנקלין אין יאָר 1845. דידאָזיקע עקספּעדיציע האָט זיך אָבער געענדיקט זייער טרויעריק.

דזשאָן פראַנקלין איז געווען אַן אַדמיראַל אויפן איינגלישן פלאָט. ער האָט אַדורכגעמאַכט אַלס אָנפירער פיל עקספּעדיציעס אויף דער יבשה און אויף די ימים, אין צפון-טייל פון דער ערד-קויל און אין איר דרום-טייל. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין פיל ים-שלאַכטן און האָט צוזאַמענגעשטעלט געאָגראַפישע מאַפּעס פון די אַמעריקאַנישע צפון-ברעגן, באַזונדערס אַרום דעם בערינגישן ים-דורכגאַנג. אים איז דעריבער גוט באַקאַנט געווען דער גרעסטער טייל פון די אַמעריקאַנישע צפון-ברעגן און ער האָט נאָר געברויכט אויפזוכן אַ וועג אויפן ים צווישן די פיל גרויסע אינזלען, וואָס ליגן דאָרט. אַזאַ וועג איז בלי ספק געווען. די פראַגע איז אָבער געווען, צי וועט מען אים קאָנען אַדורכגיין מיטן שיף און צי וועלן די הויכע אייזבערג, וואָס שווימען דאָרט אַרום אויפן ים, ווי איבערהויפּט די גרויסע פרעסט, נישט שטערן דערין. אַ ריי געלערנטע מענטשן האָבן באַשלאָסן אונטערצונעמען אַ גרויסע עקספּעדיציע, כדי צו געפינען אַזאַ דורכגאַנג.

גאַנץ איינגלאַנד האָט זיך באַגייסטערט פאַר אַזאַ אונטערנעמונג.

און פיל הונדערטער העלדישע מענטשן האָבן זיך געמאָלדן אָנטיילצונעמען אין דער עקספּעדיציע. אַדמיראַל דזשאָן פראַנקלין איז שוין איינמאָל געווען אין די ווייטע צפון-געגנטן און ער האָט דעריבער געוואָ,ט ווערן דער אָנפירער פון דער נייער עקספּעדיציע. אמת, די איינגלישע אַדמיראַליטעט האָט אפילו מורא געהאַט, אַז פראַנקלין איז שוין צו אַלט פאַר אַזאַ עקספּעדיציע, דען ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ מאַן פון זעכציק יאָר. אָבער פראַנקלין האָט אויף אַ זיצונג פון דער אַדמיראַליטעט פּראָטעסטירט געגען דעם. ער האָט געזאָגט: „איך בין נאָר ניינאונפופציק יאָר אַלט!” אַזוי אַרום איז פראַנקלין באַשטימט געוואָרן פאַרן אָנפירער פון דער עקספּעדיציע,—פון וועלכער ער האָט זיך נישט אומגעקערט צוריק...

צוויי גרויסע שיפן האָט מען צוגעגרייט פאַר דערדאָזיקער עקספּעדיציע: „ערעבוס” און „טעראָר” האָבן זיי געהייסן. אויף „ערעבוס” האָט פראַנקלין געלאָזט אַרויסשטעלן זיין אַדמיראַלפאָן און זיין געהילף איז געווען דאָרט קאַפּיטאַן פידזשעמס. דער אָנפירער פון דער צווייטער שיף איז געווען קאַפּיטאַן קראָזיער. פאַר דער עקספּעדיציע האָט מען אויסגעקליבן אַן אויסגעצייכענטן אָפיצירן-קאָרפּוס, וואָס איז באַשטאַנען פון קרעפטיקע לייט, וועלכע זענען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין פיל ים-נסיעות און האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע גרינדליכע ידיעות וועגן אַזאַ מין נסיעה. בסך הכל האָבן זיך באַטייליקט אין דער רייזע דרייאונצוואַנציק אָפיצירן און הונדערט מיט עלף מאַן מאַטראָזן און אַרבעטער. לעבענסמיטלען האָט מען צוגעגרייט אויף דריי יאָר. אויף ביידע שיפן האָט מען אַוועקגעשטעלט דאַמפּמאַשינען—אַ זאַך, וואָס מען האָט נאָך ביז יענער צייט קיינמאָל נישט געהאַט געזען אויף אַ רייזע אין ים-הקרח.

פראַנקלין האָט דערהאַלטן אַ גענויע אינסטרוקציע פון דער אַדמיראַליטעט, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג ער דאַרף מאַכן זיין נסיעה, אָבער, נאַטירלאַך, האָט ער דערביי געהאַט דאָס רעכט צו נעמען אַן אַנדער ריכטונג אויך, ווען די אומשטענדן וועלן דאָס פאָדערן. זיין אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין פאָלגענדיקן:

אַרויסגעפאָרן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, באַדאַרף ער אַרומפאָרן צפון-אַמעריקע און קומען צום בערינגישן ים-דורכגאַנג צווישן אַמעריקע און אַזיע, וואו ער איז ברייט סך-הכל עטלאַכע וויאָרסט. פון דאָרט דאַרף ער קומען אַהיים דורכן שטילן אָקעאַן און בריינגען, נאַטירלאַך, אַ גענויע באַשרייבונג פון דער רייזע און פון די אינזלען, וואָס ער וועט האָבן אַנטדעקט.

דעם 19-טען מאַי 1845 האָבן ביידע שיפן—„ערעבוס” און „טעראָר” פאַרלאָזן די ברעגן פון איינגלאַנד. די אָנפירער פון דער עקספעדיציע מיט אַלע זייערע באַגלייטער זיינען געווען זייער גוט געשטימט. זיי זיינען געווען פעסט אַנטשלאָסן אָנצווענדן אַלע זייערע כחות, כדי צו דערגרייכן דאָס ציל. אַלע האָבן שוין געהאָפט אויף די גוטע וואַרימע ווינטן, וואָס זיי וועלן, ענדלאַך, באַגעגענען אין בערינגישן ים און האָבן זיך געפרייט פאָרויס מיטן גרויסן כבוד, וואָס זיי וועלן האָבן, ווען זיי וועלן אַריינקומען אין אַן אַמעריקאַנישן פאָרט דורכן שטילן אָקעאַן.

אַרויסגעקומען אויפן ים, האָט דער אַדמיראַל געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע פאַר זיינע לייט. ער האָט זיי דערקלערט דעם תכלית פון דער נסיעה און דערביי האָט ער אַרויסגעזאָגט די האָפנונג, אַז יעדערער וועט ערפילן ערלאַך זיין חוב. די עקספעדיציע איז פאַרבייגעפאָרן די אָרקנייאישע אינזלען און האָט צולעצט געזען, ווי ס'ווערן פאַר איר פאַרשוואונדן די דרום-ברעגן פון איינגלאַנד. אַ טאָג נאָכדעם האָבן די רייזנדער שוין דערזען דעם ערשטן אייזבאַרג שווימען אויפן ים. אַזאַ שטיק אייז פאַרנעמט טיילמאָל אַ שטח פון אַ פאָר וויאָרסט. אַ דריי-פיר קלאַפטער כאַפט ער אין דער הויך און אין וואַסער ליגט ער אַ צען-צוועלף קלאַפטער אין דער טיף. פאַרן גרעסטן טייל מיטגלידער פון דער עקספעדיציע איז אַזאַ ערשיינונג געווען אַ נייס, וואָס זיי האָבן עס נאָך קיינמאָל נישט געזען און דערביי זיינען זיי געשטאַנען פאַרגאַפט און האָבן באַוואונדערט דעם „שווימענדיקן באַרג”. אָבער אָט האָבן זיך באַוויזן נאָך עטלאַכע שווימענדיקע אייזבערג. טייל פון זיי זיינען געווען

שטאַרק אַרונטערגעשווינקט פון אונטן אין וואַסער און האָבן זיך דעריבער איבערגעקערט אַרויף מיטן אונטערשטן טייל. איצט האָט דער אונטערשטער טייל געגלאַנצט ווי קריסטאָל אויף דער זון. אירע שטראַלן האָבן זיך געשפּילט אינם אייזקריסטאָל מיט צענדליקער פאַרשידענע פאַרבן...

צען טעג שפּעטער האָבן בּיידע שיפן זיך אָפּגעשטעלט בּיי דער אינזל דיסקאָ אויפן מערב-בּרעג פון גרענלאַנד. דאָ האָבן זיי זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַן איינגלישער שיף, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פאָרויס, צו בּריינגען זיי נאָך פּראָוויאַנט, מוניציע און אַלערליי מכשירים, וואָס מען קאָן נאָר געבּרויכן אויף אַזאַ רייזע. דער קאַפּיטאַן פון דערדאָזיקער שיף איז געווען דער לעצטער מענטש, וועלכער האָט גערעדט מיט די מיטגלידער פון אונזער עקספּעדיציע... ווי ער האָט שפּעטער פאַרזיכערט, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ טיכטיקע קאָמפּאַניע מענטשן, וואָס זאָלן זיין אַזוי גוט צוגעגרייט און בּאַגייסטערט פאַר זייער שווערער אויפגאַבּע. ער האָט מיטגענומען מיט זיך די לעצטע פּאָסט פון די עקספּעדיציע-מיטגלידער. טייל פון זיי האָבן אין זייערע בּריף אָנגעוויזן, אַז מען זאָל שרייבּן צו זיי אויף אַן אַדרעס קיין קאַמטשאַטקע אָדער גאָר קיין פּאַנאַמע, ווייל אַלע זיינען געווען זיכער, אַז אינגיכן וועלן זיי אַדורכמאַכן זייער געפערלאַכע רייזע און אַריינקומען אין שטילן אָקעאַן. דער אַדמיראַל איז אַזוי זיכער געווען אין זיין ערפאָלג, אַז ער האָט אפילו נישט געהייסן אַראָפּלאָזן די זעגלען פון זיינע שיפן בּיי אַ שטורמוועטער. ער האָט בּלויז געטראַכט וועגן איין זאַך—צו קומען וואָס גיכער צום ציל פון זיין עקספּעדיציע! דער אַדמיראַל האָט געוואוסט אויסגעצייכנט, אַז אין די ווייטע געגנטן פון ים-הקרח איז דער ים אָפן פון אייז נאָר אַ קורצע צייט—סוף זומער און דעריבּער האָט ער זיך געאײלט צו זיין אַקוראַט סוף זומער אין די ערטער, וואו מען וועט קאָנען אַדורכגיין. איבּעריגנס, האָט ער זיך בּכלל נישט געשראָקן: אויף בּיידע שיפן האָט מען אָנגעגרייט פּראָוויאַנט אויף דריי יאָר, פון אויבּן בּיז אונטן זיינען די שיפן געווען פאַרשטעלט מיט בּלע-

בענע קעסטלאַך מיט אַלערליי קאָנסערוון. אין דריי יאָר צייט קאָן מען דאָך פיל אויפטאָן!
דעם 26-טען יולי האָט אַ שיף פון וואַלפישפאַנגער געזען אויפן ים ביידע שיפן „ערעבוס" און „טעראָר". דאָס איז געווען דער לעצטער מאָל, וואָס אַ מענטשלאַך אויג האָט זיי געהאַט געזען... אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן דערדאָזיקער פאָל-עקספעדיציע פון יענער צייט אָן און וועגן איר שרעקלאַכן גורל, שטאַמט שוין פון גאָר אַנדערע קוועל'ן...

דעם אַדמיראַלס טויט.

דאָס, וואָס מען ווייס וועגן דעם ווייטערדיקן שיקזאַל פון די צוויי שיפן „ערעבוס“ און „טעראָר“, שטאַמט נאָר פון די ידיעות, וואָס די שפּעטערדיקע עקספּעדיציעס האָבן צונויפגעזאַמלט. פון דיזאָזיקע ידיעות דערוויסן מיר זיך פאָלגענדיקס:

פראַנקלינס עקספּעדיציע האָט קודם כל זיך געלאָזט גיין ווייטער צו צפון־מערב און צווישן צוויי גרויסע אינזלען אין לאַנקייסטערזונד. דאָרט אָבער זיינען די שיפן איינגעפּרעסט געוואָרן אין גרויסע אייזפעלדער און האָבן ווייטער נישט געקאָנט גיין. די דאַמפמאַשינען אין יענער צייט זענען נאָך געווען זייער שוואַך און זיי האָבן געקאָנט גיין נאָר אין רוהיקן אָפענעם וואַסער, אָבער נישט אין שטורמווינט און קעגן געפראָרענעם אייז. איין ים־דורכגאַנג צו צפון איז נאָך געווען אָפן און דאָרט זיינען די שיפן טאַקי אַריינגעקומען און דורכגעגאַנגען צוויי הונדערט און פופציק קילאָמעטער. אָבער דאַן האָט דאָס אייז זיי אַרומגענומען פון אַלע זייטן און זיי האָבן געמוזט זיך אָפּשטעלן. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט דאָס אייז זיך געעפנט פאַר זיי, אָבער איצט האָבן זיי געקאָנט גיין שוין נישט צו צפון, נאָר צו דרום. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער הערבסט. אַלץ אַרום איז געלעגן פאַרדעקט מיט הויכע בערג שניי. אין זונד האָט זיך ווידער אָנגעזאַמלט אייז. ביי אַ קליינער אינזל האָבן די שיפן זיך אָפּגעשטעלט און אָט דאָ האָט מען באַשלאָסן צו האַלטן ווינטער.

ווי אַזוי האָבן די מיטגלידער פון דערדאָזיקער עקספּעדיציע פאַרבראַכט די לאַנגע ווינטערנאַכט?—די אָפיצירן האָבן געלייענט

און געלערנט אין די מיטגעבראַכטע ביכער און די מאַטראָזן האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיטן אויפֿשטעלן הויכע בערג שניי ביז איבער די זעגלען—עס זאָל זיין וואַרים אין די שיפֿן. אויף יעדן פֿאַל האָט מען אויך אויסגעבויט הייזלאַך פֿון שניי אויף דער יבשה, כּדי צו באַשעפֿטיקן זיך דאָרט מיט וויסנשאַפֿטלאַכע באַאָבאַכטונגען. מען האָט אויך געהאַט אויסגעשטעלט אַ וואַך. אָט אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ חדשים פֿיר-פֿינף. פֿאַר דער צייט האָט מען קיין איינציק מאָל נישט געזען די זון. אָנשטאָט דעם פֿלעגט מען האָבן נאַכט אין נאַכט, ס'הייסט, אין יענע שעה'ן, ווען ביי אונז, אין אונזער געגנט, איז נאַכט, דאָס צפֿון-ליכט, וואָס פֿלעגט באַלייכטן די געגנט מיט אַ שרעקלאַך רויטער באַלייכטונג. ווען די לאַנגע פּאָלאַר-נאַכט איז, ענדלאַך, אַריבער און אין דרום אויפֿן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ שטרייכעלע ליכטיקייט אויף אַ פּאָר מינוט, איז די רייזנדער געוואָרן אַ ביסל פֿריילאַכער אויפֿן האַרצן. די ליכטיקייט האָט פֿון טאָג צו טאָג, ס'הייסט יעדע פֿיראונצוואַנציק שעה, אָנגעהויבן זיך פֿאַרלייגערן און לסוף איז די נאַכט אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן געוואָרן און עס איז געווען נאָר טאָג, דען די זון איז אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אויפֿן הימל, אָדער ריכטיקער, זי האָט אומאויפֿהערלאַך אַרומגעשפּאַצירט עטוואָס העכער איבערן האָריזאָנט, און זיך געהאַלטן אויף אַ געוויסן מרחק פֿון דער ערד. איצט האָבן די לייט פֿון דער עקספּעדיציע אָנגעהויבן מאַכן אָפּטע שפּאַצירן אויף די אַרומיקע אינזלען. ביי אַלעמען האָט זיך אויפֿגעוועקט די האָפֿנונג אויף אַ גיכער באַפֿרייאונג, דען מען איז שוין ווייט געווען פֿון בערינגישן ים-דורכגאַנג: נישט מער ווי 420 קילאָמעטער. צי האָט מען דען נישט געקאָנט זיין זיכער, אַז אויפֿן בייעם יאָר וועט מען שוין זיין אינדערהיים? וואָס אַ טאָג, וואָס אַ טאָג, בלייבט די זון אַלץ לייגער אויפֿן הימל און אָט גייט זי דאָך שוין גאָרנישט אונטער. ס'הויבט זיך דאָך שוין אָן דער לאַנגער פֿירחדשימדיקער פּאָלאַר-טאָג!

אָבער אָט די אַלע חשבונות האָבן קיין גרויסע ישועות פֿאָרט נישט געבראַכט. דאָס אייז אַרום גייט זיך נישט פֿאַנאַנדער...

ערשט אין שפּעטן הערבסט האָט דאָס אײַז זיך אַ ריר געטאָן
און בײדע שיפֿן האָבן, ענדלאַך, געקאָנט פֿאַרלאָזן די קלײנע
אינזל, נעבן װעלכער זײ זײַנען אָפּגעשטאַנען לערך צען חדשים.
פֿאַר דער צײַט זײַנען דרײַ פּערזאָן פֿון דער עקספּעדיציע גע-
שטאָרבן און מען האָט זײ באַגראָבן אין אײַז. פֿינף יאָר שפּע-
טער, װען אַהין איז געקומען אַ נײַע עקספּעדיציע, האָט מען
זײערע קבֿרים מיט די אױפֿשריפֿטן אַנטדעקט. אָט אַזױ האָט
מען זיך דערװאוסט, אַז פֿראַנקלין האָט אױף דעם אָרט צו-
געבראַכט דעם װינטער און פֿון אַ טאָגבוך, װאָס ער האָט דאָרט
איבערגעלאָזן, האָט מען זיך דערװאוסט, װי אַזױ ער האָט
דאָרט געלעבט מיט זײַנע לײַט.

דאָס אײַז האָט, װי געזאָגט, זיך געעפֿנט, אָבער אַ פֿרײַער װעג
דורכצוגײן, איז געװען בלױז צו דרום. די לײַט פֿון דער עקס-
פּעדיציע האָבן די זאַך אױפֿגענומען מיט גרױס פֿרײד. צו
מערבֿ איז נאָך געלעגן אפֿילו גראָבער אײַז, אָבער דער דרום-
װעג האָט דאָך סוף-כּל-סוף אױך געמוזט פֿירן צו מערבֿ. די
שיפֿן האָבן זיך געלאָזן אין װעג אַרײַן צו דרום און זיך גע-
האַלטן אָן דער זײַט פֿונעם טרײַבנדיקן אײַז. אין מזרח און אין
מערבֿ האָבן זיך באַװיזן די ברעגן פֿון גרױסע אינזלען. מען
האָט זיך משער-געװען, אַז דאָס איז מסתּם קעניג-װילהעלם-
לאַנד, װאָס איז די נאָנטסטע אינזל צו דער יבשה. ס'הײסט
אַלזאָ, אַז מען האָט שױן אַדורכגעמאַכט דעם גרױסן טײל פֿון
דער רײזע און עס זײַנען נאָך געבליבן סך-הכּל לערך צװײ-
הונדערט קילאָמעטער ביזן געהאָפֿטן ים-דורכגאַנג.

און דאָך האָט אָט דער קלײנער מרחק אױסגעװיזן אונ-
זערע לײַט אומענדלאַך װײַט, װען זײ האָבן אין אַ פּאָר טעג
שפּעטער זיך װידער דערזען אײַנגעשלאָסן דורך אומענדלאַכע
אײַזפֿעלדער. געטריבן דורך װינטן און ים-שטראָמען, האָבן
זיך אָנגעזאַמלט אַרום זײ גרױסע מאַסן אײַזבערג, װעלכע זײַ-
נען באַלד צוזאַמענגעפֿראָרן אײנער צום אַנדערן. די עקספּעדי-
ציע האָט נאָך די האָפֿנונג נישט געהאַט פֿאַרלאָרן אַרױסצובאַקו-
מען זיך פֿון דעמדאָזיקן קלעם. אמת, דער צװײטער װינטער

איז שוין געשטאַנען פאַר דער טיר, אָבער די לעצטע הערבסטקע דרום-שטורמס האָבן דאָך געקאָנט צוברעכן דאָס אייז און פאַרטרייבן עס צו צפון! דידאָזיקע האָפנונג איז אָבער נישט מקוים געוואָרן, ווייל די אייזבערג האָבן זיך אַלץ מער און מער באַהעפט איינע צו די אַנדערע, איינשליסנדיק די שיפן פון אַלע זייטן. די טעג זיינען דערווייל געוואָרן קירצער, די נעכט לייַנגער; דער ווינטער האָט זיך שטאַרק דערנענט און מען האָט, ווי אין פאָריקן יאָר, אָנגעהויבן צוצוגרייטען זיך צו אים. די שיפן זיינען איינגעפראָרן געוואָרן, ווען מען האָט זיך געפונען זיבעציק גראַד צפון-ברייט, צווישן די אינזלען פון צפון-אַמעריקע. אין צפון-אייראָפּע געפינט זיך אין אַזאַ געאָגראַפישער ברייט דער צפון-ברעג פון סקאַנדינאַוויע; אָבער דאָרט טראָגט זיך פון ים דער וואַרימער גאָלפשטראָם, וועלכער דערוואַרימט די לופט און דערלאָזט נישט דעם ים איינצופרירן, בשעת אין דער געגנט פון צפון-אַמעריקע בלאָזן נאָר קאַלטע ווינטן און קיין וואַרימע ים-שטראָמען זיינען דאָרט נישטאָ. די לייט פון ביידע פראַנקלינס שיפן האָבן קיין איינציק מאָל אין אָט דער צייט נישט געהערט, ווי דאָס ים-וואַסער זאָל זיך שווינקען אָן די ווענט פון זייערע שיפן!

דאָרדאָזיקער ווינטער איז פאַר די לייט פון דער עקספּעדיציע געווען נאָך אַ סך טרויעריקער, ווי דער פריערדיקער. די שיפן זיינען דורכן אייז פאַרנומען געוואָרן אין אַ שלעכטן אָרט, נעמליך, אויפן אָפענעם ים, וואו ס'איז נישטאָ קיין שום באַשיצונג פון די ווינטן. דאָס וואַסער, וואָס ווערט פאַרפראָרן אויפן אייז, פאַרנעמט, ווי באַוואוסט, פיל מער אָרט, ווי דאָס וואַסער אין ים און דעריבער האָט דאָס אייז געפרעסט די שיפן פון אַלע זייטן און יעדע מינוט זיי געדראָט צוצוקוועטשן, ווי שאָלעכץ פון אייער. די שיפן האָבן געקנאַקט און געקרעכצט, געכריפּעט און געיאָמערט און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי בעטן, מען זאָל זיי אַרויספירן אויפן פרייען ים צו קעמפן בעסער מיט די כוואַליעס. ווי לאַנג וועלן די שיפן נאָך האַלטן זיך אַזוי? יעדע מינוט האָט מען געמוזט דערוואַרטן, אַז דאָס האָלץ, פון וועלכן

די שיפן זיינען געבויט געוואָרן, וועט פלאַצן און די שיפן וועלן פאַרשווינדן אין דער טיפעניש פון ים... דאָס לעבן אויף אַזאַ שיף איז פול וויטיק, דאגה און יאָמער! שרעקלאַכער נאָך איז געוואָרן די לאַגע, ווען די זון איז, ענדלאַך, פאַרשוואונדן געוואָרן. ווי די שאָטנס, זיינען די מענטשן אַרומגעגאַנגען אין די פינסטערע קאָרידאָרן פון זייערע שיפן, וואו די לופט איז געווען פייכט און פאַרדאָרבן. אַרויסגיין אין דרויסן איז אויך געווען נישט בעסער, דען אַרום איז געווען חושך-פינסטער, מען האָט די וועלט נישט געזען, באַזונדערס, ווען שנייווינטן האָבן געקערט הימל און ערד. און אָט פלעגט מען זיך ליגן פאַרשלאָסן אין די שיפצימערלאַך, לייענען דאָרט דעם תּנ״ך ביי אַ קליין חלב־ליכטל און בעת מעשה הערן דאָס שרעקלאַכע קרעכצן פון דער שיף, וואָס קאָן זיך ענדיקן יעדע מינוט מיט אַ קאַטאַסטראָפע. טײַלמאָל, ווען דאָס אייז פלעגט אָנהויבן אומוואַרפן די שיף און אַלץ אינעווייניק האָט זיך אָנגעהויבן אַרומשליידערן פון איין אָרט צום צווייטן, איז די לאַגע געווען גאָר אומדערטרעגלאַך; מען איז קיין איינציקע מינוט נישט געווען זיכער מיטן לעבן. דער עולם פלעגט ווערן עטוואָס מונטערער, ווען די גלאָק פלעגט אָנהויבן רופן אַלעמען צום עסן. אָבער אויך אין אָט דער ווײַלע איז די מרה-שחורה אינגאַנצן נישט פאַרשוואונדן, דען יעדער איינער האָט פשוט מורא געהאַט אויפצוהויבן די אויגן צום אַנדערן, ווייל מען האָט שוין געוואוסט, אַז מען וועט דערבײַ דערזען נאָר אַ פאַרצווייפלטע און טרויעריקע מינע און קיין גוט וואָרט וועט מען אודאי נישט הערן, ווייל קיינער האָט דאָך קיין נײַעס נישט געהאַט צו דערציילן. יעדערער האָט דעריבער זיך געאײַלט וואָס גיכער צו ענדיקן דאָס עסן און פאַררוקן זיך אין זיין ווינקעלע. אָ, ווי דערלעבט מען שוין, אַז די שרעקלאַכע פינסטערניש זאָל אַריבערגיין און די זון זאָל זיך שוין ווײַדעראַמאָל באַווייזן!

מיט פראַנקלינס עקספּעדיציע האָט, אויסערדעם, זיך נאָך געטראָפן אַ שרעקלאַכע נידערטרעכטיקייט, וועלכע מען קאָן דערמאָנען נאָר מיט אָפּשוי: דער סוחר, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צוצר־

שטעלן פאַר דער עקעפעדיציע פליישקאָנסערוון, דערראָזיקער סוחר האָט אָנשטאָט פריש פלייש אָנגעפּאַקט די בלעכענע קעסט-לאַך מיט שפּענער, זאַמד און פאַרפוילט פלייש. שפּעטער האָט מען אַנטדעקט טויזנטער קעסטלאַך אַזעלכע אויף די ברעגן, וואו די שיפן האָבן זיך ווינטער אויפגעהאַלטן. מיט אַזאַ פּראָוויאַנט האָט מען זיך נישט געקאָנט האַלטן דריי יאָר לאַנג, און די לייט פון דער עקספּעדיציע האָבן שוין דעם צווייטן ווינטער געמוזט ציטערן, אַז עס וועט זיי אײַנגיכן פאַרפעלן פּראָוויאַנט, אויב צום דריטן ווינטער זאָל קיין הילף נישט קומען, דאַן וועט זיי אַלע מוזן אומקומען פון הונגער!

ענדלאַך, איז אָבער דער צווייטער ווינטער אויך אַריבער, און די זון האָט זיך צוריק באַוויזן. אין די שיפקאָרידאָרן איז ביסלאַכווייז געוואָרן ליכטיקער און מען האָט שוין מער נישט געברויכט אָנצוצינדן דאָס חלב׳נע ליכטל, כּדי צו קאָנען לייענען אַ בוך. לסוף איז אויך געקומען די צייט, ווען די זון האָט ווידער אָנגעהויבן שײַנען פיראונצוואַנציק שעה נאָכאַנאַנד און פערבלענדן די אויגן מיט אירע ליכטיקע שטראַלן, וועלכע האָבן אַדורכגעשײַנט דורך די אײַזווענט, אין וועלכע די שיפן זײַנען געווען אײַנגעשלאָסן. פונדערווייטן, אין דרום און אין מזרח, האָבן זיך געזען די בערג פון קעניג ווילהעלם־לאַנד. אָ, ווען דאָס אײַז זאָל נאָר אַ ביסל לאָקערער ווערן און זיך לאָזן גיין ווייטער! אָבער ווייטער צו מערב זײַנען נאָך אַלץ געלעגן אומ-ענדלאַכע אײַזפעלדער און די שיפן זײַנען בלי ספק באַשעדיקט געוואָרן דורך דער געוואַלטיקער פּרעסונג פונם אײַז. צוויי אָפי־צירן מיט נאָך זעקס מאַן האָבן זיך געלאָזט וואַנדערן איבערן אײַז צופוס אויף קעניג ווילהעלם־לאַנד, פון וואַנען מען קאָן ביי אַ קלאָרן וועטער דערזען די יבשה פון צפון־אַמעריקע. דאָרט, פון וואַנען זיי האָבן זיך צוריק אומגעקערט צו די שיפן, האָבן זיי צווישן די שטיינער אַנידערגעלייגט אַ קורצן באַריכט וועגן זייער לעבן אויף די שיפן. דעמדאָזיקן באַריכט האָט מען געפונען מיט פיל יאָרן שפּעטער.

די וואַנדערער זײַנען געקומען צוריק מיט גוטע ידיעות און

גרויסע האָפנונגען. אָבער וואָס פאַר אַ קלאַפּ האָט זיי דאָ געטראָפן! אַדמיראַל פראַנקלין ליגט אויפן בעט שוין האַלב טויט... דאָס צו־לאַנגע וואַרטן האָט אים געקאָסט דאָס לעבן. ער האָט נאָר דערלעבט צו הערן די גוטע ידיעה פון די וואַנדערער, אַז מען קאָן באַטראַכטן דעם צפון־מערב־דורכגאַנג אַלס אַנטדעקט. אַ פּאָר טעג נאָכדעם, אין יוני 1847, איז ער געשטאָרבן, און דערדאָזיקער טויט דאַרף נאָך באַטראַכט ווערן אַלס אַ גליק פאַר אים, אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס האָט דערוואַרט זיין עקספּעדיציע...

דער לאַנגער פּאָלאַר־טאָג האָט דעמאָלט דערגרייכט זיין גרעסטע הויך. די זונשטראַלן האָבן זיך געבראָכן אין קריסטאָלאייז און זיינען זיך צופאַלן אין אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן. אויף די שיפן איז געווען טויטשטיל. אויפן הויכן זעגל האָט געפלאַטערט די איינגלישע פאָן. ערנסטע מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען שטיל און פאַרטראַכט, גערעדט אויפן אויער צווישן איינאַנדער נעבן דעם צימער פון אַדמיראַל. בלאָס און אָן כוח זיינען זיי געבליבן, ווי יתומים, ווען זייער אָנפירער, וועלכער האָט בעסער ווי עמיצער פון זיי געקאָנט די ברעגן פון דער נאָנטער יבשה, איז געשטאָרבן. דער שיפסטאָליאַר האָט אויסגעבויט אַ טרומנע פאַרן אַדמיראַל. דער אַדמיראַל איז דערין אַריינגעלייגט געוואָרן אין זיין פולן מונדיראָנצוג. די טרומנע האָט מען אַרויפגעטראָגן אינדערהויך אויפן שיף און פון דאָרט אויפן אייז אַראָפּ. אַ קבר האָט מען אויסגעהאַקט אינם קריסטאָל־קלאָרן אייז; דאָרט האָט מען אַריינגעשטעלט די טרומנע און צוגעדעקט זי מיט שטיקער אייז און פאַרשאָטן מיט אייזפּולווער. דער נייער קאָמאַנדיר, קאַפּיטאַן קראָזיער, האָט באַקלאָגט דעם אַדמיראַל אין אַ האַרציקער טרויערדעדע, און אַלע שיפסלייט האָבן זי אויסגעהערט אין אַ פייערלאַכער שטימונג. יעדערער פון זיי האָט זיך דערביי דערמאָנט, אַז אויך אים וואַרט אפשר אָפּ אַזאַ קבר אינעם וויסטן אייז־מדבר; אָבער קיינער האָט דערביי נישט געשפּירט קיין חרטה אויף זיין טיילנעמען אין דער רייזע; פאַרקערט, יעדערער איז זיך דערהויבן געוואָרן אין די אייגענע אויגן, דען

ער האָט דערשפירט, ווי גרויס עס איז די מסירות-נפש, מיט וועלכער ער האָט זיך געלאָזן אין ווייטן אייז-מדבר אַריין אין די אינטערעסן פון דער מענטשהייט און דער וויסנשאַפט...

אין אַ טיפן שווייגן האָבן די שיפסלייט זיך אומגעקערט צוריק צו זייערע איינגע און פינסטערע וואוינונגען אין די שיפן, וואו זיי האָבן זיך איצט געשפירט אומגליקלעכער און פאַרלאָזענער, ווי פריער. זיי זיינען איצט ווידער פאַראורטיילט געווען צו ב/ בן אַ יאָר לאַנג איינגעשלאָסן אין די שרעקלעכע אייזבערג!

אין נאַכט און אייז.

מ'איז ווידער געקומען די צייט, ווען דאָס אייז האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן און מען האָט געקאָנט האָפן, אַז ס'וועט זיך ווייזן אַ פרייער וואַסערוועג. די שיפסלייט האָבן אָנגעהויבן מאַכן עקספּעדיציעס אין אַלע זייטן, וואו ס'האָט זיך נאָר געזען דער אָפענער ים. אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט, דאָס אייז האָט זיי געהאַלטן פעסט איינגעשלאָסן! אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיי באַמערקט, צו זייער גרויסער פרייד, אַז דאָס גאַנצע אייזפעלד, אין וועלכן זיי זיינען איינגעשלאָסן, באַוועגט זיך צו דרום צו. דידאָזיקע אַנטדעקונג האָט עטוואָס פאַרלייכטערט די געמיטער, דען מען האָט זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז אַזויאַרום וועט מען דאָך אפשר קומען צו דער יבשה. די שיפסלייט איז געווען באַוואוסט, אַז אין ווייטן צפון האָט אַ גרויסע אַמעריקאַנישע אינדוסטריע-געזעלשאַפט געגרינדעט אַ האַנדלס-סטאַציע, און זיי האָבן איצט געהאָפט, אַז עס וועט זיי אפשר געלינגען צו קומען צו דערדאָזיקער סטאַציע און אַזויאַרום וועלן זיי געראַטעוועט ווערן...

דער הערבסט איז דערווייל געגאַנגען מיט שנעלע טריט, אָבער די האָפנונג אויסגעלייזט צו ווערן האָט פאַר די שיפסלייט ווידער אָנגעהויבן פאַרשווינדן, דען וואָס אַ טאָג ווייטער, איז מען אַלץ נענטער געקומען צום ווינטער. דערדאָזיקער דריטער ווינטער האָט געדאַרפט זיין דער שרעקלאַכסטער, דען אין יענע ווייטע מקומות טרעפט מען נישט ווינטערצייט קיין שום חיה אָדער עוף, אויף וועלכע מען וואָלט געקאָנט גיין אויף יאַגד און באַנייען כאָטש פיל-ווייניק דעם קאַרגן זאַפּאַס פון פּראָ-

וויאַנט. די שיפסלייט האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקן, אַז ס׳וועט
זיי אויסקומען אויסצוגיין ביסלעכווייז פון הונגער. זומער וואָלט
מען נאָך געקאָנט האָפן צו פאַקן ערגעץ אַ הירש אָדער אַ מאָ-
שוס-אָקס, וועלכע קומען אַהין און נערן זיך דאָרט מיטן מאָך,
וואָס זיי גראָבן אַרויס מיט די קאָפיטעס פון אונטערן שניי.
זייער פלייש איז אַזוי גוט, ווי דאָס פלייש פון אַ בהמה און אַ
שעפס. ווען פראַנקלינס שיפסלייט וואָלטן באַגעגנט אַ סטאַדע פון
צוואַנציק-דרייסיק אַזעלכע חיות, וואָלטן זיי געראַטעוועט געוואָרן
פון הונגערטויט. ווען זיי וואָ׳טן, לפחות, באַמערקט אייזבערן—
אין אַ הונגערצייט קאָן מען דאָך אויך זייער פלייש עסן!—אָדער
ים-פערד מיט זייער דיקן שמאַלצרוקן, פון וועלכן מיר באַקומען
טראָן, צי ים-הינט, וואָלטן זיי געהאַט וואָס צו עסן! די שיפסלייט
האָבן פאַרלאָרן יעדע האָפנונג צו קאָנען באַנייען זייער פראָוויאַנט.
די שיפסלייט האָבן ביי זיך געהאַט אַלערליי ביכער און מאַפעס,
אויף וועלכע עס זיינען געווען פאַרצייכנט אַלע אַרומיקע האַנדלס-
סטאַציעס און קאָ׳אָניעס פון די עסקימאָסן און זיי איז גוט באַ-
וואוסט געווען, אַז די עסקימאָסן לעבן נאָר פונ׳ם פלייש פון
דידאָזיקע חיות, אָבער די שפעטע ווינטערצייט האָט זיי גע-
שטערט אויסצונוצען זייערע ידיעות. די שיפסלייט האָבן באַ-
שלאָסן איבערצעווינטערן אַ דריט מאָל אויף די שיפן און זען
אויסקומען מיט די שפייזן, וואָס זיי האָבן.
ווי עס שיינט, זיינען די שיפסלייט געווען אַזוי אָפּהענטיק, אַזוי
אָן מוט, אַז זיי האָבן אפילו אין הערבסט גאָרנישט אונטערגע-
נומען קיין מיטלען צו פאַרבעסערן זייער לאַגע. זיי זיינען שוין
אַלע געווען אַזוי אָפגעשוואַכט פון זייערע צוויי-יאָריקע באַמיונ-
גען, אַז זיי האָט פשוט פאַרפעלט כחות דערצו, און אין אָט
אַזאַ צושטאַנד האָבן זיי זיך צוגעגרייט צו זייער לאַנגן ווינטער-
שלאָף! דערווייל פלעגט די זון זיך נאָך באַווייזן אויפן ברעג
הימל אויף אַ שעה אָנדערטאַלבן, אָבער באַלד זיינען די ליכ-
טיקע מינוטן געוואָרן ווינציקער און ווינציקער און, ענדלאַך, איז
געקומען דער טאָג, ווען מען האָט נאָר אויף איין אויגנבליק
געזען די רובינענרויטע שטראַלן פון דער זון איבערן האָריזאָנט.

אויף צומאָרגנס האָט מען שוין אַרום צוועלף בייטאָג געהאַט נאָר אַ בין־השמשות; דאַן איז דער בין־השמשות אויך געוואָרן פינסטערער און פינסטערער, און נאָר אַ בלוטרויטער פאַסיק אויפן ברעג הימל האָט נאָך געוואָרפן אַ פורפורשיין אויף די אייזפעלדער. אָבער באַלד איז אויך אָט דער לעצטער גרוס פון דער זון פאַרשוואונדן געוואָרן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָלאַרנאַכט, וועלכע דויערט אין יענע געגנטן זעכציק טעג לאַנג. בשעת אויפן צפון־פּאָל גופא דויערט זי גענוי זעקס חדשים. אויפן הימל האָבן געשיינט די שטערן אין דער צייט, ווען דער זייגער אין דער קאַיוטע פון די אָפיצירן האָט געשלאָגן צוועלף בייטאָג.

אמת, נישט אַלעמאָל איז שטאָק־פינסטער. אויסער די שטערן, וועלכע שיינען אין דער ריינער לופט און ביי אַ שאַרפן פראָסט פיל קלאָרער און העלער, ווי ביי אונז, איז אויפן הימל אויך געשטאַנען די לבנה. אָבער אין איר מאַטער און בלאַסער שיין האָבן די אייזפעלדער אויסגעזען נאָך טרויעריקער און וויסטער. אין דער פולשטענדיקער פינסטערניש האָט מען, לפחות, נישט געזען, ווי וויסט און לער עס איז אַלץ אַרום.

ווער ס׳פאַרברייגט אַ ווינטער צום ערשטן מאָל אין די ווייטע פּאָלאַרלענדער, דער געפינט די דאָרטיקע לאַנגע נאַכט זייער שיין און אינטערעסאַנט: דאָס טיפע שווייגן פון דער קאַלטער טונקלקייט מאַכט אַ וואונדערלאַכן איינדרוק אויפן געמיט. דאָרט זעט מען אויף טריט און שריט גאָטס אַלמעכטיקייט. צו באַוואונדערן איז אָבער דאָס צפון־ליכט, וועלכעס מען זעט שוין זייער אָפט אויף דער סקאַנדינאַווישער האַלבאינזל און אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע, ווי אויך אין די ווייטע צפון־קאַנטן פון רוסלאַנד. אמת, היינט ווייסן מיר שוין, וואָס דידאָזיקע ליכטיקייט באַטייט, דען זי שטאַמט דערפון, וואָס די מאַגנעטישע און עלעקטרישע קראַפט פון דער ערד ווירקט אין די געגנטן פון פּאָל זייער שטאַרק און רופט אַרויס לופטשיינונגען; אָבער פונדעסטוועגן קומט־פאָר דידאָזיקע זעלטן־שיינע באַלייכטונג העכסט וואונדערלאַך און מען שטייט פאַר איר ווי פאַר אַ וואונדערלאַכער רע־

טעניש. ווען די פייערצונגען פונם צפון־ליכט פלעגן זיך באַווייזן אויפן הימל, פלעגן די פאַרצייטיקע שוועדישע פעלקער גלויבן, אַז דאָס רייטן מלאכים פון הימל אויף ווייס־פייערדיקע פערד און ציִען מיט זיי אין קאַמף קעגן דעם פיינט. על־פּי־רוב איז דאָס צפון־ליכט נישט קיין באַשטענדיקס. עס שיינט־אויף פּלוצלונג, שטייט אַ ווײַלע אויפן הימל, ווערט בלאַס און פאַרשווינדט. אַמלייַנגסטן דויערט דאָס צפון־ליכט, וועלכעס זעט אויס ווי רונדיקע קוילן אָדער רעגנבויגנאַרטיקע קרייזן, וועלכע דערהייבן זיך טיילמאָל הויך אין הימל אַריין. אָפט זעט מען נאָר איין העלפט פון אַזאַ קרייז, וואָס שיינט ווי אַ פייערזייל אין עק צפון פון האָריזאָנט. אַן אַנדערש מאָל זעט מען אויפפלאַקערן פלאַמענצינגער, וועלכע זייַנען אונטן רויט און אויבן גרין, און שוועבן אַרום געשווינד אויפן הימל. וואָס ווייטער צו צפון, איז די ליכט געלבלאַכער. ווען זייַנע שטראַלן פאַרייניקן זיך אַלע אין איין פונקט, זעט עס אויס ווי אַ קרוין. אין אַזאַ שייַנענדיקער קרוין ווייזן זיך פּראַכטפולע פאַרבן, וועלכע טוישן געשווינד זייער קאָליר. אָבער זעלטן איז זייער שיין אַזוי שטאַרק און העל, ווי די ליכטיקייט פון דער פולער לבנה. אַמפּראַכטיקסטן איז דאָס צפון־ליכט, ווען די שטראַלן לאָזן זיך אַראָפּ פון הימל, ווי אַ פאָרהאַנג, וואָס פלאַטערט אין ווינט.

פאַר אונזערע שיפסלייט, וועלכע זייַנען געזעסן ווי געפאַנגענע אין אייז, האָט אָבער דאָס צפון־ליכט נישט געהאַט מער קיין חן. אויסגעמאָגערט און אויסגעמאַטערט פון שפּייזן זיך מיט פאַרדאָרבענעם פּראָוויאַנט, זייַנען זיי געלעגן אין זייערע קאַיוטעס און צוגעהערט זיך, ווי דער אומרו פון וואַנטזייגער קלאַפּט אָפּ די מינוטן איינע נאָך דער אַנדערער. אין זייער לעבן איז קיין שום ענדערונג וואָכנלאַנג נישט פאָרגעקומען. אַרום האָט געהערשט אַ שטילקייט פון טויט. די סטאָליאַרעס נאָר האָבן אָפט געהאַט צו בויען טרומנעס, און קאַפּיטאַן קראָזיער האָט שוין געקענט זייַנע מתים־הספּדים אויסנווייניק. אין לעצטן ווינטער זייַנען געשטאָרבן ניין אָפיצירן און עלף מאַטראָזן, ווי מען קאָן עס אַרויסזען פון אַ קליינער רשימה, וואָס מען האָט עלף יאָר־

שפּעטער געפונען אונטער אַ פּיראַמיד פון שטיינער, וועלכע איז געווען צוזאַמענגעלייגט אויפן ברעג.
אויך די פינסטערע חדשים פון דריטן ווינטער האָבן אָבער זיך שוין געהאַלטן ביים ענדיקן. אין דרום האָט זיך ווידער באַוויזן אויפן ברעג הימל אַ רויט פּאַסיקל, וועלכעס איז געוואָרן אַלץ ליכטיקער און העלער. אָנשטאָט דעם שטענדיקן חושך האָט מען דערזען אַ בין-השמשות און, ענדלאַך, האָבן זיך באַוויזן אויפן הימל די ערשטע שטראַלן פון דער זון. קיינמאָל האָבן נאָך מענטשן מיט אַזאַ פרייד נישט באַגעגנט די זון, ווי די שיפס-לייט פון פראַנקלינס עקספּעדיציע דעם דריטן ווינטער. פאַר זיי זיינען דידאָזיקע שטראַלן געווען די בשורה פון לעבן און רע-טונג. די זון האָט זיי נישט בלויז געלויכטן, זי האָט זיי אויך געבראַכט פרישן מוט און נייע האָפנונגען. צי וועלן דידאָזיקע האָפנונגען זיך פאַרווירקלאַכן? אָדער צי וועלן זיי נישט זיין די לעצטע אין זייער לעבן?...

די וואַנדערונג צום טויטבערג.

צום לעצטן מאָל האָט מיט דער נייער זון אויפגעוואַכט אויך די שיפסלייט די האָפנונג. דער קאַפּיטאַן קראָזיער איז אפילו געווען זיכער, אַז דאָס איז נישט קיין אומזיסטע האָפנונג, דען קיינמאָל האָט אים נישט פֿאַרלאָזט זיין פעסטער מוט. ער האָט דעריבער באַשלאָסן אָנצעווענדן אַלע כחות און מאַכן די לעצטע פּראָבע, צו באַפרייען זיך פון די אייזמויערן, וועלכע האָבן אים, ווי מיט אייזן איינגעשמידט. איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן האָט ער פֿאַרזאַמלט אַלע זיינע לייט און האָט זיי דערקלערט אין אַ פייערלאַכער רעדע, אַז מען באַדאַרף איצט מאַכן די לעצטע פּראָבע צו ראַטעווען זייער לעבן און ער רעכנט דעריבער, אַז יעדער וועט טאָן, וואָס ער וועט נאָר קאָנען און וואָס עס וועט זיך נאָר פֿאָדערן. בסך-הכּל איז די עקספּעדיציע איצט באַשטאַנען שוין בלויז פון הונדערט און פינף מאַן, אָבער פיל פון זיי זיינען געווען קראַנק און טייל זיינען שוין געלעגן גוסס. די יונגע זון האָט אָבער ביי אַלעמען גלייך דערוועקט פרישן מוט מיט פרישע כּוחות און אַ גרויס חשק צו אַרבעטן. מען האָט געמאַכט עטלאַכע שליטנס. מיט פיל יאָרן צוריק זיינען אויף דעם אָרט איינגעפראָרן געוואָרן דריי שיפן צו כאַפּן וואַלפישן; אויך זיי האָט מען באַפרייט פון אייז און אַרויפגעבראַכט צוזאַמען מיט די שליטנס אויפן אייז. פונם פּראָוויאַנט, וואָס מען האָט דעמאָלט פֿאַרמאָגט, האָט מען אויסגעקליבן דאָס בעסטע און איינגעפּאַקט אין די שליטנס, אויף וועלכע מען האָט אויך אַרויפגענומען אַלע אינסטרומענטן, ביקסן און מוניציע, געצעלטן און אַלערליי אַנדערע זאַפּאַסן. אַ באַזונדערן שליטן מיט

בעסלאַך האָט מען איינגעאָרדנט פאַר די חולאים. בינו-לבינו זיינען די טעג געוואָרן לייגער, און לסוף איז ביי אַלעמען אַזוי שטאַרק געוואָרן דער חשק צו לאָזן זיך באַלד אין וועג אַריין, אַז וועגן אָפּלייגן די נסיעה האָט שוין איצט מער נישט געקאָנט זיין קיין רייד. אָבער דוקא אָט די איילעניש האָט זיך געדאַרפט אַרויסווייזן קריטיש פאַר די פאַראומגליקטע. דער מיטגענומענער פּראָוויאַנט האָט געקאָנט קלעקן העכסטענס אויף פערציק טעג, אָבער צו יענער צייט האָט מען נאָך נישט געקאָנט האָפן אויף הירשן אָדער ים־פערד, וועלכע מען וואָלט געקאָנט דערשיסן און זיך נערן מיט זייער פלייש.
איידער מען האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין, האָט יעדערער נאָכאַמאָל איבערגעקוקט זיינע איבערגעלאָזטע זאַכן אין די שיפן און מיטגענומען בלויז דאָס, וואָס מען האָט געקאָנט. אַ תנ״ך און אַ זייגער האָט יעדער מיטגענומען אין קעשענע. די אָפיצירן האָבן צום לעצטן מאָל אָפּגעהאַלטן אויפן שיף אַ באַראַטונג; מען האָט אַדורכגעקוקט אַלץ, צי האָט מען עפּיס נישט פאַרגעסן. אין די שיפן האָט איצט אויסגעזען אַזוי, ווי אין אַ פאַרפלייצט הויז, פון וואַנענמען אַנטלויפט אין איילעניש און מען פאַרכאַפּט מיט זיך נאָר דאָס נויטיקסטע.
דעם 22-טן אַפּריל 1848 האָט זיך דערהערט דער סיגנאַל צו דער רייזע, און די שווער-באַפּאַקטע שליטנס האָבן זיך מיט גרויס מי גענומען רירן אויפן אייז. די מאַטראָזן האָבן אָן אויפהער געמוזט אַרבעטן מיט זייערע העק, לאָפּאַטעס און שפּיזן, צו באַפרייען דעם וועג פון די שטיקער אייז, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט אויף יעדן שריט און טריט. ביז קעניג ווילהעלםלאַנד האָט מען געהאַט צו גיין נאָר פינפאונצוואַנציק קילאָמעטער און פונדעסטוועגן האָט דער וועג געדויערט דריי טעג! הינטער זיך האָבן די לייט נאָך אַלץ געזען אַרויסשטאַרטשען די זעגלען פון זייערע שיפן. ביסלאַכווייז זיינען זיי אַנטרונען געוואָרן פון די אויגן.
דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער נסיעה, האָט אָבער איינגעזען, אַז ווייטער אַזוי צו גיין איז גאָר אוממעגלאַך:

מען האָט צופיל משא מיט זיך. מען האָט דעריבער פון דאָסניי אַדורכגעקוקט די פּאַרפּאַקטע זאַכן און אַרויסגעוואָרפן אַלץ, וואָס איז נישט געווען באַזונדערס נויטיק. דידאָזיקע זאַכן האָבן אין עטלאַכע יאָר אַרום געפונען יענע רייזנדער, וועלכע זיינען גע- פאָרן אויפזוכן די שיפסלייט... דאָס זיינען געווען: מונדירן, מע- שענע קנעפּ, מעטאַלזאַכן און שפּילצייג, וועלכע מען וואָלט גע- קאָנט אויסטוישן ביי די עסקימאָסן און אינדיאַנער אויף עסנ- וואַרג. מיט זיך האָט מען שוין איצט געפירט נאָר פּראָוויאַנט און מוניציע, ווייל ווען דאָס ערשטע וועט זיך ענדיקן, וועט מען אפשר מיט דעם צווייטן קאָנען באַקומען פריש פלייש.

די רייזע האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי שוין מיט לייכטערע שליטנס. אָבער מען איז נאָך נישט ווייט אָפּגעגאַנגען, ווען דער לייטינאַנט פון שיף „טעראָר", דזשאָן אירווינג, איז אַני- דערגעפאַלן טויט. די חברים האָבן אים איינגעוויקלט אין זעגל- לייוונט, אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ מיט אַ זיידענעם טוך און אַני- דערגעלייגט אים צווישן אויפגעשטעלטע שטיינער. דעמדאָזיקן קבר האָבן זיי אויך מיט שטיינער פאַרדעקט. נעבן זיין קאָפּ האָבן זיי אַנידערגעלייגט אַ מעדאַליאָן מיט דער אויפשריפט: „צווייטער מאַטעמאַטיק-פּריז פון דער קעניגלאַכער פלאָט-קריגס- שולע, געגעבן דזשאָן אירווינג 1830". לויט דעמדאָזיקן מעדאַ- ליאָן האָט מען שפּעטער אַנטדעקט זיין קערפּער און אָפּגעפירט דעם מת צו קבר אבות קיין איינגלאַנד.

איצט ווערן אָנגערופן אויף קעניג ווילהעלם-לאַנד צוויי אַריינ- פאָר-וועגן מיטן נאָמען פון די שיפן, וואָס האָבן געהערט דער- דאָזיקער אומגליקלאַכער עקספּעדיציע. ביים צפונדיקן אַריינפאָר- וועג, וועלכער הייסט „ערעבוס", זיינען די אומגליקלאַכע געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז זיי האָבן דאָ איבערגעלאָזן אַ שליטן מיט צוויי וואַלפיש-שיפלאַך, ווי אויך פיל אַנדערע זאַכן. אויפן וועג זעט מען אַ היבש ביסל קברים, וועלכע זיי האָבן איבער- געלאָזן. די קברים זיינען אַלץ איינפאַכער, וואָס נענטער צו דרום. קענטיק, אַז די אומגליקלאַכע זיינען שוין אַזוי געווינט

געווען צו מאַכן די קברים, אַז ס'האָט זיי שוין מער נישט גע-קימערט, ווי אַזוי זיי וועלן אויסזען. קיין כחות צו איבעריקער אַרבעט האָט מען אויך נישט געהאַט!...

אָבער אָט איז געקומען דאָס שרעקלאַכסטע! אויפן אַריינפאַר-וועג „טעראָר" האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּירוד צווישן די מאַטראָזן און ס'איז נישט געווען קיין מאַכט, וואָס זאָל זיי פאַרייניקן און צווינגען צו געהאָרכן. געבליבן זיינען נאָך לערך הונדערט מאַ-טראָזן מיט אָפיצירן און אָט האָבן זיי זיך צוטיילט אויף צוויי גרופּעס. די שוואַכערע גרופּע האָט געוואָלט גיין צוריק אויף די שיפן, וואו מען איז, לפּחות, געווען זיכער פון ווינט און מען האָט נאָך אויך געקאָנט געפינען לעבנסמיטלען. די צווייטע גרו-פּע האָט זיך געלאָזן מיטן דריטן וואַלפיש-שיפל ווייטער אין וועג אַריין, ליינג-אויס דעם דרום-ברעג, האָפנדיק צוצוקומען צו דער יבשה, וואו עס גייען גרויסע טייכן, אין וועלכע מען קאָן גע-פינען פיש. ס'איז קיין ספק נישט, אַז דידאָזיקע גרופּע האָט צוגעזאָגט צו ברענגען הילף די חברים אויף די שיפן, ווי נאָר מען וועט געפינען הילף.

ס'איז אויך קיין ספק נישט, אַז די וואַנדערונג פון די צוריק-קערנדיקע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע, אָבער פאַרצווייפלט איז אויך געווען דער מאַרש פון די ווייטער-גייענדיקע. וועגן דעם שיקזאַל פון דער ערשטער גרופּע ווייס מען כמעט גאָרנישט; די צווייטע גרופּע האָט זיך געשלעפּט מיד פאָרווערטס מיט איר שיפל, ביז מען איז געפאַלן אויפן וועג טויט איינער נאָכן אַנ-דערן... איצט האָט מען שוין פאַר קיינעם קיין קברים נישט ג'מאַכט. מען האָט זיך בכלל נישט אָפּגעשטעלט צוליב אַ גוסס, נאָר איבערגעלאָזן אים זיין טרויעריקן גורל. יעדער האָט גע-האַט גענוג צו זאָרגן פאַר זיך. טייל מאַטראָזן זיינען געפאַלן טויט אינמיטן גיין, ווי מען האָט עס שפּעטער געקאָנט זען פון די געפונענע סקעלעטן, וועלכע זיינען געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד.

גאָר אומזיסט האָבן די אומגליקלאַכע אַוועקגעלייגט פיל מי צו שלעפּן מיט זיך מוניציע. קיין איינציק מאָל איז זיי נישט באַ-

שערט געוועזן צו שיסן, ווייל אין מאַי און אין יוני קומען נאָך נישט קיין שום חיות אין יענע ווייטע מקומות אויף דער אינזל.

די צאָל פון די אומגליקלאַכע איז געוואָרן אַלץ ווייניקער. איצט האָבן זיי אין דעם קליינעם וואַלפיש-שיפל געוואַרט, אַז דער ים זאָל זיך עפענען און מען זאָל קאָנען זיך אַריבערשיפן פון דער אינזל אויף דער יבשה. געוויינלאַך עפנט זיך דאָרט דאָס אייז אין אָנהויב יולי און אַלענפאַלס זייגען די איבערגעבליבע-נע ביים לעבן נאָך אַריבער דעם ים-דורכגאַנג, ווייל מען האָט שפּעטער אַנטדעקט אין אַ ים-אויסגוס דאָס שיפל מיט סקעלעטן און אַלערליי מכשירים. דעם אָרט האָט מען אַ נאָמען געגעבן „טויט-ברעג". פיל מאָמענטן פון דערדאָזיקער שרעקלאַכער לעצ-טער רייזע זיינען עד-היום נאָך נישט באַוואוסט. מען פאַרשטייט נישט, למשל, צו וואָס האָבן די אומגליקלאַכע בכלל געשלעפּט מיט זיך צוויי חדשים נאָכאַנאַנד דעם שווערן שליטן, בשעת זיי האָבן נאָך אין פאָריקן יאָר געוואוסט, אַז דער אַריבערגאַנג צו דער יבשה איז דאָרט בכלל נישט קיין ווייטער. דאָסדאָזיקע רעטעניש, ווי אויך נאָך פיל אַנדערע פּרטים פון דערדאָזיקער שוידערהאַפטער נסיעה וועלן אָבער קיינמאָל נישט אַנטדעקט ווערן, ווייל קיין איינציקער מענטש פון דער גאַנ-צער עקספּעדיציע האָט זיך נישט אַרויסגעראַ-טעוועט.

בשעת מען האָט אין איינגלאַנד איינגעזען, אַז מיט דער עקס-פּעדיציע האָט געמוזט טרעפן אַן אומגליק, האָט מען געשיקט אַ צווייטע עקספּעדיציע זי אויפצוזוכן. אין הערבסט 1850 האָבן פופצן שיפן זיך פאַרנומען מיטן זוכן די פאַראומגליקטע. די גרעסטע ענערגיע און העלדישקייט האָט דערביי אַרויסגעוויזן פראַנקלינס פרוי, וועלכע האָט יאָרנלאַנג זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דער האָפנונג צו זען זיך ווידער מיט איר מאַן. איר גאַנץ פאַרמעגן האָט זי אָפּגעגעבן אויפצושטעלן אַן עקספּעדיציע פון שיפן מיט שיפסלייט, צו ברייגגען הילף איר מאַן. די איינגלישע רעגירונג האָט במשך פון זעקס יאָר אויסגעגעבן אויף אַזעלכע הילפ-

עקספעדיציעס זעכצן מיליאָן מאַרק. אָבער אומזיסט! דאָס אומגליק איז געשען שוין מיט אַ פּאָר יאָר פריער. איין עקספּעדיציע, וואָס איז אָפּגעפאָרן נאָך אין יאָר 1848, איז געבליבן שטעקן פעסט אין אייז און איז געפאַלן אויף אַ גאַנץ וואונדערלאַכע המצאה צו מעלדן וועגן איר אומגליק: זי האָט געכאַפּט אַ סטאַדע באַרגפוקסן, וועלכע געפינען זיך אין יענע געגנטן; האָט מען יעדן פוקס אָנגעהאַנגען אויפן האַלז אַ בלעך, אויף וועלכער ס'איז געווען אויסגעקריצט די געשיכטע פון די פאַראומגליקטע, און אָט אַזוי האָט מען די פיקסן געלאָזן לויפן.
אין יאָר 1854 האָט מען ענדלאַך שוין געוואוסט אויף זיכער אין איינגלאַנד דאָס שיקזאַל פון פראַנקלינס עקספעדיציע. אַלע טייל־נעמער פון דער עקספעדיציע זיינען אויסגעשטאָרבן געוואָרן פון דער איינגלישער פלאָטליסטע. אין פראַנקלינס געבורטשטאָט האָט מען אים געשטעלט א מאָנומענט צווישן די מאָנומענטן פון פיל אַנדערע איינגלישע העלדן.
אַ באַרימטער פילרייזנדער האָט אים צום אָנדענק געמאָלט אַ בילד מיטן נאָמען „דער טויטבערג": אויף אַ וויסטן ברעג אינמיטן אייז און שניי ליגט אַ וואַלפיש־שיפל. אַרום אים ליגן צעוואָרפענע פעק זאַכן. צווישן די פעק זעט מען טויטגעפאַלענע מענטשן. אין שיפל ליגן אויך טויטע מענטשן מיט פאַרגליווערטע פנימער פון אימה און פאַרצווייפלונג. איינער פון זיי איז נאָר־וואָס גע־שטאָרבן: אין איין האַנט האַלט ער אַן אָפענעם תנ"ך, זיינע אויגן זיינען געווענדט צו די הייליקע שורות און אויפן פנים שפיגלט זיך אָפּ אַ גליקלאַכער שמייכל. ביים שיפל שטייט אויף די קני קאַפּיטאַן קראָזיער, דער לעצטער, וואָס איז געבליבן ביים לעבן. מיט קאַלטבלוטיקער רויקייט האַלט ער אַ ביקס אין דער האַנט, גרייט צו שיסן צוויי אייזבערן קומען־צו נענטער. דער קאַפּיטאַן, וואָס קאָן קוים אָטעמען, וויל באַשיצן פאַר די בערן זיך און זיינע טויטע חברים.

וואָס די עסקימאָסן דערציילן.

דרייסיק יאָר נאָכן אונטערגאַנג פון פראַנקלינס עקספּעדיציע, איז לייטענאַנט שוואַטקאַ אַרויסגעפאָרן אויפן ווייטן צפון, צוזאַמלען דאָרט ידיעות וועגן איר. ס'איז דאָך קיין ספק נישט, אַז פיל פון די פּאַראומגליקטע האָבן געפירט אַ טאָגבוך. ווען מען זאָל כאָטש איינעם געפינען, וואָלט מען זיך דאָך אויך דערוואוסט די פּרטים, וואָס האָבן געבראַכט די עקספּעדיציע צום אונטערגאַנג.

שוואַטקאַ האָט צוערשט באַזוכט די עסקימאָסן, וועלכע קומען אַמבאַנטסטן אויף זייער זומעריאַגד צום קעניג ווילהעלם-לאַנד. ביי פיל פון זיי האָט ער געפונען זאַכן, וואָס האָבן געהערט צו דער עקספּעדיציע. דאָס מערקווירדיקסטע איז אָבער געווען דאָס, וואָס די אַלטע עסקימאָסן האָבן דעציילט.

אַן אַלטע פרוי האָט מיט איר פאַרשטאָרבענעם מאַן און מיט נאָך אַנדערע צוויי משפחות צוזאַמען באַזוכט די קעניג ווילהעלם-אינזל מיט פיל יאָר צוריק, צו פאַנגען דאָרט חיות. האָבן זיי מיט דער גרעסטער פאַרוואונדערונג און שרעק דערזען אַ קאָמפּאַניע פרעמדע מענטשן, וועלכע האָבן מיט זיך געשלעפּט אַ שליטן. אין ערשטן מאָמענט האָבן זיי געוואָלט אַנטלויפן, אָבער איינער פון די פרעמדע לייט איז צו זיי צוגעלאָפן און אָפּגעהאַלטן זיי. צוזאַמענריידן זיך האָבן זיי געקאָנט נישט אַנדערש, ווי דורך צייכנס, און אַזויאַרום האָבן די עסקימאָסן זיך דערוואוסט, אַז די ווייסע מענטשן שטאַמען פון אַן אונטערגעגאַנגענער שיף. זיי זיינען געווען שרעקלאַך אויסגעהונגערט און מאָגער; אַרום די אויגן האָבן זיי געהאַט שוואַרצע קרייזן. דאָס מויל איז ביי זיי

געווען פעך־שווארץ און פארשמאכט. פיר טעג זענען די עסקי־מאסן געבליבן מיט זיי צוזאמען. זיי האבן אפגעגעבן די אומגליקלאכע דאס פלייש פון א געכאפטן ים־הונט און האבן באקומען דערפאר א מעסער. די פאראומגליקטע האבן צוגעבראכט די נאכט טיילווייז אין שיף, טיילווייז אין א קליינעם געצעלט. קיין לעבנסמיטלען האבן זיי נישט געהאט. איינער פון זיי איז געווען א הויך־געוויקסיקער מאן און מען פלעגט אים רופן „דאקלוט"— ס'הייסט: דאקטאר. די עסקימאסן וואלטן פארבליבן מיט די לייט נאך לייגגער, אבער עס האט זיך אנגעהויבן דער אייזגאנג, און זיי האבן געמוזט פארבלייבן דעם גאנצן זומער אויף דער אינזל. די אומגליקלאכע האבן זיי פארלארן פון די אויגן.

דעם צווייטן יאר זיינען דיזעלבע עסקימאסן געקומען צוריק צום דרום־ברעג פון דער אינזל און האבן געפונען דארט א געצעלט, נעבן וועלכן עס זיינען געלעגן עטלאכע סקעלעטן, וואס נאר צוויי פון זיי זיינען נאך געווען באדעקט מיט שטיינער און זאמד. אויך אין געצעלט זיינען געלעגן פיל מתים אין זייערע קליידער אויף די בעטן צוגעדעקט מיט די קאלדרעס. אויף די פיס האבן זיי נאך געהאט שטיוול. קענטיק, אז זיי זיינען געשטארבן אין שלאף אויף זייער געלעגער, אדער זיי האבן פשוט נישט געהאט קיין כוח אויפצושטיין. פארקערט, די, וועלכע זיינען געלעגן טויט ארום געצעלט, האבן זייערע חברים נאך געהאט כוח ארויסצוטראגן פון געצעלט. די עסקימאסן האבן געפונען אין געצעלט מעסערס, לעפל, זייגערס, פאפירן, אינסטרומענטן און אנדערע זאכן, וועלכע זיי האבן צוגענומען פאר זיך.

אנדערע עסקימאסן דערציילן, אז זיי האבן געפונען אויף דער יבשה א שיפל מיט פיל סקעלעטן. נעבן דעם שיפל זיינען אויך געלעגן פיר מתים. נאר איינער פון זיי האט נאך געהאט הויט און האר. די האר זיינען געווען בלאנד און ס'איז געווען קענטיק, אז ער איז געשטארבן ערשט מיט א פאר חדשים צוריק פאר זייער קומען. אויף איין פינגער האט ער געהאט א גאלדענעם רינג, זיין זייגער איז געהאנגען אויף א קייטל. נעבן אים

זיינען געלעגן אַ פּאָר בלויע ברילן. די עסקימאָסן האָבן צוגענו־
מען פּאַר זיך אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ ווערט. צווישן די־
דאָזיקע זאַכן איז געווען אַ זעג, לייוונט פון זעגלען, מלבושים,
אַ קאָמפּאַס, אַ טאַבאַקפּושקע און אַ בלעכענער קאַסטן מיט ביכער.
די ביכער האָבן זיי אָפּגעגעבן די קינדער צו שפּילן און במשך
פון דער צייט זיינען זיי צוריסן געוואָרן. ס'איז קיין ספק נישט,
אַז דאָס זיינען געווען די אומשעצבאַרע שיפסביכער, וואו די
רייזנדער האָבן טאָג-טעגלאַך פאַרשריבן אַלע זייערע באַאָבאַכטונ־
גען און איבערלעבענישן, ווי אויך די דורך זיי געצייכנטע
קאַרטן במשך פון דריי יאָר. איינגלאַנד וואָלט פאַר אַזעלכע פאַ־
פירן אָפּגעצאָלט פיל מיליאָן!
לסוף האָט נאָך איינער אַן אַלטער עסקימאָס דערציילט, אַז ער
מיט זיינע חברים האָבן מיט דרייסיק יאָר צוריק אַנטדעקט אַ
שיף, וואָס איז געשטאַנען איינגעשמידט אין די אייזמאַסן. דאָס
איז געווען אין הערבסט. און זיי האָבן נאָך אויך געזען שפּורן
פון מענשלאַכע טריט אויפן שניי. אינם נאָנטסטן פרילינג זיינען
זיי ווידער געקומען אויפזוכן די שיף, אָבער איצט האָבן זיי שוין
קיין שום שפּור נישט געפונען פון מענטשן און אויפן שיף איז
געווען טויטשטיל. די שיף איז געווען באַדעקט מיט שניי, ווי
עס שיינט, נאָך פון פאָריקן יאָר, און די עסקימאָסן האָבן נישט
געוואוסט, וויאַזוי אַריינצוקומען אין איר, ווייל די אינערלאַכע
טיילן זיינען געווען געשלאָסן. לאַנג האָבן זיי געקלאַפּט אין די
טירן, אָבער קיינער האָט זיי נישט געענטפערט. דאַן האָבן זיי
מיט העק געמאַכט אַ לאָך אין אויבערשטן דעק פון שיף און
זיינען פאָרזיכטיק אַריינגעקומען אין שיף. אינעווייניק איז גע־
ווען שטאָקפינסטער און טויטשטיל. די עסקימאָסן האָבן זיך גע־
נומען צום זוכן: אין איין קאַיוטע האָבן זיי אַנטדעקט אַ טויטן,
נעבן אים, אויף אַ קליינעם טישל, איז געשטאַנען אַ בלעכענע
קענדל מיט אַ פּאָר שטיקלאַך פלייש... ווען דאָס אייז האָט זיך
שפּעטער געעפנט, איז דאָס וואַסער אַריין אין שיף דורכן גע־
מאַכטן לאָך און די שיף איז אונטערגעגאַנגען. דערדאָזיקער באַ־
ריכט איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַנדערע עסקימאָסן.

וואָס פאַר אַ שיף דאָס איז געווען, צי דער „ערעבוס", אָדער דער „טעראָר"—דאָס האָט מען פון די עסקימאָסן נישט געקאָנט דערגיין, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט לייענען.

און ווער איז געווען דער איינזאַמער מת אין דער קאַיוטע? אַ שוידער נעמט אָן ביים גערדאַנק וועגן זיין שיקזאַל. דאָס איז געווען דער לעצטער פון יענע פּופציק שיפסלייט, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט צוריק אויפן שיף פון מיטען וועג. אַלע זיינע חברים זיינען, משמעות, אויפן וועג אויסגעשטאָרבן, נאָר ער איינער האָט נאָך געהאַט כוח צוצושלעפּן זיך צו דער שיף. אין די קאַיוטן איז נאָך געלעגן אַלץ אין דערזועלבער אָרדנונג, ווי זיי האָבן עס איבערגעלאָזן מיט צוויי חדשים פריער. ער האָט, ווי עס שיינט, אויפגעזוכט דאָס לעצט ביסל עסנוואַרג, וואָס איז נאָך אויסן שיף געווען. קאָלדרעס זיינען געווען גענוג, אַ באַ-קוועם בעט אויך. ס'איז געווען סוף זומער; די זון האָט זיך שוין ווייניקער געהאַלטן אויפן הימל. אים האָט זיך גאָר נישט געחלומט, אַז דאָרט, אינדרויסן געפינען זיך מענטשן—עסקימאָסן—וועלכע האָבן מורא אין שיף אַריינצוקומען. און דאָך איז ער גאַנץ אָפט אַרומגעגאַנגען אַרום שיף און געוואַרט אויף הילף! די נאַכטפינצטערניש איז געוואָרן אַלץ לייגער. דער איינזאַמער האָט אָנגעהויבן זיצן איינער אַליין אין זיין קאַיוטע. אַרום האָט געהוליעט דער ווינט; די שיף האָט געקנאַקט און געקרעכצט אין אַלע זייטן, אָבער דער מענטש איז פון זינען נישט אַראָפּ פון פאַרצווייפלונג: רויק האָט ער געוואַרט אויפן טויט! איבערצולעבן דעם פערטן ווינטער האָט ער שוין קיין האָפנונג נישט געהאַט. אויף קיין הילף האָט ער נישט געקאָנט רעכענען. שטיל איז דער טויט צוגעטראָטן צו אים. אין פריען פרילינג איז דער העלד דערנאָך צוזאַמען מיט דער שיף אַראָפּ אין די געזאַלצענע טיפענישן פון ים...

אַ צווייטע רייזע אין די צפון־לענדער.

אַרום דעם צפון־פּאָל געפינען זיך זער פיל אינזלען, קליינע און גרויסע, וועלכֿע זיינען אַנטדעקט געוואָרן דורך די אומ־ציילִיקע רייזנדער, יועלכֿע האָבן געשטרעבט צום צפון־פּאָל. אויב דידאָזיקע אינזלען, אַלס לענדער, האָבן פאַר אונז אַ קנאַפּן ווערט, ווייל באַזעצן וועט מען זיי קיינמאָל נישט קאָנען, האָבן זיי דאָך אָבער אַ גרויסן ווערט פאַר דער וויסנשאַפט דורך די וויכֿטיקע באַאָבאַכֿטונגען, וואָס מען קאָן דאָרט מאַכֿן. פיל וויכֿטיקער איז אָבער אין דער הינזיכֿט דער צפון־פּאָל גופא, דען דאָרט קאָן מען ענדלאַך געפינען אַ ריכֿטיקן ענטפער אויף פיל געאָגראַפישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען נאָך עד־היום נישט פאַרענטפערט געוואָרן. דורך די נסיעות צום פּאָל איז טאַקי אַ היפשער טייל פון דידאָזיקע פּראָבלעמען פאַרענטפערט געוואָרן. אַזאַ פאַרדינסט האָט צווישן אַנדערע אויך די דייטשע צפון־פּאָל־עקספּעדיציע, וועלכֿע איז אונטערגענומען געוואָרן אין די יאָרן 1869 און 1870 דורך די באַמיונגען פון באַרימטן דייטשן געאָגראַף אויגוסט פּעטערמאַן. די־דאָזיקע עקספּעדיציע האָט באַזוכֿט די מזרח־ברעגן פון דער אינזל גרענלאַנד, וועלכֿע איז די גרעסטע אויף דער וועלט און עס וואוינען אויף איר די עסקימאָסן. אַ לאַנגע צייט האָט מען גע־גלויבט, אַז גרענלאַנד ציט זיך סאַמע ביזן צפון־פּאָל; מען האָט אפילו נישט געוואוסט, צי דאָס איז אַן אינזל, ווייל מען האָט געגלויבט, אַז מיט אירע צפון־טאָלן באַהעפט זי זיך ערגעץ מיט אַ גרויסער יבשה. ערשט אין דער לעצטער צייט האָט דער אַמע־ריקאַנער רייזנדער פּור פעסטגעשטעלט, אַז גרענלאַנד איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיטן ים און זי איז, אַלזאָ, אַן אינזל.

מיט אַ יאָר טויזנט צוריק האָבן אויף גרענלאַנד זיך געפונען נאָר־וועגישע קאָלאָניעס; אויף די מערב-ברעגן פון גרענלאַנד זיינען דידאָזיקע קאָלאָניעס אין 14-טן יאָרהונדערט געווען אין אַ בלי-ענדיקן צושטאַנד. צווישן גרענלאַנד און דער אינזל איסלאַנד, ווי אויך נאָרוועגיען, פלעגן דעמאָלט עפטער גיין שיפן. שפּעטער אָבער זיינען דידאָזיקע קאָלאָניעס פאַרלאָזן געוואָרן און גרענ-לאַנד איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער ציוויליזירטער וועלט. ערשט מיט אַ יאָר דריי־פירהונדערט צוריק האָט מען דידאָזיקע אינזל ווידער אַנטדעקט. אין 17-טן יאָרהונדערט זיינען די גרענ-לאַנדישע ברעגן אָפּט באַזוכט געוואָרן דורך די דייטשע און האָ-לענדישע וואַלפיש-פאַנגער. אָבער אַלע רייזנדער און פישער פלעגן אַרויפקומען נאָר אויף די מערב-ברעגן פון גרענלאַנד, ווייל די מזרח-ברעגן זיינען שטענדיק געבליבן פאַרשלאָסן דורך די גרויסע אייזבערג, וואָס די ווינטן ברייגען אַהינצו פון צפון-פאָל. ערשט אין סוף פון 18-טן און אָנהויב 19-טן יאָרהונדערט האָט די געאָגראַפישע פאָרשונג זיך אַריינגעריסען אַהין אויך און ביי היינטיקן טאָג איז די געשטאַלט פון דער אינזל גרענלאַנד שוין פאָלקאָם באַקאַנט.

די דייטשע עקספּעדיציע איז מיט צוויי שיפן—דעם דאַמפער „גערמאַנאַ” און דעם זעגלשיף „האַנזאַ”- אָפּגעגאַנגען דעם 15-טן יולי 1869 פון ברעמען אין דער אָנוועזנהייט פון פּרייסישן קע-ניג ווילהעלם. אָבער שוין אין מיטען יולי האָבען די צוויי שיפן זיך צושיידט, באַלד ווי זיי האָבן דערגרייכט דעם פּאָלאַר-קרייז. דעם דאַמפער „גערמאַניאַ” איז געלונגען אַדורכצושלאָגן זיך ביז די גרענלאַנדישע מזרח-ברעגן, וואוהין ער איז געקומען דעם 5-טן אויגוסט 1869. דעם 12-טן אויגוסט איז די שיף צוגעקומען ביז 75 גראַד מיט 17 מינוט צפון-ברייט*); דאָרט האָט אָבער

*) אַ גראַד האַלט לערך 110 קילאָמעטער און טיילט זיך אויף 60 מינוט, אַ מינוט טיילט זיך אויף 60 סעקונד. פון עקוואַטאָר ביזן צפון-פאָל איז 90 גראַד און יעדען גראַד רופט מען צפון-ברייט, בעת די גראַדן ביזן דרום-פאָל רופט מען דרום-ברייט.

דאָס איז ערקלערט: עד פה תבוא ולא תוסיף—ווייטער נישט פון אָרט. די שיף איז דעריבער אָפגעגאַנגען צוריק צו דרום-זײַט פון די שאַנאָן-אינזלען, כדי צו באַקענען זיך מיט זיי וויסנשאַפטלאַך. דאָרט האָט די שיף באַגעגנט מאָשוס-אָקסן, וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט באַמערקט אויף די מזרח-ברעגן פון גרענלאַנד. צוליב דעם, וואָס דאָס איז האָט אויך דאָ ווייטער נישט געלאָזט גיין, האָט די „גערמאַניאַ" זיך איינגעאָרדענט צום ווינטער אין אַ קליינעם האַפן פון דער אינזל סאַבינע. אַזוי-אַרום איז די עקספּעדיציע געבליבן דאָרט שטיין גאַנצע צען חדשים. אין דערדאָזיקער צייט האָבן די שיפסלייט געמאַכט אַ גאַנצע ריי קלענערע עקספּעדיציעס אויף שליטנס אָדער אין קליינע שיפלאַך און זיך באַקענט מיט די ברעגן פון דער אינזל, וועלכע זיינען נאָך נישט געווען אויסגעפאָרשט.

דער אָרט, וואו די „גערמאַניאַ" איז געשטאַנען די צען ווינטער-חדשים, איז זייער גוט צוגעקליבן געוואָרן: אין צפון-זייט פון שיף זיינען געלעגן הויכע בערג, וועלכע האָבן פאַרשטעלט די שיף פון די גרויסע צפון-ווינטן און פונם שווימענדיקן אייז. די געלערנטע מיטגלידער פון דער עקספּעדיציע: ד"ר בערגען, אָבערלייטענאַנט פאַיער, ד"ר קאַפּלענד און ד"ר פאַנש, האָבן זיך דעריבער געקאָנט רויק אָפגעבן די גאַנצע צען חדשים מיט זייער וויסנשאַפטלאַכער אַרבעט.

דעם פּראָוויאַנט האָט מען אַריבערגעטראָגן פון שיף אויף דער יבשה, וואו מען האָט אויך איינגעאָרדנט צוויי אָבסערוואַטאָריעס: אַן אַסטראָנאָמישע און אַ מעטעאָראָלאָגישע. דעם אויבערדעק פון שיף האָט מען באַדעקט מיט מאָך און אויפגעשטעלט. דערויף אַ געצעלט, כדי דער שניי זאָל אַהין נישט אַריינקומען. שטאַרק געהאָלפן האָט דאָס אָבער נישט און בשעת אַ גרויסן שניישטורם פלעגט דער שניי זיך אַריינקריגן אַהין דורך די שפּאַרעס פון געצעלט און דורכן מאָך און באַדעקן די שיף אויף אַ פוס די הויך. די קאַיוטן האָט מען פון אינעווייניק באַשלאָגן מיט וואָלענע קאָלדרעס און זעגל-לייוונט, כדי צו דערהאַלטן אין זיי די וואַרימקייט. מען האָט אויך איינגעאָרדנט דערין אַ קונציקע ווענ-

טילאַציע, כּדי צו דערהאַלטן ריין די לופט, און אָנגעגרייט גע־
נוג וואַסער פון די טייכן, וואָס זיינען געפלאָסן פון דער אינזל
אין ים אַריין. אַרום דער שיף האָט מען אויפגעשטעלט הויכע
ווענט פון אייזבערג, צו שיצן די שיף פון אַלערליי נישט־
פאָראויסגעזעענע צופאַלן מצד דעם ים.
דידאָזיקע פאָרבאַרייטונגען האָבן געדויערט ביז דעם חודש נאָ־
וועמבער. דאָס וועטער איז געווען שיין, די לופט קלאָר, דער
פראָסט נישט גרויס לויט יענע קאַנטן, סך־הכל צוואַנציק־דרייסיק
גראַד. דאַן האָט אָבער דער פראָסט זיך פלוצלונג געשטאַרקט,
די טעג זיינען געוואָרן קירצער, דעם 6-טן נאָוועמבער איז די
זון איינגאַנצן פאַרשוואונדן און פאַר דער „גערמאַניאַ” מיט אירע
זיבעצן איינוואוינער האָט זיך אָנגעהויבן אַ דריי-חדשימדיקע פאָ־
לאַר־נאַכט. אין דער גאַנצער דאָזיקער צייט זיינען די רייזנדער
געווען באַשעפטיקט אָדער אין שיף, אָדער נאָנט אַרום. ווייטער
גיין איז אַלעמען געווען שטרייַנג פאַרבאָטן. די אָבסערוואַטאָריעס
פלעגן אָפט באַזוכט ווערן דורך אייזבערן, אָבער דורך אַ שיסען
באַצייטנס, פלעגט מען זיי תּיכף פאַרטרייבן. די אַרבעט איז
געגאַנגען רעגולער, ווי אַ זייגער, די וואַך האָט ערלאַך ערפילט
איר פליכט; אַדאַנק דעם איז געלונגען באַצייטנס צו פאַרהיטן
פון אַ שרפה, וועלכע איז איינמאָל אויסגעבראָכן אויפן שיף. די
געלערנטע אָנפירער פון דער עקספעדיציע האָבן אויך איינגע־
אָרדנט פאַר די מאַטראָזן אַ רעגעלמעסיקע נאַוויגאַציע־שולע, וואו
מען האָט מיט זיי געלערנט אַלע מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, פי־
זיק, אַסטראָנאָמישע מעסטונגען, מעטעאָראָלאָגיע א. אַ. וו. מען
האָט אפילו איינגעאָרדנט און אַרויסגעגעבן אַ „מזרח־גרענלאַנדישע
צייטונג”, וועלכע איז ערשינען איינמאָל אין צוויי וואָכן אין
צוויי געשריבענע עקזעמפּלאַרן און האָט ענטהאַלטן הומאָר, ער־
ציילונגען, לידער, רעדעס און „אָפיציעלע מעלדונגען”. דידאָזיקע
צייטונג האָט פיל מיטגעווירקט צו פאַרטרייבן די מרה־שחורה
צווישן די מאַטראָזן—אַ זאַך, וואָס קאָן ווערן העכסט געפערלאַך
אין די לעבנסבאַדינגונגען פון די גרויזאַם־קאַלטע פּאָלאַר־לענדער.

ניי-יאָר האָט מען געפּראַוועט מיט מוזיק, געזאַנג, טענץ און רייניוויין!

דעם 3-טן פעברואַר 1870 האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטראַלן פון דער זון, און פון איצט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די רעגעלמעסיקע טעגלאַכע אַרבעט. מען האָט אָנגעהויבן מאַכן עקספּעדיציעס אויף שליטנס און שיפלאַך. קיין הירשן אָדער הינט צו שלעפּן די שליטנס האָט מען נישט געהאַט—האָט מען זיי געמוזט שלעפּן אַליין מיטן פּראָוויאַנט און מיט אַלערליי אינסטרומענטן, און פונדעסטוועגן איז עס געלונגען די מאַטראָזן אַדורכצופאָרן מיט די שליטנס כמעט אַ פּאָר טויזנט קילאָמעטער אין אַן אומבאַקאַנט לאַנד. דערביי האָט מען שרעקלאַך געליטן פון די אימהדיקע שניישטורמס און טיילמאָל פלעגט עס אויסקומען די רייזנדער זיך אָפּצושטעלן אויף עטלאַכע טעג, ביז דער שטורם וועט אַריבער. אַזאַ זאַך האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט ווערן העכסט געפערלאַך ביי דער קנאַפּקייט פון פּראָוויאַנט.

ווען מען פלעגט ענדיקן דעם טאָגמאַרש, פלעגט מען זיך אויסקלייבן אַן אָרט אויף נאַכטלעגער ערגעץ-וואו ביים ברעג ים. מען פלעגט דערצו מוזן אָפּרייניקן דעם אָרט פון שניי, אַרומרינגלען אים מיט הויכע אייזבערג, באַפעסטיקן דאַן די געצעלטן א. אַ. וו. אַזאַ אַרבעט האָט מען געמוזט מאַכן ביי צוואַנציק גראַד פראָסט און מער! נאָך דערדאָזיקער אַרבעט פלעגט מען אָנפילן דעם קאָכקעסל מיט שטיקער אייז און נעמען זיך וואַרימען אַ וועטשערע און דאַן פלעגט מען אַריינקריכן אין שלאָפזאַק; פריער פלעגט מען פאַרשפּאַרן גוט די טיר פון געצעלט כדי צו פאַרהיטן זיך פאַר אַ וויזיט פון אַן אייזבער. פאַרן שלאָף פלעגט מען אויסטון די שטיוול, וועלכע זיינען געווען גענייט פון זעגלטוך. פון גרויסן פראָסט פלעגן זיי איינגאַנצן איינפרירן,— פלעגט מען מוזן מיט די וואַרימע הענט זיי לאַנג רייבן, ביז זיי פלעגן אָפּגיין פון פראָסט און מען פלעגט זיי קאָנען אַראָפּציען פון די פיס... דאַן פלעגט מען אויך די פאַרפרוירענע זאָקן מוזן אויסטון און אַרויפלייגן זיי אויפן האַרצן איבער דער נאַכט, כדי זיי זאָלן זיך אויסטרוקענען דורך דער וואַרימקייט פון לייב.

און אַט ליגן שוין אַלע צוזאַמען אין גרויסן שלאָפֿזאַק. ס׳איז אייַנג, אָבער דאָס איז טאַקי די הויפּט-מעלה, ווייל אַזוי־אַרום וואַרימט מען זיך בעסער איינער אָן דעם אַנדערן. דער ווינט האַקט דערווייל אָן אַן אויפֿהער אין די ווענט פֿון געצעלט, דער שניי רייסט זיך אַריין דורך אַלע שפּאַרעס און באַדעקט דעם שלאָפֿזאַק. דורכן וואַרימען אָטעם פֿון די מיד־איינגעשלאָפֿענע צוגייט דער שניי און רינט אַריין אין זאַק גלייך אויף דעם לייב...

אָט די כּמעט אוממענטשלאַכע שוועריקייטן האָבן אונזערע שיפֿס־לייט אַריבערגעטראָגן מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט, וואָס מען קאָן עס זעלטן טרעפֿן ביי מענטשן און נאָר אמתע העלדן קאָנען פֿירן אַזאַ לעבן. דערביי פֿלעגן די שיפֿסלייט געפֿינען אַזויפֿיל פֿריילעכקייט אין זיך, אַז עס פֿלעגן נישט פֿעלן קיין וויצן און געלעכטערלאַך. בשעת מען פֿלעגט זיך דאַרפֿן נעמען צום עסן, איז דאָס פֿלייש־געווען געפֿרוירן, האַרט ווי שטיין; פּוטער פֿלעגט יעדערער טראָגן מיט זיך אין קעשענע, ווייל עס איז געווען אַזוי געפֿרוירן, אַז מען פֿלעגט עס קוים מיט די ציין אייַנבייסן און די קעשענע איז דערפֿון נישט באַשמוצט געוואָרן, ווייל אפֿילו אין קעשענע איז געווען צען גראַד פֿראָסט...

אויפֿשטיין פֿלעגט מען געוויינלאַך פֿינף אַ זייגער אינדערפֿרי. נאָך אַ שנעלן פֿרישטיק פֿון שוואַרצע קאַווע מיט געמאָלענע האַרט־ברויט, פֿלעגט מען זיך ווייטער לאָזן אין וועג אַריין, גוט אַדורכרייבנדיק פֿריער דאָס פּנים מיט שניי פֿון פֿרישקייט און ריינקייט וועגן. ווען דער מאַרש פֿלעגט זיך אָנהייבן, פֿלעגט אָבער יעדערער שפּירן אַ פֿאַרלייכטערונג—פּטור געוואָרן פֿונם נאַכטלעגער!...

אַ גליק איז נאָך געווען, וואָס ס׳האָט נישט פֿאַרפֿעלט קיין פֿעטס, דאָס פֿעטס האָט געדינט אַלס ברענמאַטעריאַל אין דער נסיעה. ווען דערדאָזיקער זאַפּאַס וואָלט אויסגעגאַנגען, וואָלטן די מענטשן זיך געמוזט געוויינען צו עסן רוי פֿלייש פֿון די דער־הרגעטע מאָשוס־אָקסן, ווי די עסקימאָסן טוען עס.

דידאָזיקע עקסקורסיע מיטן שליטן לענגאויס דעם ברעג האָט גע־

דוערט ביז אינמיטן יולי און דערביי האָט מען דערגרייכט ביזן 77-טן גראַד צפון־ברייט, אַלזאָ לערך פירצנהונדערט קילאָ־מעטער ווייט פון צפון-פאָל, אָבער ווען דאָס פאָלאַר־אייז האָט סוף זומער זיך אָנגעהויבן באַוועגן, האָט די „גערמאַניאַ" זיך געמוזט אָנשטרייגען אַרויסצוקריכן פון איר ווינטערקוואַרטיר. אַ נייע נסיעה ווייטער צו צפון האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר־אוממעגלאַך און די עקספעדיציע האָט אויסגענוצט די צייט פון איר ווייטערדיקער נסיעה צו באַקענען זיך בעסער מיט די אַרו־מיקע ברעגן און אַרויפצונעמען זיי אויף די מאַפּעס. דערביי האָט מען אַנטדעקט דעם קייזער פראַנץ־יאָזעף־פיאָרד, וועלכער פירט אַריין טיף אין גרענלאַנד און צייכנט זיך אויס מיט שיינע לאַנדשאַפטן, ענלאַך צו די אַלפּן-געגנטן. דאָ האָט זיך אָבער געטראָפן אַן אומגליק מיט דער „גערמאַניאַ": דער דאַמפקעסל פון דער מאַשין איז געשעדיקט געוואָרן און די שיף האָט דע־ריבער זיך געמוזט אָפּזאָגן פון ווייטערדיקע אַנטדעקונגען. אַ גליק האָט נאָך געטראָפן דער עקספעדיציע, וואָס זי האָט באַ־וויזן אַרויסצורייסן זיך באַצייטנס פונם אַנטדעקטן פיאָרד. דעם 17־טן אויגוסט האָט מען דעם אַנקער אויפגעהויבן און זיך גע־לאָזן אויף דער רייזע צוריק אַהיים און, נאָך צוויי שווערע טעג פון בלאָנדזשען צווישן די אייזבערג, האָט די עקספעדיציע ענדלאַך ווידער דערהערט מיט פרייד דאָס רוישן פון די כוואַ־ליעס אויפן אָפענעם ים. דעם 10־טן סעפּטעמבער איז די „גער־מאַניאַ" שוין גליקלאַך אַריינגעקומען אין אויסגוס פון טייך וועזער און דעם 11־טן סעפּטעמבער איז די שיף ענדלאַך אויפגע־נומען געוואָרן אין ברעמען.

באַלאַגערט פֿון אייזבערן.

אַ ויסער די מאָשוס-אָקסן, וועלכע געהערן אייגנטלאַך צו דער משפּחה פֿון שעפּסן, כאָטש זיי זעען אויס פֿיל ווילדער פֿון זיי, האָבן די רייזנדער פֿון דער „גערמאַניאַ״ געהאַט אַ געלונגענעם יאַגד אויף הירשן בשעת זייער איבערווינטערן אין ים-הקרח. צוליב דעם, וואָס דער מזרח-ברעג פֿון גרענלאַנד איז געווען גאָר אומבאַוואוינט, האָבן די הירשן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום מורא פֿאַר די געקומענע מענטשן און זיי זיינען אָפט אַליין געלאָפֿן צו די מענטשן אויפֿן ביקסנשאָס. אַפילו די פּאָלאַר-פוקסן, וועלכע פֿלעגן אָפט שפּאַצירן נעבן שיף, זיינען געווען אַזוי רויק, אַז זיי פֿלעגן זיך לאָזן גלעטן מיט דער האַנט.

געפערלאַך זיינען נאָר געווען די אייזבערן, וועלכע האָבן מיטן אָנקומען פֿון ווינטער אָנגעהויבן מאַכן אָפטע וויזיטן אונזערע רייזנדער. די לעצטע האָבן דאָ געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן, ווי פֿאַלש עס איז די מיינונג, אַז די אייזבערן שלאָפֿן-איין ווינטערצייט, ווי זייערע ברידער, די שוואַרצע בערן אין אונזערע קאַנטן. די ווייסע אייזבערן שלאָפֿן נישט דעם גאַנצן ווינטער; כמעט טאָגטעגלאַך פֿלעגן זיי קומען נאָענט צו דער „גערמאַניאַ״, וואוהין ס'האָט זיי געצויגן דער ריח פֿון די פֿאַרשידענע מאכלים. איינמאָל איז עס געקומען אַזוי ווייט, אַז די ווייסע בערן האָבן אַרומגערינגלט די שיף פֿון אַלע זייטן אין אַ קרייז, און קיינער האָט מער נישט געטאָרט פֿאַרלאָזן די שיף, ווייל מען האָט פשוט געקאָנט צוריסן ווערן אויפֿן אָרט.

ס'איז געווען דער 13-טער יאַנואַר אינדערפרי, אָדער ריכטיקער,

וועו בײ אונז איז אינדערפרי. אין יענער צײט פלעגן די שיפס-לײט געװײנלאַך זײן באַשעפטיקט אינדרױסן, אָדער זײ פלעגן מאַכן אַ קלײנעם שפּאַציר, כּדי זיך צו באַװעגן אױף דער פרײער לופט. אײנער פון די מאַט־אָזן האָט, בײ קײנעם נישט פרעגנדיק, זיך געלאָזט אַרױפגײן אױפן באַרג, װאָס איז געװען נעבן דער „גערמאַניאַ“, כּדי צו באַטראַכטן די געגנט און די ערשטע שטראַלן פון דער זון, װאָס האָבן זיך שױן באַװיזן אַרום צװעלף אַ זײגער בײטאָג. אַרױפגעגאַנגען אױבן אױפן באַרג, האָט ער זיך דערגעזעצט אױף אַ שטײן און האָט פון גרױס פאַרגעניגן זיך אָנגעהױבן זינגען אַ ליד. צופעליק האָט ער אַ קוק געטאָן אַראָפּ באַרג—אַ פּאָר טריט פון אים איז געשטאַנען אַ געװאַלטיקער אײזבער און האָט אים באַטראַכט גאַנץ ערנסט. דער מאַטראָז איז געװען אַ רױיקער, אַנטשלאָסענער און קרעפטיקער יונג און בײ געװײנלאַכע אומשטענדן װאָלט עס אים גאָרנישט געשראָקן. דער בער איז געשטאַנען אַקוראַט אַזױ, אַז מען װאָלט אים טרעפן מיט אײן שאָס, אָבער דער מאַטראָז האָט מיט זיך קײן ביקס נישט געהאַט; אפילו קײן יעגערמעסער האָט ער בײ זיך נישט געפונען!

װאָס טוט מען? די חברים זײנען װײט, די אײנציקע רעטונג איז אַלזאָ—מאַכן פליטה. תּחילת האָט דער מאַטראָז געװאָלט זיך אַראָפּקאָליערן געשװינט פון משופּהדיקן באַרג אַראָפּ און בעת-מעשה ריזיקירן מיט רוק-און־לענד; באַלד אָבער האָט זײן קאַלטבלוטיקײט מנצח געװען און ער האָט זיך געלאָזן גײן געשװינט מיט דער פלאַכער זײט פון באַרג. אַ פּאָר מינוטן גײען אַדורך, ער קוקט זיך אַרום: דער בער גײט אים נאָך, װי אַ געטרײער הונט טריט־בײ־טריט. שטעלט ער זיך אָפּ, שטעלט זיך אָפּ דער בער; גײט ער װײטער—גײט דער בער װײטער; לױפט ער—לױפט דער בער. אַזױ האָט עס זיך געצױגן אַ היבש שטיק װעג; מײנט דער מאַטראָז, אַז ער איז שױן ניצול געװאָרן פון געפאַר. דעם בער איז אָבער, משמעות, די זאַך געװאָרן צו-לאַנגװײליק, האָט ער אָנגעהױבן לױפן געשװינדער. איז דער מאַטראָז געװאָרן אומרױק. צו דערשרעקן דעם בער, האָט ער

לויפנדיק אָנגעהויבן שרייען און רופן צו־הילף. אין ערשטן אויגנ־
בליק איז דער בער געוואָרן אַ ביסעל מבולבל, דערנאָך איז ער
אָבער צורייצט געוואָרן און האָט זיך געלאָזט לויפן געשווינדער;
אַזויאַרום איז ער צוגעקומען אַזוי נאָנט צום מאַטראָז, אַז יע־
נער האָט שוין דערשפּירט אויף זיך זיין הייסן אָטעם. אין דער־
דאָזיקער שרעקלאַכער לאַגע האָט דער מאַטראָז אַראָפּגעכאַפּט פון
זיך אַ מלבוש און אַ וואָרף געטאָן אויפן בער. אויף אַ ווײַלע
האָט דאָס געהאָלפן: דער בער האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַשמעקט
דעם מלבוש און באַטראַכט אים פון אַלע זייטן. דער מאַטראָז
האָט דערווייל זיך געלאָזט לויפן באַרגאַראָפּ, מיט אַלע כּוחות
געשריען און גערופן צו הילף. באַלד אָבער האָט דער בער
געלאָזן ליגן זיין מלבוש און אַוועקגעלאָפן נאָכן מאַטראָז. דער
מאַטראָז האָט אים ווידער צוגעוואָרפן זיין היטל און דאָס וועסטל
און זיך ווידער גענומען לויפן, אָבער דער בער לויפט הינטער
אים אַלץ געשווינדער... וואַרפט אים דער מאַטראָז אויפן קאָפּ
זיין שאַל, אָבער דער בער איז שוין אַזוי אויפגערייצט, אַז ער
שליידערט שנעל אַראָפּ דעם שאַל און לויפט ווײַטער. דער
מאַטראָז שפּירט שוין, ווי ער באַרירט אים מיט זיין קאַלטער
נאָז די האַנט און עפנט זיין פּרעסיקן מויל. שפּירט דער מאַ־
טראָז, אַז ער איז שוין פאַרלאָרן. אָבער אָט פאַלט אים איין
אַ וואונדערלאַכער געדאַנק אַראָפּצונעמען פון זיך זיין לעדערנעם
גאַרטל, אַרויפוואַרפן אים דעם בער אויפן האַלז און... דער־
שטיקן אים. דער מאַטראָז גיט אַ שאַרפן קוק אויפן בער, דער
בער ווערט עפּעס מטושטש, ער הערט עפּעס הינטער זיך און —
לאָזט זיך פּלוצלונג לויפן צוריק! דעם מאַטראָזס חברים האָבן
דערהערט זיין געשריי און זיינען אים געקומען צו הילף. זייער
געשריי האָט אַזוי דערשראָקן דעם בער, אַז ער האָט געהאַלטן
פאַר דאָס קליגסטע צו אַנטלויפן. דער מאַטראָז איז אַזויאַרום
געראַטעוועט געוואָרן, ווי דורך אַ וואונדער.

פיל ערגער האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן דער אָנפאַל פון אַ בער
אין אָנהויב מערץ אויפן אַסטראָנאָם פון דער „גערמאַניאַ". אַרום
ביין אַ זייגער אין אָוונט איז דער אַסטראָנאָם, ד"ר בערגען,

אַרויסגעגאַנגען פון שיף אויף דער פרייער לופט, צו באַאָבאַכטן דעם גאַנג פון די שטערן און פאַרצייכענען דעם צושטאַנד פון זיינע מעטעאָראָלאָגישע אַפּאַראַטן. דערביי האָט ער זיך באַגעגנט מיט'ן קאַפּיטאַן קאָלדעוויי. אַ קורצע צייט האָבן זיי צווישן זיך געשמועסט, דערנאָך איז דער קאַפּיטאַן אַוועק צום שיף און דער אַסטראָנאָם צום אָבסערוואַטאָריום. לערך פופציק טריט ווייט פון שיף דערהערט ד״ר בערגען לינקס פון זיך עפּיס אַ גערויש און זעט מיטאַמאָל, ווי אַ בער איז זיך מכוין צו וואַרפן אויף אים. דאָס איז געשען אַזוי פלוצלונג, אַז דער ד״ר האָט נישט באַוויזן אפילו צו נעמען זיין ביקס אין די הענט. ער האָט אפילו בכלל נישט געוואוסט, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, צי האָט דער בער מיט אַ קלאַפּ פון זיינע פאָדערשטע לאַפּעס אים אַנידערגעוואָרפן, אָדער ער איז אַריבערגעשפּרונגען איבער אים. ד״ר בערגען האָט נאָר דערשפּירט, אַז דער בער האָט אים אַ ביס געטאָן אין קאָפּ. דער בער האָט, ווי עס שיינט, געוואָלט צובייסען אים דעם שאַרבן, נאָר דאָס איז אים לייכט נישט געלונגען. דער ד״ר האָט אָנגעהויבן הויך צו שרייען, דער בער האָט זיך דערשראָקן, איז אַ ווײלע אָפּגעטראָטן, אָבער באַלד דערויף זיך צוריק אומגעקערט און האָט אין עטלאַכע ערטער צוביסן דעם דאָקטאָר. דעם דאָקטאָרס געשריי האָט אָבער דערהערט דער קאַפּיטאַן; האָט ער באַלד אַרויסגערופן אַלע שיפסלייט. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער טומל, דער בער האָט זיך אפילו דערשראָקן, דאָך אָבער האָט ער געפּרובט אַוועקצושלעפּן מיט זיך זיין קרבן. אָבער אָט האָט זיך דערהערט אַ שאָס: דער בער האָט אָפּגעלאָזן דעם דאָקטאָר, איז אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט; באַלד האָט ער ווידער געכאַפּט דעם דאָקטאָר פאַר זיינע הענט און גענומען אים שלעפּן. עס איז אים שוין כמעט ווי געלונגען צו אַנטלויפן מיט זיין רויב צום ברעג ים. דרייהונדערט שריט האָט ער דעם אומגליקלאַכן דאָקטאָר געשלעפּט מיט זיך. ענדלאַך האָט ער אים אָבער אָפּגעלאָזט. דערווייל זיינען אונטערגעקומען די חברים. „געלויבט דער אויבערשטער, ער לעבט נאָך!”—האָט דער קאַפּיטאַן אויסגערופן,

און זיך אַריבערגעבויגן איבער זיין חבר. דער בער איז דער־ווייל געשטאַנען אין אַ זייט, און האָט זיך, ווי עס שיינט, אי־בערגעלייגט, וואָס ער האָט דאָ ווייטער צו טאָן. אַ קויל פון אַ ביקס האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז פאַר אים איז דאָס בעסטע מאַכן פליטה. קיינער האָט נישט געטראַכט נאָכצויאָגן זיך נאָך אים, ווייל אַלע האָבן זיך געטענטלט מיטן שווער באַשעדיקטן אַסטראָנאָם. ס׳האָט געדויערט עטלאַכע וואָכן, ביז ער האָט זיך אויסגעהיילט פון דעם בערס וואונדן.

אויפן בער האָט מען אויף צומאָרגנס געמאַכט אַ יאַגד. לאַנג האָט מען אים געזוכט, ביז מען האָט אים ענדלאַך אויסגעשפירט און דערשאָסן. דאָס איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער בער, און טאַקי דערפאַר האָט זיין אָנפאַל זיך געענדיקט פאַרהעלטניס־מעסיק גליקלאַך פאַרן אַסטראָנאָם. ווען דאָס וואָלט געווען אַן עלטערער און מער קרעפטיקער בער, וואָלט ער אין אַזאַ פאַל צוריסן זיין רויב אויף שטיקער.

אָבער לאָמיר זען, וואָס טוט זיך מיט דער צווייטער שיף פון דער דייטשער עקספעדיציע, מיט דער „האַנזאַ״, וועלכע האָט אין די ערשטע טעג פון דער עקספעדיציע זיך געמוזט שיידן פון דער „גערמאַניאַ״.

צוויי הונדערט טעג אויף אַן אייזבאַרג.

די שיף „האַנזאַ", וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון קאַפּיטאַן העדעמאַן, וועלכער האָט געהאַט צוויי וויסנשאַפטלאַכע מיטאַרבעטער, ד"ר בּוכהאָלץ און ד"ר לויבע, איז נישט געווען אַזוי גליקלאַך, ווי די „גערמאַניאַ". דורך אַ שלעכט פערשטאַנענעם סיגנאַל איז זי אַוועקגעגאַנגען ווייט צו מערב, נאָכדעם ווי זי האָט די „גערמאַניאַ" פאַרלאָרן, און באַלד איז זי דאָרט אַרומגענומען געוואָרן דורך באַרגאייז. צוטרעטן צו עפּיס אַ יבשה איז געווען אוממעגלאַך און מען האָט זיך דעריבּער געמוזט באַשליסן איבּערצווינטערן אויף די אייזבערג. וויאַזוי זאָל מען דאָס אָבּער מאַכן—צי מיט אַ שיף, צי אָן אַ שיף?—אָט דאָס איז געווען אַ שווערע פראַגע, וואָס פון איר אַנטשיידונג איז געווען אָפּהענגיק דער שיקזאַל פון אַלע שיפסלייט—פערצן מאַן בסך-הכל. גאָר קיין קרומע זאַך איז עס נישט געווען צו שווימען מיטן אייז לאַנגזאַם ווייטער און נאָכדעם באַפרייען זיך פון אייז אין פעברואַר אַרום דער אינזל איסלאַנד. די שיפסלייט האָבּן אָבּער געוואוסט אויסגעצייכנט, אַז פיל רייזנדער וואָס האָבּן זיך אַמאָל געפונען אויף דעמזעלבּן אָרט און אין אַזאַ לאַגע ווי זיי, זייבּען אונטערגעגאַנגען...

דער דרוק*) פון אייז איז געוואָרן אַלץ אָפּטער און אָפּטער, און

---

*) ווי באוואוסט, פארנעמט דאָס געפראָרענע וואסער, אָדער דאָס אייז, פיל מער אָרט, ווי דאָס וואסער. ווען דאָס וואסער הויבט אָן צו פרירן, הויבט עס זיך אָן צו פארשפרייטן און פארנעמען אלץ מער און מער אָרט. די שיף ווערט

באַלד האָט מען זיך געמוזט צוגרייטן דערצו, אַז די שיף וועט אונטערגיין. האַלטן זיך אויף קליינע שיפלאַך געגן שטורם, קעלט און שניי איז אָבער אוממעגלאַך געווען, און דעריבער האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַ פאַסענדן אָרט, וואו מען זאָל זיך קאָנען אָפ-שטעלן. דערצו האָט מען אויסגעקליבן אַ פעסטן אָרט אויפן אייז. דערדאָזיקער אָרט איז געווען ווייט פון שיף בערך אַ 450 שריט, און דאָרט האָט מען אָנגעהויבן בויען אַ הויז. אויפן שיף זיינען געווען קליינע קויהלן-פליטקעס האָט מען זיך גענומען צום בויען. אָנשטאָט ליים צו באַפעסטיקן די פליטקעס, האָט מען זיך באַנוצט מיט שניי און וואַסער: די פליטקעס האָט מען באַ-שאָטן מיט שניי, אַרויפגעלייגט אויבן נאָך אַ שורה פליטקעס און פאַרגאָסן מיט וואַסער—דער מוראדיקער פראָסט האָט דאָס באַלד אַרומגענומען אין זיינע לאַפעס, אין פינף מינוטן זיינען ביידע ציגל צוזאַמענגעפראָרן אייזנפעסט און מען האָט געקאָנט מויערן ווייטער... וואָס שטאַרקער דער פראָסט איז געוואָרן, אַלץ גע-שווינדער איז געגאַנגען די אַרבעט. אַזאַ בנין האָט די מעלה, וואָס די פייכטקייט פון דרויסן זאַפט זי אַריין אין די ווענט, דאַגעגן די אינערלאַכע וואַרימקייט לאָזט זי נישט אַרויס. פון אויסנווייניק האָט מען נאָר געברויכט צו באַשיטן די ווענט מיט שניי און באַגיסן מיט וואַסער, וואָס איז תיכף איינגעפראָרן: דער בנין האָט בייטאָג אויסגעזען, ווי פון מאַרמאָר באַצויגן מיט קריסטאָל! דעם דאַך האָט מען באַצויגן מיט זעגל-לייוונט. כדי דער ווינט זאָל אַזאַ דאַך נישט אַרומטרייבן צו-לייכט, האָט מען אים באַשאָטן ווידער מיט שניי. אויך אַ פאָדלאָגע האָט מען גע-מאַכט פון קויהלן-פליטקעס. אין זיבן טעג, נעמלאַך, דעם דריטן אָקטאָבער, איז דאָס הויז פאַרטיק געוואָרן. דאַן האָט מען אין אים אַריינגעבראַכט פראָוויאַנט אויף צוויי חדשים, באַזונדערס: ברויט, פלייש, קאָנסערוון, פעטס קאַווע און בראָנפן, ברענהאָלץ

דעריבער אונטערגעוואָרפן אַ געוואַלטיקן דרוק פון אַלע זייטן אַזוי, אַז זי קאָן צוזאַמענגעפרעסט ווערן, ווי אַן איי, וואָס מען צוקוועטשט צווישן די הענט.

און קויהלן. אין דערזעלבער צייט האָט מען אָבער אויך צוגע-גרייט די שיף, אַז מען זאָל זיך קאָנען באַנוצן מיט איר, אויב דאָס וועט נאָר מעגלאַך זיין.

בינו-לבינו איז דאָס אייז צוזאַמען מיט דער שיף געטראָגן גע-וואָרן דורך די ווינטן אַלץ מער צו דרום-מערב. מען האָט גע-וואָלט מאַכן אַ פּראָבע צוצוקומען אויף דער יבשה, אָבער צווישן דעם אייז און דער יבשה האָט זיך געצויגן אַן אָפענער וואַסער-וועג און די זאַך איז דעריבער געווען אוממעגלאַך. דעם 18-טן אָקטאָבער האָט דאָס אייז אָנגעהויבן דעם טויטקאַמף מיט דער איינגעשלאָסענער שיף. די אייזמאַסן האָבן אָנגעהויבן פּרעסן די שיף מיט אַ סיסטעם אַזוי, ווי די כוואַליעס וואָלטן יעדע מי-נוט אַ זעץ געטון אין די זייטן. די שיף האָט אָנגעהויבן קרעכצן, קנאַקן און יאָמערן; אַמאָל האָט זיך געהערט, ווי דאָס קלינגען פון אַ צובראָכענער טיר; אַמאָל האָט זיך גערדאַכט, אַז אַ סך מענטשנשטימען קלאָגן, יאָמערן און שרייען; אַמאָל, ווידער, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אַ באַנצוג שניידט זיך אַריין אין אַ צווייטן צוג. דאָס אייזפעלד, אין וועלכן די שיף „האַנזאַ" איז געווען איינגעשלאָסן, האָט זיך דערווייל אומגעדרייט און גע-דריקט די שיף אַלץ מער צום אייז אַרום דער יבשה. די זעגלען האָבן זיך אָנגעהויבן וואַקלען און דעם זעגלמאַן אויבן אינדער-הויך האָט זיך אַלץ גערדאַכט, אַז עמיצער קריכט צו אים אַרויף פון אונטן און יאָגט אים אַלץ העכער.

דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ התחלה צו דעם, וואָס האָט זיך געדאַרפט אָפּשפּילן אין אַ פּאָר טעג אַרום. דער אייזדרוק איז אַלץ געגאַנגען ווייטער און ווייטער אונטער אַ געוואַלטיקן שניי-שטורם. די אייזמאַסן האָבן ווילעוויז אַ הויב-געטון דעם פאָ-דערשטן טייל פון שיף, בשעת דער הינטערשטער טייל איז גע-בליבן איינגעקלאַמערט אינעם אייז און האָט געמוזט אויסהאַלטן דעם שרעקלאַכן דרוק. די קאַטאַסטראָפע האָט געקאָנט אָנקומען אַ ליאַדע מינוט, און דער איינציקער אָרט, וואו די שיפסלייט האָבן געקאָנט זיך באַשיצן, איז געווען דאָס הויז, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסגעבויט פון קויהלן אויפן אייז. די שיפסלייט האָבן

אין גרויס איילעניש אַלץ אַריבערגעטראָגן פון שיף אין דעמדאָ־זיקן הויז,—אַלץ, סיי מלבושים, סיי בעטצייג, באַהייצונג, באַ־לייכטונג און אַלערליי פּראָוויאַנט. אַז דער דרוק איז נאָכדעם געוואָרן אַ ביסל שוואַכער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שיף האָט באַקומען אַ לאָך אין אַן אָרט, צו וועלכן מען קאָן נישט צוקומען. מען האָט זיך באַלד גענומען אויספּומפּן דאָס וואַסער, אָבער דידאָזיקע אַרבעט איז געווען אַן אומזיסטע: דאָס וואַסער אין שיף איז געשטיגן אַלץ מער און מער, און די שיף האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן לאַנגזאַם אין וואַסער. מען האָט זיך ווידער גענומען אַרויסראַטעווען פון שיף אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. דערביי זיינען אָבער פאַרלאָרן געגאַנגען אַלע וויסנשאַפטלאַכע זאַמלונגען און פאָטאָגראַפיעס. נאָר די זעגלען מיט די לייוונטן האָט מען נאָך באַוויזן אַרויפצוכאַפּן אויפן אייז. דאַן האָט מען באַפרייט די שיף פונם אַנקער, כדי זי זאָל ביים אונטערגיין נישט אַוועקשלעפּן מיט זיך דאָס אייז. אַרום דער שיף האָט געהערשט אַן אמתער תהו-ובהו. די שטשורעס, וועל־כע דאָס אייזיקע וואַסער האָט אַרויסגעטריבן פון דער טיפעניש פון שיף, זיינען מרה-שחורהדיק געזעסן אויפן אייז און געצי־טערט פון פראָסט. אַזויאַרום איז די „האַנזאַ”, אין דער נאַכט פון 21-טן אויפן 22-טן אָקטאָבער אונטערגעגאַנגען אין די אייז־כוואַליעס!

איצט איז שוין נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי זיך איינצוּאָרדנען כאָטש ווי-עס-איז אינם קויהלנהויז. אָנשטאָט דעם דאַך פון זעגל-לייוונט האָט מען געמאַכט אַ ברעטערדאַך, אין וועלכן מען האָט אויך איינגעאָרדנט צוויי לופטשיקעס, כדי אַריינצולאָזן פרישן לופט און ליכט אינם שוואַרצן קויהלנהויז. די ליכטיקייט, וואָס איז אַזויאַרום אַריינגעדרונגען אין הויז, איז אָבער געווען אַזאַ קנאַפּע, אַז מען האָט זיך על-פי-רוב געמוזט באַנוצן מיט אַ לאָמפּ, ווען מען האָט געוואָלט אַרבעטן. מען האָט אויך אויסגעשטעלט בעטן ביי די ווענט, און כדי דער צוקאָפּנס זאָל נישט צופרירן צו די ווענט, האָט מען די ווענט פאַרשטעלט מיט ברעטער. מען האָט אַוועקגעשטעלט צוויי אויוונס צום הייצן,

צו דערהאַלטן כאָטש וויפיל עס איז די וואַרימקייט. די ווענט פון הויז האָט מען אַרומגעהאָנגען מיט זעגל־לייוונט און געמאַכט אויף זיי פּאָלקעס פאַר ביכער, אינסטרומענטן און קאָך־כּלים. די קאַסטנס פון שיף האָבן געדינט פאַר טישן און בענק. דער גאָלדענער שפּיגל פון דער גרויסער קאַיוטע איז איצט געהאָנגען אויף דער הינטערשטער וואַנט פונם שוואַרצן קויהלנהויז און אונטער אים איז געהאָנגען אַ טייערער באַראָמעטער מיטן אַסטראָנאָמישן זייגער. דעם גרעסטן טייל ברענמאַטעריאַל און פּראָוויאַנט, וואָס איז געלעגן אַרום דער אונטערגעגאַנגענער שיף, האָט מען אויך געבראַכט צום קויהלנהויז. דער שניי האָט באַלד באַשאָטן דאָס הויז און אים פאַרדעקט ביז איבערן דאַך, האָט מען אַרום דעם הויז אויסגעגראָבן אַ וועג פיר פוס די ברייט און אַרומגעשטעלט אים פון אינעווייניק מיט זעגלען. דערדאָזיקער וועג האָט אויך געדינט פאַר אַ שפּיזשאַרניע. אין די אָפּגעראַטעוועטע קליינע שיפלאַך האָט מען איינגעפּאַקט פּראָוויאַנט אויף צוויי חדשים. אין הויז איז מען אַריינגעדרונגען דורכן דאַך, און כּדי צו פאַרהיטן, אַז דער שניי און דער ווינט זאָלן אויך נישט טאָן דאָס אייגענע און אַריינדרינגען דורך דער טיר אין הויז אַריין, האָט מען פאַרן דאַך אין שניי אויסגעגראָבן אַ פּאָדערצימער מיט אַ געדרייטן גאַנג און אַ קונציקן דאַך.

נאָכדעם, ווי די שיף איז אונטערגעגאַנגען, האָט זיך געדאַכט, אַז דער כּוח פונם אייז איז קלענער געוואָרן. דער דרוק האָט כּמעט אויפגעהערט; דאָס אייזפעלד איז זיך מיט זיינע וואונדערלאַכע קאָלאָניסטן געטריבן געוואָרן לאַנגזאַם, לייגאויס דעם ברעג פון דער גרויסער אינזל גרענלאַנד, אַמאָל נענטער צום ברעג, אַמאָל דערווייטערט פון אים. די סיבה דערפון איז געווען דאָס שטייגן און פאַלן פון וואַסער אין ים, וואָס געשעט, ווי באַוואוסט, רעגלמעסיק צוויי מאָל אין מעת־לעת און דערצו איז עס צוויי מאָל אין חודש שטאַרקער און צוויי מאָל שוואַכער. די שיפסלייט האָבן שטענדיק געקאָנט גענוי דערקענען און באַטראַכטן די שיינע ברעגן פון דער אינזל גרענלאַנד, אָבער צַרויפקומען אויף איר האָבן זיי נישט געהאַט די מעגליכקייט.

נאָכדעם ווי די פּערצן שיפּסלייט האָבן זיך איינגעאָרדנט, האָבן זיי זיך גענומען באַטראַכטן און אויספאָרשן גענויער זייער שווימענדיק אייזאינזל, ווי ראָבינזאָן האָט אויסגעפאָרשט זיין אינזל. דאָס שטיק אייז האָט געהאַלטן דריי-פיר וויאָרסט די לייִנג און אַזויפיל די ברייט און פינף פוס די הויך האָט זיך עס געהאַלטן איבערן וואַסער. לויט דער ערפאַרונג האָט מען זיך געקאָנט משער זיין, אַז דאָס אייז זיצט פערציק פוס טיף אין וואַסער. אויבן האָט דאָס אייז אויסגעזען ווי אַ גלאַט פעלד, באַדעקט מיט שניי און ווען מען פלעגט זיך אַ ביסל דערווייטערן פונם הייזל, וואָס איז געווען פאַרדעקט דורכן שניי, האָט מען געזען בלויז די צוויי קוימענס, פון וועלכע ס'פלעגט אַמאָל אַרויסשטייגן אַ רויך. אַ שרעקענד ווילד בילד האָט די אייזאינזל פאָרגעשטעלט פאַר די שיפּסלייט אין מערב און אין צפון-מזרח ביי די ברעגן פון די רייבונגען מיט אַנדערע אייזבערג האָבן זיך דאָרט אויפגעהויבן אייזווענט וואָס זיינען געווען צען פוס די הויך. בשעת די זון פלעגט שיינען, פלעגן אירע שטראַלן ברענען אין די אייזקריסטאָלן, ווי אין מיליאָנען דימענטן. און אַז די זון פלעגט אויפגיין אָדער אונטערגיין, פלעגט איהר רויטקייט איבערלאָזן אויף דעם ווייסן שנייפעלד אַ טונקל-גרינלאַכע פאַרב. די נעכט זיינען געווען וואונדערלאַך-שיין און העל און מען פלעגט קאָנען לייענען ביי דעם שיין פון דער ליכט. דאָס צפון-ליכט איז כמעט יעדע נאַכט געשטאַנען אויפן האָריזאָנט און דערפון איז געווען אַזוי ליכטיק אַז דער שיין פון די שטערן איז בלאַסער געוואָרן און פון מענטשן איז געפאַלן אויפן אייז אַ שאָטן.

אין דערדאָזיקער פאַרכשופטער וועלט האָבן די שיפּסלייט זייער ענערגיש און רעגלמעסיק געאַרבעט, ווייל דאָס איז געווען דאָס איינציקע מיטל, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיך פון דער שרעקלאַכער פאַרצווייפלונג, וואָס האָט יעדן אַרומגענומען, ווען מען האָט זיך דערמאָנט, אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע מען געפינט זיך. יעדן טאָג, זיבן אַ זייגער אינדערפרי, פלעגט די לעצטע נאַכטוואַך אויפוועקן די חברים, וועלכע פלעגן באַלד אַרויפציען

אויף זיך זייערע וואָלענע קליידער, נאָכדעם זיך אַרומוואַשן מיטן
וואַסער פון צולאָזענעם שניי און נאָכדעם אָפּטרינקען קאַווע און
פאַרבייסן מיט האַרט-געטרוקנטן ברויט. דאַן פלעגט יעדערער
זיך נעמען פאַר זיין אַרבעט: מען פלעגט אויסאַרבעטן נוצלאַכע
כלים, וואָס האָבן פאַרפעלט, מען פלעגט צוזאַמענגעמען זעגל-
לייוונט, האַקן האָלץ, נייען נייע מלבושים, שרייבן טאָגביכער
און לייענען. ווען די לופט איז געווען קלאָר, פלעגט מען מאַכן
אַסטראָנאָמישע באַאָבאַכטונגען און זיך באַשעפטיקן מיט די גע-
העריקע אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען. אַרום איינס אַ זייגער
פלעגט מען זיך נעמען צום מיטאָג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ
זופּ מיט קאָנסערוון. געזאַלצן פלייש און פעטס פלעגט מען ווייי-
ניק געברויכן. די שיפסלייט פלעגן אָפט גיין אויף יאַגד אויף
ים-פערד, וועלכע פלעגן אַרויסקריכן פון ים אויפן אייז זיך
וואַרימען. דערדאָזיקער יאַגד איז געווען זייער אַ גינסטיקער,
דאָס פעטס פון די דערהרגעטע חיות פלעגט מען געברויכן אַלס
ברענמאַטעריאַל. טיילמאָל פלעגט מען אויך דערהרגענען אַן אייז-
בער, און פון זיין פלייש פלעגט מען צוגרייטן אַ געשמאַקן
בראָטן. שפּירט האָט מען געהאַט אַ היבש ביסל, אָבער מען
פ׳עגט עס קאַרגן. זונטאָג צו מיטאָג פלעגט מען זיך פאַרגינען
טועם צו זיין אַ שטאַרק גלעזל פאָרטוויין. דער געזונטצושטאַנד
פון די שיפסלייט איז געווען זייער אַ גוטער.

דער חודש דעצעמבער 1869 איז אַריבער אָן באַזונדערע גע-
פאַרן. די ווינטער-חגאות האָט מען געפּראַוועט פריילאַך אויפן
דייטשן היימישן שטייגער. אויך ניי-יאָר איז אַריבער לוסטיק-
לעבעדיק, מיט וויין, געזאַנגען און טענץ. דעם 2-טן יאַנואַר
1870 האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אַ געוואַלטיקער שטורם. שוין
פאַרמיטאָגצייט האָט דער קאַפּיטאַן מיט די אָפיצירן באַמערקט
עפּיס אַ וואונדערלאַכן רוישן אונטערן אייז, אַ שטייגער, ווי
עמיץ וואָלט געקראַצט און געסקראָבעט אונטער דער פּאָדלאָגע.
ווען די שיפסלייט האָבן נאָך מיטאָג זיך צוגעלייגט אויסרוען,
האָבן שוין אַלע דערהערט דעמזעלבן גערויש, נאָר פיל שטאַר-
קער. איצט האָט זיך געדאַכט, אַז מען זעגט, האַקט און ברעכט

די פּאָדלאָגע און דערביי יאָמערט עמיצער און קרעכצט און וויינט... די שיפסלייט זיינען אויפגעשפּרונגען טויט-דערשראָקן און אַרויסגעלאָפן פון הויז אויפן אייז: דער פּראָוויאַנטלאַגער אַרום הויז איז געווען איינגעפאַלן, אָבער קיין אַנדערע געפאַר-סימנים האָט מען נישט געקאָנט באַמערקן. מען האָט דעריבער זיך געטרייסט, אַז דאָס גערויש שטאַמט פון שטורם אויסנווייניק און פונעם איינפאַלן פון די זאַכן אין פּראָוויאַנטלאַגער. איבעריקנס, איז דער שניישטורם געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז מען האָט גאָרנישט געקאָנט זען צען שריט ווייט פון זיך. בינו-לבינו האָט מען זיך אָבער געמוזט איבערצייגן, אַז דאָס גערויש האָט געשטאַמט גאָר פון אַן אַנדער סיבה. ווען מען האָט צוגעלייגט דעם אויער צו דער פּאָדלאָגע, האָט מען דייטלאַך געהערט אַ גערויש אונטן אין וואַסער און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס וואַסער גיסט זיך אַדורך אין דיקן אייז. ס׳איז מער קיין ספק נישט געווען, אַז דער אייזבאַרג הויבט זיך אָן צושפּאַלטן, אָדער אַז ער ברעקלט זיך אַרום זיינע קאַנטן. אַזויאַרום קאָן איין אויגנבליק פאַרניכטן דאָס לעבן פון פערצן פערזאָן!

אין אַזאַ אימהדיקער לאַגע האָבן די אין שניי און אייז באַגראָבענע פאַרבראַכט צוויי אונענדלאַך-לאַנגע טעג. ווען דער שטורם איז עטוואָס געפאַלן און דעם פערטן יאַנואַר אינדערפרי איז די לופט ווידער קלאָר געוואָרן, האָבן די אומגליקלאַכע נויט-קאָלאָניסטן דערזען מיט שרעק, אַז זייער אייזאינזל האָט באַקומען גאָר אַ נייע פאָרם און איז געוואָרן אויף אַ פערט חלק קלענער! דאָס קויהלנהויז איז שוין איצט געווען ווייט פון וואַסער נישט מער ווי צוויי הונדערט שריט, בשעת פריער איז דאָס געווען אַ שטח פון דרייטויזנט שריט! די ברעגן פון אייז זיינען נאָך דערצו געווען אַזוי שטאַרק פאַרוואָרפן מיט אייזשטיקער און שניי, אַז ס׳איז גאָר אוממעגלאַך געווען צו טראַכטן וועגן אַראָפּלאָזן די שיפלאַך אין וואַסער און פּרובן זיך דערשלאָגן צו דער יבשה. די שיפסלייט זיינען געבליבן געפאַנגען אויף אייז, אָן האָפנונג אַרויסצוקומען פון דאָרט! דעם 11-טן יאַנואַר אינדערפרי האָט דער וואַכמאַטראָז זיך פלוצלונג צערייגעריסן אין

הויז און אויסגערופן אַ פאַרציטערטער: „אַלע זאָלן אַרויסלויפן!" אינדערנאָנט האָט זיך געהערט אַ שרעקלאַכע קלאַפעריי און הודזשעריי. דאָס אייזפעלד האָט ווידער אָנגעהויבן זיך ברעקלען ביי זיינע ברעגן און לערך פינפאונצוואַנציק שריט פון הויז האָט זיך דערזען אַ טיפער שפּאַלט אין אייז. באַלד האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן אַ גרויסער אייזבאַרג אין דעם אָרט, וואו ס'איז געלעגן דאָס אָנגעהאַקטע האָלץ און איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן ווייט אין ים אַריין. דאָס געבליבענע נישט גרויסע שטיק אייז מיטן קויהלנהויז האָט זיך אָנגעהויבן וויגן אויפן וואַסער און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז פאַר די שיפסלייט איז געקומען די לעצטע מינוט. די שיפסלייט האָבן זיך געזעגנט צווישן איינאַנדער און האָבן זיך פאַנאַנדערגעזעצט אין צוויי גרופעס אין זייערע שיפלאַך. אַזוי זיינען זיי געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג און יעדע מינוט אָפּגעוואַרט די לעצטע קאַטאַסטראָפע. אָבער ווי עפּיס דורך אַ וואונדער איז דוקא דאָס שטיק אייז מיטן קויהלנהויז גאַנץ געבליבן. אין אָוונט האָט מען זיך א ביסל באַרויקט און מען האָט זיך געלייגט שלאָפן, אָבער אַרום האַלבע נאַכט האָט אַ פאַרצווייפלט געשריי פון שומר זיי ווידער אויפגעוועקט פון שלאָף. אַלע זיינען אַזוי פאַרצווייפלט געווען, אַז מען זיך אפילו נישט געלאָזן אַרויסגיין פון הייזל דורכן לאַנגן קאָרידאָר, נאָר מען האָט דעם דאַך אויפגעריסן און זיך אַרויסגעכאַפּט פון דרויסן: האַרט נעבן הויז האָט זיך דערהויבן אַ ריזן-אייזבאַרג... געדויערט האָט עס אָבער נאָר איין מינוט, באַלד האָט זיך דערהערט די באַרויִגנדיקע שטים פון קאַפּיטאַן: „גאָט צו דאַנקען, אַריבער!" צי איז עס ווירקלאַך געווען אַן אייזבאַרג, וואָס האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן הייזל, אָדער דאָס האָט זיך בלויז אָפּגעשפּיגלט אין דער לופטן פון ווייטן ברויזענדן ים—דאָס האָט קיינער נישט געקאָנט וויסן, ווייל בסך-הכל האָט די גאַנצע ערשיינונג געדויערט בלויז עטלאַכע מינוטן.

דעם 14-טן יאַנואַר ענדלאַך האָט זיך אָבער געעפנט אַ שפּאַלט אונטערן קויהלנהויז גופא און איצט איז פאַר די שיפסלייט שוין נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי צו זוכן רעטונג אין די

שיפֿלאַך אויפֿן ווייטן אייז-ים... פֿון דער חורבה האָט מען נאָך אויפֿגעשטעלט אויף געשווינט אַ ניי הייזל, וואָס איז אָבער גע-ווען אַזוי קליין, אַז דאָרט איז געווען אָרט נאָר פֿאַר אַ העלפֿט מענטשן. די אַנדערע העלפֿט האָט זיך געמוזט באַזעצן אין אַ שיפֿל. די שיפֿסלייט האָבן אין דידאָזיקע שרעקלאַכע טעג אַרויס-געוויזן אַ וואונדערלאַכע העלדישקייט און באַדאַכטקייט. דער קע-כער האָט זיך נאָך אפֿילו געוויצלט אין די געפֿערלאַכסטע מאָ-מענטן. אַזוי, למשל, האָט דאָס אייז זיך אָנגעהויבן שפּאַלטן אונ-טער זיינע פֿיס, ווען ער האָט געהאַלטן אין צוגרייטן קאַווע פֿאַר די חברים:—„אָה,—האָט ער אויסגערופֿן—ווען דאָס אייז זאָל לפּחות האַלטן נאָך אַזוי לאַנג, ביז איך וועל צוגרייטן וואַרימע קאַווע, אָנצוטרינקען אייך פֿאַרן אָפּפֿאָרן!”... און אַז דאָס איז געווען אַן „אָפּפֿאָרן” כמעט אין זיכערן טויט אַריין, האָט ער זייער גוט געוואוסט.

די סיבה פֿון דעם געוואַלטיקן אייזדרוק אין יאַנואַר האָט גע-שטאַמט דערפֿון, וואָס די אייזאינזל מיטן קויהלנהויז איז אַריינ-געטריבן געוואָרן אין ים צווישן איסלאַנד און גרענלאַנד, וואו די צאָל פֿון די שווימענדיקע אייזבערג איז זייער גרויס, באַ-זונדערס אַרום די שפּיצן פֿון גרענלאַנד. ווי נאָר אָבער זיי זיי-נען אַרויסגעטריבן געוואָרן אויפֿן אָפֿענעם ים, האָט דער אייז-דרוק און ממילא אויך די אוממיטלבאַרע געפֿאַר אויפֿגעהערט. דער חודש יאַנואַר איז אַריבער, ס'האָט זיך אָנגעהויבן פֿעברואַר, ווען די זון האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו וואַרימען; ענדלאַך איז אויך אָנגעקומען דער חודש אַפּריל, אין דעם 17-טן האָט דער טערמאָמעטער שוין געוויזן צען גראַד וואַרימקייט! אין אָנ-הויב האָט אָנגעהויבן רעגענען: דאָס קויהלנהייזל, וואָס איז פֿריער געשטאַנען אין אַ טאָל, איז איצט שוין געלעגן אויף אַ באַרג, ווייל דאָס אייז אַרום איז צוגאַנגען...

דעם 7-טן מאַי האָט זיך פֿון אַלע זייטן, אַרום דעם קליינעם אייזבאַרג, באַוויזן פֿרייער ים און ס'האָט אויסגעוויזן, אַז ס'איז ענדלאַך געקומען דער מאָמענט פֿון באַפֿרייאונג. נאָכדעם ווי דער קאַפּיטאַן האָט אַ גאַנצן פֿרימאָרגן אויסגעפֿאָרשט דאָס ווע-

טער און די אַרומיקע אייזבערג, האָט מען אויף געשווינט אָפּ־געגעסן מיטאָג און צוגעטראָטן צו די הכנות פאַר דער געפער־לאַכער נסיעה. מען האָט די שיפלאַך אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער אַריין, באַלאָדן זיי מיט אַלעם נויטיקן און נאָך אַ דריי־שעה־דיקער אַרבעט איז מען געווען מוכן ומזומן צום אָפּפאָרן. אַ לעצטן דאַנקבאַרן בליק האָבן די שיפסלייט געוואָרפן אויפן אייז־אינזל, וועלכער האָט זיי געגעבן רעטונג במשך פון צוויי־הונדערט טעג, און דאַן האָט מען אויסגעשטעלט די זעגלען און געלאָזן זיך אויף די דריי שיפלאַך אין ווייטן ים אַריין. געווען איז עס פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג־צייט. אין אָוונט איז מען ווידער צוגע־שטאַנען צום אייז און אַזויאַרום איז מען נאָך געוואַלטיקע אָנ־שטריינגונגען צוגעקומען נאָנט צו דער יבשה אויף צוויי־דריי ווייאָרסט. דאָ אָבער איז דער אייז אַרום דער יבשה געווען אין אַ צושטאַנד פון אמתן תהו־ובהו און מען האָט געמוזט וואַרטן עטלאַכע טעג, איידער מען האָט גאָר געקאָנט אָנהויבן טראַכטן וועגן אַרויפשטייגן אויף דער יבשה. האָט מען געקוקט אויף דער יבשה דורך אַ ספּאַקטיוו, האָט מען געזען, ווי דאָרט גיסן זיך שוין אַראָפּ די טייכן פון די בערג אין ים אַריין, און אויף די אַרומיקע אייזפעלדער שטייען קאָ/וזשעס וואַסער. אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך אויף די שיפלאַך צווישן די זעגלען באַוויזן אַ פליג, וועלכע האָט זיך געזשומעט געמיטלאַך און פריילאַך. בינו־לבינו איז אָבער דער פּראָוויאַנט געוואָרן אַלץ קלענער, און די שיפסלייט האָבן זיך געזען געצוואונגען אָנצעווענדן די העכסטע מיטלען, אַבי נאָר אַרויפצוקומען אויף דער יבשה. דאָס וועטער האָט זיך דערווייל געענדערט: עס איז אַרויסגעפאַלן אַ שלאַקס־רעגן און קאַלטע ווינטן האָבן זיך געטראָגן פון צפון. די אויס־געמאַטערטע שיפסלייט האָבן אפילו נישט געהאַט די מעגליכקייט צו שלאָפן ביינאַכט אין זייערע אייגענע שיפלאַך. מיט געוואַלטי־קער אָנשטריינגונג האָבן זיי שריט־פאַר־שריט אַדורכגעפירט זייע־רע שיפלאַך צווישן די אייזקאָלאָסן און ענדלאַך זיינען זיי צו־געשטאַנען צו דער אינזל אילוידלערק. צום עסן האָט מען שוין איצט געגעבן יעדערן נישט מער, ווי אַ פערטל פונט ברויט מיט

אַ קליין שטיקל פֿעטס, צוליב דעם וואָס עס האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרפֿעלן שפּירט אָנצעוואַרימען דאָס עסן, האָט מען זיך געמוזט צופֿרידנשטעלן מיט קאַלטע מאכלים. מען האָט געפּרוּווט גיין אויף יאַגד, אָבער צום אומגליק האָט מען קיין שום חיה נישט באַגעגנט. די אומגליקלאַכֿע האָבן אָנגעהויבן ליידן הונגער.

אַרויסגעזעצט זיך אויף דער אינזל האָבן זיי דעם פֿערטן יוני, נאָכֿדעם ווי זיי האָבן פֿיר וואָכֿן לאַנג זיך אַרומגעבלאָנקעט אויפֿן ים. פּראָוויאַנט האָבן זיי געהאַט העכֿסטענס אויף פֿערצן טעג, אויף דער אינזל האָבן זיי לגמרי נישט געקאָנט געפֿינען קיין לעבנסמיטלען, בלויז ווילדע פֿויגלען פֿלעגן אַמאָל פֿאַרפֿליען אַהער.

דעם 7-טן יוני אין אָוונט זיינען די שיפֿסלייט ענדלאַך צוגעקומען צום ברעג פֿון דער גרויסער אינזל גרענלאַנד. דאָ האָט מען קודם-כּל זיך געקאָנט אַ ביסל אויסרוען און זיך אַזוי נישט שרעקן פֿאַרן אייז. זעקס טעג לאַנג האָבן די שיפֿלאַך זיך אַרומגעדרייט צווישן די שפּיציקע שטיינער אַרום ים-ברעג און צווישן די אייזבערג, וואָס האָבן זיך נאָך דאָרט געהאַלטן. ערשט דעם 13-טן יוני האָבן זיי זיך אַרויסגעזעצט אין פֿרידריכֿסטאָל אויפֿן מערב-ברעג, וואו זיי זיינען אויפֿגענומען געוואָרן דורך די דאָרטיקע קאָלאָניסטן און באַזאָרגט געוואָרן מיט אַלעם נויטיקן. באַלד נאָכֿדעם האָבן זיי געטראָפֿן אַ דענעמאַרקישע שיף, וועלכֿע האָט זיי אויפֿגענומען און געבראַכֿט גליקלאַך אַהיים דעם 26-טן יולי

אַ גאָרדאָן־בענעט־רייזע צום צפון־פּאָל.

דער באַוואוסטער אַמעריקאַנישער צייטונגסאַרויסגעבער, גאָרדאָן-בענעט, וועלכער איז שוין היינט באַוואוסט דורך די פיל פרעמיעס, וואָס ער האָט באַשטימט פאַר אַלערליי ספּאָרט-געיעגן אין אויטאָמאָבילן און לופטבאַלאָנען, האָט אויך באַשטימט אַ גרויסע סומע געלד פאַר דער אַנטדעקונג פון צפון-פּאָל. ער האָט זיך גרינדלאַך באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון די לעצטע נסיעות צום צפון-פּאָל, און אַט האָט אים פאַראינטערעסירט דער אומשטאַנד, וואָס פיל שיפן, וועלכע זיינען געגאַנגען פון אַטלאַנטישן ים צום צפון, זיינען אַריינגעקומען צווישן שווימענדיקע אייזבערג, וועלכע האָבן זיי אָפּגעטראָגן מיטן שטראָם צוריק צו דרום. ער האָט דעריבער אויפגעשטעלט אַזאַ מין היפּאָטעזע, אָדער השערה: אויב מען זאָל זיך לאָזן גיין מיטן שטילן אָקעאַן צווישן אַזיע און אַמעריקע, אַלזאָ דורך דעם בערינגישן ים-דורכגאַנג, וועט מען דורך דעמזעלבן שטראָם צוגעטראָגן ווערן צום צפון-פּאָל און פון דאָרט—צום דרום-צו ביז די מזרח אָדער מערב-ברעגן פון גרענלאַנד.

גאָרדאָן-בענעט האָט, אַלס עכטער אַמעריקאַנער, ווייניק צייט צו טראַכטן, דערפאַר אָבער מער צייט צו טאָן. ער האָט באַלד געקויפט אַ שיף, וועלכע איז שוין איינמאָל געווען אויף אַ ווייטער צפון-נסיעה, בשעת מען האָט געזוכט דעם פאַרשוואונדענעם אַדמיראַל פראַנקלין. אין ניו-יאָרק האָט מען די שיף אַ נאָמען געגעבן „זשאַנעט“ און נאָכדעם ווי זי פון ניו-יאָרק אַרומגעגאַנגען גאַנץ דרום-אַמעריקע (דער פאַנאַמאַ-קאַנאַל איז נאָך דעמאָלט נישט געווען), איז זי צוגעשטאַנען צו דער יבשה

ביי סאַן-פראַנציסקאָ, וואו זי האָט זיך פאַלקאָם באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן, באַזונדערס מיט פראָוויאַנט אויף דריי יאָר. קאַ-פיטאַן און אָנפירער פון דער עקספעדיציע איז געווען דע לאָנג, דער ערשטער מאַשיניסט האָט געהייסן מעלוויל און מעדיקער—ד"ר אַמבלער. אויפן שיף זיינען געווען נאָך פינף אָפיצירן און פיראונצוואַנציק מאַטראָזן, צווישן זיי צוויי אינדיאַנער, געשיקטע יעגער, און צוויי כינעזער צו באַזאָרגן די קיך. אויף דער גאַנ-צער אונטערנעמונג האָט דער צייטונגסאַרויסגעבער גאָרדאָן-בענעט געגעבן איין מיליאָן מיט 800 טויזנט מאַרק.

דע לאָנג האָט גענומען אויף זיך דריי וויכטיקע אויפגאַבן: דער-גרייכן צום צפון-פאָל, געפונען אַ דורכגאַנג דורך צפון-מזרח קיין אַמעריקע און אויפזוכן אַ שוועדישע שיף, וואָס איז פריער שוין אָפּגעפאָרן צום צפון-פאָל.

דעם 8-טן יולי 1879 איז די „זשאַנעט" אַרויס אויפן ים. די רייזע איז זיך געגאַנגען די ערשטע צייט גאַנץ רויק. כדי איינ-צושפּאָרן קויהלן, איז מען געפאָרן מיט די זעגלען, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז מען אַריינגעפאָרן אין בערינגגישן ים. ביים ברעג פון דער האַלבאינזל „אַליאַסקאַ" האָט מען אַרויפגע-נומען אויפן שיף עסקימאָסנהינט, וועלכע האָבן געדאַרפט שפּע-טער פירן מאַסע אויפן אייז. אויף דער אינזל סאַן-לאָרענץ האָט דער קאַפּיטאַן זיך דערוואוסט, אַז די שוועדישע שיף, וואָס ער האָט געדאַרפט אויפזוכן, איז שוין גליקלאַך אָפּגעגאַנגען צום דרום. דער קאַפּיטאַן האָט דעריבער זיך געדאַרפט איצט לאָזן דירעקט צום צפון-פאָל.

אין אָנהויב סעפּטעמבער איז די „זשאַנעט" פאַרנומען געוואָרן דורך געדיכטע אייזבערג און, נישט קאָנענדיג זיך באַפרייען, האָט זי געלאָזט פאַרלעשן דאָס פייער אין איר מאַשין און זיך פאַראַנקערט ביי אן אייזבאַרג. אויף צומאָרגנס האָבן די שיפס-לייט דערזען, אַז זיי זיינען אַרומגערינגלט מיט אייז פון אַלע זייטן. אַזוי זיינען זיי געבליבן געפאַנגען במשך פון איינאונ-צוואַנציק חדשים! די שיפסלייט האָבן זיך ווייניק וואָס באַאונרו-יקט פון זייער לאַגע, ווייל אויף אַזעלכע צופאַלן האָבן זיי זיך

תחלת געריכֿט. זיי האָבן דעריבער געלעבט מיט דער האָפֿנונג, אַז דאָס אייז וועט אָנהויבן זיך באַוועגן צום צפון, מעגלאַך גאָר צום פּאָל! פֿון דאָרט האָט דער שטראָם, לויט גאָרדאָנס השערה, געדאַרפֿט זיי אָפּטראָגן ווידער צום דרום. די שיפֿסלייט האָבן דעריבער אָנגעהויבן פֿירן אַ געוויינלאַך רעגלמעסיק אַרבעטס-לעבן אויפֿן אייז. מען פֿלעגן גיין אויף יאַגד, דערביי האָט מען דערהרגעט אַן אייזבער און צוויי ים-פֿערד.
האָט מען אָבסערווירט די שטערן אויפֿן הימל, האָט מען באַלד באַמערקט, אַז די שיף ליגט נאָר לפּנים רויק, אין דער ווירקלאַכקייט אָבער טראָגט זי זיך צוזאַמען מיט די אייזפֿעלדער צום צפֿון-מערב. ווען דידאָזיקע רייזע וואָלט נאָר געגאַנגען עטוואָס שנעלער, האָט מען זיך קיין בעסערע זאַך נישט געהאַט צו ווינשן, ווייל אַזויאַרום וואָלט מען געקאָנט צוקומען צום פּאָל. אָבער די באַוועגונג קיין צפֿון איז געווען זייער אַ לאַנגזאַמע. דאָס אייזפֿעלד פֿלעגט גאַנץ אָפֿט זיך באַוועגן אויף צוריק, און ווידער אַהין און ווידער אַהער. אַז מען וואָלט געוואָלט אַדורכגיין אויף אַזאַ שטייגער אַ טויזנט קילאָמעטער, וואָלט מען געברויכֿט צו האָבן צוויי יאָר צייט!
די לאַגע איז אויך נישט געווען גאָר אָן געפֿאַר. דאָס אייז האָט געוואַלטיק געפּרעסט פֿון אַלע זייטן די שיף. מען האָט געמוזט אַראָפּנעמען פֿון שיף דעם רודער, אָבער דעם שרויף פֿון דער מאַשין האָט מען נאָך געלאָזן אין וואַסער, און כּדי דאָס אייז זאָל עס נישט צוקוועטשן, פֿלעגט מען נאָכאַנאַנד אויסהאַקן דאָס אייז אַרום אים. דעם אינסטרומענט האָט מען אַרויפֿגעבראַכֿט אויפֿן אייז, לערך הונדערט מעטער ווייט פֿון שיף, וואו מען האָט אויסגעבויט אַן אָבסערוואַטאָריע פֿאַר אַסטראָנאָמישע און מעטעאָראָלאָגישע באַאָבאַכטונגען. די אָבסערוואַטאָריע איז געווען פֿאַרבינדן מיט דער שיף דורך אַ טעלעפֿאָן. די שיף איז געווען איינגעשמידט אין אַ צוויי-מעטערדיקן אייז; אין אייניקע ערטער אָבער איז דאָס אייז געווען ביז זעקס מעטער דיק. די שיף האָט אַלזאָ געקאָנט יעדע מינוט צוקוועטשט ווערן און מען האָט געמוזט שטענדיק האַלטן שמירה און אָנווענדן אַלערליי

מיטלען געגן די אייז־סכּנות.
די שיף איז מיטן אייזפעלד געשטאַנען נישט ווייט פון דער ווראַנגעל-אינזל. ביז יענער צייט האָט מען געגלויבט, אַז די־דאָזיקע אינזל איז זייער גרויס, לפּחות נישט קלענער פאַר גרענ־לאַנד. די רייזע מיט דער „זשאַנעט" האָט אָבער דערוויזן, אַז דידאָזיקע אינזל איז זייער אַ קליינע און אַז אַרום איר איז דער ים מייסטנס אָפן. אויף די ברעגן פון דערדאָזיקער אינזל פלעגן זיך וויזן זייער פיל ים־הינט און ים־פערד.
אין אָנהויב נאָוועמבער האָט דאָס שטענדיקע קנאַקן פונם אייז אָנגעהויבן שטאַרק באַאומרויקן די שיפסלייט. די עסקימאָסנהינט האָבן מוראדיק געהוילן פאַר שרעק. נישט זיי, נישט זייערע בעלי־בתּים האָבן קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ קנאַקעריי. טיילמאָל פלעגט דאָס אייז פּלאַצן, און די „זשאַנעט" פלעגט דאַן שווימען אַ געוויסע צייט אין אָפענעם ים. אין שיף האָבן זיך אויך באַוויזן שפּאַלטן, וועלכע מען האָט תּיכּף געמוזט פאַרשטאָפּן און אויס־בעסערן. דאָס האָט געדויערט עטלאַכע טעג לאַנג. די שיפסלייט האָבן געאַרבעט מיט אַלע כּוחות און פון גרויס אויפרעגונג האָבן זיי אפילו נישט געקאָנט טרינקען רויק אַ גלעזל וואַרי־מע טיי.
דעם 10-טן נאָוועמבער האָט זיך אָנגעהויבן די ווינטערנאַכט, וועלכע דויערט אין יענער געגנט דריי חדשים לאַנג. דאָס איז געווען פאַר די שיפסלייט אַ צייט פון מנוחה. זיבן אַ זייגער אינדערפרי פלעגן אַלע אויפשטיין לויט אַ סיגנאַל און מען פלעגט זיך נעמען באַהייצן די שיף. ניין אַ זייגער פלעגט מען פרישטיקן, פון עלף ביז איינס פלעגט מען גיין אויף יאַגד, כּדי צו מאַכן באַוועגונגען. דריי אַ זייגער פלעגט מען עסן מי־טאָג; אַכט אַ זייגער אין אָוונט פלעגט מען טרינקען און צו־בייסן, דאַן פלעגט מען גיין שלאָפן. צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט מען עסן פריש פלייש פון דערהרגעטע בערן אָדער ראָבן. וויין פלעגט מען דערלאַנגען צום טיש נאָר זונטאָג. די ווינטער־חגאות האָט מען געפייערט מיט גרויס פּאַראַד.
אָבער אין יאַנואַר 1880 האָט דאָס אייז אַזוי שטאַרק גענומען

דריקן די שיף פון די זייטן, אַז זי האָט באַקומען אַ לאָך. תּחילת האָט מען נאָך נישט געוואוסט, וואו דאָס גאָפינט זיך, אָבער דאָס וואַסער אין שיף האָט אָנגעהויבן שטייגן אַלץ העכער און העכער. מען האָט אָנגעהויבן אַרבעטן מיט די פּומפּן און אַזוי האָט מען אַלצען חדשים כּסדר געהאַלטן אין איין אויספּומפּן דאָס וואַסער, וואָס פלעגט אַריינדרינגען אין שיף!

ווען די זון האָט זיך ענדלאַך ווידער באַוויזן און די שיפסלייט האָבן דערזען איינע די אַנדערע, זיינען זיי נשתּומם געוואָרן: ווי בלאַס און גרוי-געל זיי האָבן אויסגעזען. דער פראָסט האָט זיך דערוויל פאַרשטאַרקט און האָט דערגרייכט ביז פופציק גראַד.

אין מאַי איז אָבער ווידער וואַרימער געוואָרן און ס'האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר ווילדע גענז און קאַטשקעס. אַ גאַנצן זומער איז דאָס וועטער געווען הערלאַך שיין. פאַר די עסקימאָסנהינט איז שוין דאָס געווען צו וואַרים און זיי פלעגן דעריבער ליגן אין שאָטן ביים אייז.

דער שטראָם האָט בינו-לבינו געטריבן די אייזפעלדער אַלץ ווייטער צו צפון, און ווען די שיף וואָלט געקאָנט אויסהאַלטן דעם דרוק פונם אייז, וואָלטן זיי געוויס געקומען צום צפון-פּאָל, אָדער לפּחות נאָנט צו אים. די באַאָבאַכטונגען האָבן דערוויזן, אַז דער גאַנצער ים-הקרח איז דעמאָלט געווען באַדעקט מיט אייז, וואָס האָט געהאַלטן אין איין באַוועגן זיך צו צפון-מערב פון צפון-מזרח, אַלזאָ, פון אַזיע צו איירעפּע און אַמעריקע.

דאַן איז געקומען די צווייטע ווינטערנאַכט. דאָסמאָל זיינען די שיפסלייט שוין געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט; אייניקע פון זיי זיינען געשטאָרבן פון סקאַרבוט—אַ קרענק, וועלכע הערשט תּמיד אין די קאַלטע לענדער, באַזונדערס, ווען מען שפּייזט זיך נישט ווי געהעריק.

און ווידער איז עס זומער געוואָרן. דעם 18-טן מאַי האָט זיך דאָס וואַסער געעפנט אַרום דער שיף; פונדערווייטן האָט מען

דערזען אַ קליינע אינזל; אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען דערזען אַ צווייטע אינזל, פֿאַרביי וועלכֿער די „זשאַנעט" איז געגאַנגען. דעם 10-טן יוני האָבן די אייזפֿעלדער זיך צושפּאָלטן אַרום דער שיף. מען האָט ווידער אַראָפּגעלאָזן דעם רודער אין וואַסער און אָנגעהייצט דעם דאַמפּקעסל גרייט צו דער רייזע פֿון אייז אַרויס! צוויי טעג שפּעטער אָבער איז די שיף ווידער אַרומגערינגלט געוואָרן דורכן אייז. דאָס וועטער איז געווען שיין, אָבער דער דרוק פֿונם אייז איז געוואָרן פֿון מינוט צו מינוט שטאַרקער און העפֿטיקער. די שיפֿסלייט האָבן איינגעזען, אַז זייער שיף מוז סוף-כּל-סוף פּלאַצן ווי אַ גלאָז און זיך צובּרעכֿן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף טויט און לעבן. מען האָט פֿון שיף אָנגעהויבן אַרויסטראָגן אויפֿן אייז אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט. די שיף איז צוזאַמענגעפּרעסט געוואָרן אַזוי, אַז מען האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט דאָרט אויפֿהאַלטן. אויך דער מאַשיניסט איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער אונטערשטער אָפּטיילונג מיט אַ שרעק-אויסרוף: „דאָס אייז רייסט זיך אַריין אין קויהלן-מאַגאַזין!"

מען האָט געהערט, ווי דאָס וואַסער רייסט זיך אַריין אין שיף דורך אַלע לעכֿער. די אָפֿיצירן און מאַטראָזן האָבן געאַרבעט ווי קאַטאָרזשניקעס. מען האָט געמוזט זען אַרויסצוטראָגן סוף-כּל-סוף וואָס מער מלבושים און פּראָוויאַנט, ווי בכּלל אַלץ, וואָס קאָן נאָך צונוץ קומען אויפֿן אייז... מענטשן זיינען געשטאַנען בּיזן האַלז אין אייז-קאַלטן וואַסער און דערלאַנגט איינער דעם אַנדערן איבּערן קאָפּ די קעסטלאַך פּראָוויאַנט. ענדלאַך האָט די שיף אָנגעהויבּן זינקען. אַלע זיינען אַרויסגעשפּרונגען אויפֿן אייז. דער קאַפּיטאַן האָט פֿאַרלאָזן די שיף דער לעצטער. דעם 13-טן יוני דריי אינדערפֿרי איז די שיף לאַנגזאַם אונטערגעגאַנגען.

די שיפֿסלייט זיינען געשטאַנען געלעמט פֿון שרעק און פֿאַרצווייפֿלונג. איצט זיינען זיי שווייגנדיק אַוועקגעגאַנגען צוזאַמענעמען זייערע אַרויסגעראַטעוועטע זאַכֿן. פֿלייש, בּרויט (געטריקנט), צוקער, טיי, שאָקאָלאַד, פֿלייש-עקסטראַקט און ענלאַכֿע לעבּנס-

מיטלען האָבן זיי אַרויסגעראַטעוועט אַזויפיל, אַז ס'האָט זיי געדאַרפט קלעקן אויף צוויי-דריי חדשים. אויך ביקסן און אַ פּאָר טוויזנט פּאַטראָנעס האָבן זיי געהאַט, כדי צו קאָנען גיין אויף יאַגד. זיי האָבן אויך אַרויסגעראַטעוועט עטלאַכע שליטנס, שיפלאַך, געצעלטן און זעגל-לייוונט. דאָס אַלץ איז געלעגן אָנ-געוואָרפן אויפן אייז אין דער גרעסטער אומאָרדנונג. אָבער נאָך שרעקלאַכער איז געווען די געגנט אַרום: שטיקער אייז, באַ-דעקט מיט שניי; דאָ און דאָרט זעט זיך אַרויס דער ים צווישן די שטיקער אייז... די אומגליקלאַכע האָבן אויסגעזען ווי מענטשן, וואָס זיינען פלוצלונג אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער דירה אויף דער גאַס.

לעבן מוז מען דאָך אָבער, האָט מען זיך באַלד גענומען פאַר דער אַרבעט אויפצושטעלן די געצעלטן. די ניי-סיבירישע אינזלען זיינען געווען נישט ווייט און מען האָט אויך געקאָנט האָפן צו-צוקומען מיט די שיפלאַך צום אויסגוס פון גרויסן סיבירישן טייך לענאַ.

דער קאַפּיטאַן פון דער אונטערגעגאַנגענער שיף, דע לאָנג, האָט זיינע לייט געגעבן זעקס טעג צייט אויף אויסצורוען זיך. נאָכ-דעם האָט מען זיך גענומען צוגרייטן צו דער נסיעה אויפן אייז: מען האָט אַרויפגעבראַכט די שיפלאַך אויף די שליטנס, און זיי באַלאָדן מיטן גאַנצן אַרויסגעראַטעוועטן האָב און גוטס. אָבער קיין איבריקע זאַכן האָט דער קאַפּיטאַן נישט געלאָזן נעמען: נאָר צו צוויי קאָלדרעס, צוויי פּאָר זאָקן, צוויי פּאָר וועש, צוויי פּאָר הענטשקעס, איין פּעקל טיטון מיט אַ פּייקע און זאַפּאַל-קעס—אָט וואָס יעדער האָט געקאָנט מיטנעמען מיט זיך. ווען מען האָט זיך שוין געהאַט אינגאַנצן צוגעגרייט צו דער רייזע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בסך-הכל באַשטייט די קאָמפּאַניע פון אַכטאונצוואַנציק מאַן מיט דרייאונצוואַנציק הינט.

דורך דעם אייז־מדבר.

די נסיעה האָט זיך אָנגעהויבן אונטער דער אָנפירונג פון אַ מענטשן, וואָס איז געניט אינם אַייז-ים. אין וועג פלעגט מען זיך לאָזן אָוונטצייט. אַרום צוועלף ביינאַכט פלעגט מען זיך אָפּשטעלן עסן מיטאָג. די שליטנס זיינען געווען שווער באַלאָדן און זיי פלעגן זיך טיף איינשניידן אין שניי. די רייזע איז דעריבער צוגעגאַנגען זייער לאַנגזאַם. פילמאָל האָט מען זיך געמוזט אָפּשטעלן, ווייל מען האָט באַגעגנט אויפן וועג אָפענע ערטער אין אייז, וואו שוואַרצע ים-טיפענישן האָבן אַרויסגעקוקט מיט זייערע שרעקלאַכע באַהאַלטענע סודות... אין אַזעלכע פאַלן פלעגט מען מוזן מאַכן אַ פאַראָם פון אַן אַייז-קריע און אַריבערשיפן זיך אויף איר. דערביי פלעגט מען אָפט שטיין אין וואַסער ביז די קני. ווען דאָס פלעגט אויסקומען בייטאָג, האָט מען שטאַרק געליטן פון דער ברענענדיקער זון; ביינאַכט ווידער פלעגט מען שרעקלאַך פרירן. ס'איז געווען אַ קאַמף פאַרן לעבן! די הינט פלעגן שלעפן די שליטנס. אָפט פלעגט מען כאַפן אַ חיה, פלעגט מען האָבן מיט וואָס צו נערן די הינט. ווען דאָס איז נישט געווען, פלעגט מען זיי מוזן איינטיילן קאָנסערוון-פלייש. די קאָמפּאַניע האָט אַזוי ביטער געאַרבעט אַ גאַנצע וואָך, אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַר דערדאָזיקער צייט האָט דער שטראָם זיי אָפּגעטראָגן פיל ווייטער פון דער יבשה צו צפון-מערב, איידער צו דרום. אַלזאָ, אַנשטאָט קומען נענטער צום ציל, האָבן זיי זיך גאָר דערווייטערט פון אים! ווייל דערדאָזיקער שרעקלאַכער פאַקט וואָלט צוגענומען ביי אַלעמען דעם חשק צו אַרבעטן ווייטער, האָט דער קאַפּיטאַן פאַרטרויט די זאַך

בלויז איין אָפּיציר מיט דעם תנאי, ער זאָל עס האַלטן שטרייננ בסוד.
מען האָט זיך אָבער פּאָרט געמוזט רוקן פאָרויס. איצט האָט דער קאַפּיטאַן שוין געטראַכט נאָר וועגן איין זאַך: זיך דער־שלאָגן צום אָפענעם ים און זיך לאָזן אויף דער רייזע אין די שיפלאַך.
אינמיטן יולי איז די לאַגע געוואָרן עטוואָס פריילאַכער: מען האָט דערשאָסן אַ פּאָר פויגלאַך, אַ ים-פערד און אַן אייזבער און מען האָט, אַלזאָ, געהאַט גענוג פריש פלייש אויף אַ געוויסער צייט פאַר זיך און בײַנער פאַר די הינט. מען האָט אויך דער־זען יבשה אין דרום-מערב פונם אייז-מדבר. נאָך געוואַלטיקע אָנשטרייננונגען האָט מען ענדלאַך זיך דערשלאָגן צו אַן אינזל, וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבן גאָרדאָן-בענעט. מען האָט אויך אַרויסגעשטעלט אַ פאָן אויף איר און באַגריסט די אַנטדע־קונג מיט אַ פריילאַכן „הוראַ!"
אויף דער אַנטדעקטער אינזל האָט מען זיך אויסגערוט עטלאַכע טעג. ווייטער צו דרום האָט מען שוין גערעכנט צו מאַכן די רייזע אין די שיפלאַך. טייל הינט האָט מען דעריבער דערשאָסן, און צוועלף הינט האָט מען אַרייננענומען מיט זיך אין די שיפ־לאַך. אָבער די הינט האָבן זיך געשראָקן פאַר דער ים-רייזע און זיינען זיך צולאָפן אויף די אייזבערג. נאָר צוויי פון זיי זיינען געבליבן געטריי ביי זייערע בעלי-בתים.
אַרויסגעפאָרן מיט די שיפן פון דער אינזל, האָט מען איינגע־טיילט אַלע לעבנסמיטלען צווישן די דריי שיפלאַך אין קליינע חלקים. דעם קאַפּיטאַנס שיפל האָט געהאַלטן זעקס מעטער אין דער לייננ און האָט געהאַט אַ זעגל מיט אַ רודער. אויפן דאָזיקן שיפל זיינען געזעסן עלף מאַן. אין צווייטן שיפל האָבן זיך באַ־זעצט עלף מאַן מיטן ערשטן מאַשיניסט מעלוויל בראש. זעקס מאַן האָבן זיך אַרייננעזעצט אין דריטן שיפל מיטן לייטענאַנט שיפ בראש. פאַרן אָפּפאָרן איז אַלע שיפלאַך אָנגעזאָגט געוואָרן צו האַלטן זיך צוזאַמען און נישט פאַרלירן פון די אויגן דעם קאַפּיטאַנס שיפל.

דער ווינט האָט זיך געשמאַק גענומען צו די שיפלאַך און אַרויסגעטריבן זיי ווייט אין ים אַריין. די רייזע אויפן ים איז תּחילת געווען זייער אָנגענעם, ווייל איצט האָט מען דאָך לפּחות נישט געהאַט אַזוי שווער צו אַרבעטן און מען האָט געקאָנט זיך פּיל־ווייניק אויסרוען. דערפאַר איז טאַקי פאַר אַלעמען געווען אַ גרויסער קלאַפּ, ווען מען האָט אין צען טעג אַרום זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף גרויסע אייזפעלדער. ענדלאַך אָבער האָט מען זיך פון אייז באַפרייט און מען האָט זיך אַרויסגעזעצט אויף דער אינזל פאַדייעוו, וועלכע געהערט צו דער גרופּע פון די נײַ־סיבירישע אינזלען. ביים ברעג פון דערדאָזיקער אינזל האָט מען געפונען פיל געהילץ, וואָס דער ים האָט אָנגעטראָגן פון דער יבשה; מען האָט דאָ אויך געפונען עטלאַכע הייזלאַך מיט פאַרשידענע קיך־כּלים. דאָס איז געווען אַ גוטער סימן, אַז טיילמאָל ווערט די אינזל באַזוכט פון מענטשן.

דאַן האָט מען זיך געלאָזן ווייטער אין וועג אַריין, טיילמאָל מיטן זעגל, טיילמאָל מיט די רודערס, כּדי צוצוקומען צו די דרום־ברעגן פון דער אינזל. עס איז געווען אַ שטורמיש וועטער און איינמאָל האָט מען געהאַט פאַרלאָרן פון די אויגן שיפס שיפל. ביידע שיפלאַך האָבן דעריבער זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אייזבאַרג און געוואַרט, ביז דאָס פאַרלאָרענע שיפל וועט זיך ווידער באַווייזן. אַזוי איז אויסגעקומען צו וואַרטן אַ פּאָר טעג. ערשט אין צוויי טעג אַרום זיינען די חברים געקומען. איצט האָט מען זיך געמוזט אויסרוען ווידער אַ געוויסע צייט, און ערשט דאַן ווייטער לאָזן זיך אין ווייטן ים אַריין. דעם 10־טן סעפּטעמבער איז די קאָמפּאַניע צוגעקומען צו דער סעמיאָנאָוו־אינזל. דאָ האָבן די שיפסלייט דערשאָסן אַ הירש און זיך באַזאָרגט אויף אַ געוויסער צייט מיט פרישן פלייש.

דער קאַפּיטאַן דע לאָנג האָט גערעכנט דאָ צו פאַרבלייבן אַ לייַנגערע צייט, כּדי צו זאַמלען כּחות אויף דער ווייטערדיקער רייזע. לײַדער האָט ער נאָכגעגעבן מעלווילס בקשה צו לאָזן זיך תּיכּף אין וועג אַריין כאָטש דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט און דאָס וועטער—אומרויק און שלעכט. מען האָט גע־

רעכנט צו קומען אין יענעם פּונקט, וואו דער טייך לענאַ פּאַלט אַריין אין ים, אָבער דערצו האָט מען באַדאַרפט דורכמאַכן אַ נסיעה פון צווייהונדערט קילאָמעטער.

ווען מען האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין, איז פּאָרויס ווידער געפאָרן קאַפּיטאַן דע לאָנגס שיף. אָבער ער איז נאָך גאָר ווייביק אָפּגעפאָרן, ווען זיין שיף האָט זיך מיט אַזאַ כּוח אָנגעשטויסן אָן אַן אייזבאַרג, אַז עס האָט באַקומען אַ שפּאַלט. מען האָט זיך ווידער געמוזט אַרויסזעצן אויף אַן אייזבאַרג, צו פאַרשטאָפּן דעם שפּאַלט. ביידע אַנדערע שיפלאַך האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן און וואַרטן. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, ווען אַלע לייט פון דער עקספּעדיציע האָבן זיך געפונען צוזאַמען...

דאַן האָט מען זיך געלאָזט פאָרן ווייטער מיט גינסטיקן ווינט צו דרום, צו די ברעגן פון סיביר.

אויפן ים זיינען געגאַנגען הויכע כוואַליעס. צו אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורמווינט און די כוואַליעס זיינען מיט די שוים־ווייסע רוקנס געפלויגן איבער די לייכטע שיפלאַך... מעלוויל האָט איבערגעגעבן די קאָמאַנדע איבער זיין שיף אַן אָפיציר, וועלכער האָט אויסגעצייכנט מאַנעווורירט צווישן די כוואַליעס. ווער עס איז נישט געווען באַשעפטיקט ביים זעגל אָדער ביים רודער, האָט געמוזט אויסשעפּן דאָס וואַסער, וואָס די כוואַליעס פלעגן אַלע ווײַלע אַריינוואַרפן אין שיף. אין אָנהויב אָוונט האָט מען האָט מען נאָך געזען די שיפלאַך פון דע לאָנג און שיפּ. אָבער דאַן איז געוואָרן שטאָק פינסטער; די מענטשן זיינען געווען דורכגענעצט ביזן לייב און פאַרפראָרן און אָט אַזוי האָבן זיי געקעמפט פאַר זייער לעבן. דער שטורם האָט אין דער פינסטער זיי געטריבן צום ברעג־צו. אַרום זיך האָט מען קיין זאַך נישט געזען. מען האָט נאָר געהערט דעם געפילדער פון שטורם, דאָס רוישן פון די כוואַליעס, וועלכע האָבן מיט זייער ווייסן שוים באַגאָסן דאָס שיפל. אָבער פונדעסטוועגן האָבן אַלע שיפסלייט זיך געהאַלטן פעסט און העלדיש געקעמפט. ווען עס איז טאָג געוואָרן, האָט מען פון די איבעריקע צוויי שיפלאַך שוין מער גאָרנישט געזען!...

ווייטער האָט מען אַ טאָג לאַנג געקעמפּט מיטן ווינט און מיט די כוואַליעס און אַזוי האָט עס זיך אויך געצויגן אַ צווייטע נאַכט. ווען דאָס שיפֿל איז ענדלאַך צוגעקומען צום ברעג פֿון טייך לענאַ, האָט מען זיך ערשט דערמאָנט, אַז מען האָט געאַרבעט ביי די רודערס זיצנדיק איינגעדרייט אין דרייען און דורכגעפראָרן איינגאַנצן—הונדערט מיט אַכט שעה נאָכאַנאַנד! מאַנכע זיינען געוועזן אַזוי אַדורכגעפראָרן, אַז זיי האָבן אויף דער יבשה זיך קוים געקאָנט דערשלעפּן צום פייער, וואָס זייערע חברים האָבן געמאַכט. אַלע האָבן זיך אַ וואָרף-געטון צום פייער און זיינען איינגעשלאָפן האַלב-טויט. אָבער זיי האָבן געהאַט גליק: צוויי טעג שפּעטער האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף פישער, וועלכע האָבן זיי געוויזן דעם וועג צו בולום, דעם ערשטן דאָרף אויף די ברעגן פונם טייך לענאַ.

וואו איז אָבער געבליבן קאַפּיטאַן דע לאָנג מיט זיינע לייט?...

דע לאָנגס מאַרש אין טויט אַרײַן.

העכער פערציק יאָר זיינען שוין אַריבער זינט דערדאָזיקער שרעקלאַכער רייזע, אָבער עד-היום ווייס מען נאָך נישט, וואָס עס איז געוואָרן מיט שיפס שיפל. ס'איז קיין ספק נישט, אַז עס איז אונטערגעגאַנגען אינם שטורמווינט, וואָס דע לאָנג מיט זיינע לייט האָבן איבערגעלעבט. דע לאָנג מיט זיינע לייט האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט אויף דער יבשה. אמת, אין שרעקלאַכן שטורמווינט האָט זיין שיפל פאַרלאָרן דעם זעגל, אָבער דריי פּאָר רודערס זיינען אים נאָך געבליבן און אָט האָט ער מיט זייער הילף געקעמפט. דעם 13-טן סעפּטעמבער אינדערפרי האָט ער שוין מער ביידע שיפלאַך נישט געזען, אָבער דערפאַר האָט ער אויף צומאָרגנס דערזען די יבשה. דער ברעג איז דאָ געווען זייער נישט טיף; אַרום אים איז געווען פול אייז און ס'איז דעריבער זייער שווער געווען זיך אַרויסצוזעצן. צוויי טעג שפּעטער האָבן די שיפסלייט, טויט-מיד פון קעלט און אומאויפהערלאַכער אַרבעט, זיך צוגעשלאָגן צום ברעג, וואו עס איז זיי אויסגעקומען צו גיין הונדערט מעטער אין אייז-וואַסער און אַרויסצוטראָגן זייערע חפצים אויף דער יבשה.

דאָ זיינען זיי איבערגעבליבן צוויי טעג, כדי אויסצושלאָפן זיך און איינצואָרדנען זייערע זאַכן. אומעטום איז געלעגן געהילך, ווען די לענאַ וואַרפט אַרויס אין ים, אויסרייסענדיג עס פון די סיבירישע וועלדער! איין מאַטראָז האָט אָבגעפראָרן די פיס און מען האָט אים געמוזט פירן אויף אַ שליטן. לעבנסמיטלען האָט מען געהאַט נאָר אויף פינף טעג און דערצו דעם לעצטן פון די פערציק הינט. די משא, וואָס מען האָט געפירט, איז

אָבער נאָך אַלץ געווען צו שווער פאַר די שוואַכע כחות פון די אויסגעמאַטערטע מענטשן. ווען די ערשטע פינף טעג זיינען אַריבער, און די שיפסלייט זיינען אַדורכגעגאַנגען צו דרום-צו נישט מער ווי עטלאַכע מייל, האָט מען צום גליק דערשאָסן צוויי הירשן; דאָס האָט געראַטעוועט די אומגליקלאַכע אויף דער ערשטער צייט פון אַ הונגערטויט. ווידער האָט מען מאַרשירט ניין טעג, ביז מען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן פאַר אַ ברייטן טייך. די לאַגע פונם מאַטראָז מיט די אָפּגעפראָרענע פיס איז געוואָרן ערגער, ווייל ער האָט איינמאָל בייניאַכט אויך אָפּגעפראָרן אַ האַנט. מען האָט זיך דעריבער געמוזט אָפּשטעלן און דעם 6-טן אָקטאָבער האָט מען גערוט. די נויט איז שוין געווען געוואַלטיג גרויס. כדי צו שטילן דעם הונגער, האָט מען דערהרגעט דעם הונט. אויף צומאָרגנס איז דער אָפּגעפראָרענער מאַטראָז געשטאָרבן און ער איז מער נישט געפאַלן צו-לאַסט זיינע חבריב. זיין קערפּער האָט מען אַראָפּגעלאָזן אין טייך אַריין, דע לאַנג האָט אָפּגעזאָגט נאָך אים אַ תפילה, דאַן האָט מען דריי מאָל אויסגעשאָסן, און ווייל ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלאַכער שטורמווינט, האָט מען געמוזט אַריינכאַפּן זיך אין די געצעלטן. צו גיין ווייטער ביי אַזאַ וועטער איז געווען אוממעגלאַך. מען האָט געמוזט דעריבער וואַרטן און אין אָוונט האָט מען אויסגעטיילט די לעצטע פונם הונטס פלייש. דאַן האָבן זיך אַלע צוזאַמענגעדרייט, ווי די קנוילן כדי צו וואַרימען זיך איינער אָן דעם אַנדערן.

אויף צומאָרגנס האָט מען באַשלאָסן בעסער אומצוקומען אין וועג פון פראָסט, איידער צו שטאַרבן פון הונגער אין די געצעלטן. איידער מען האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָט מען איבערגעלאָזן אויפן אָרט אַ ביקס מיט אַ באַריכט וועגן דעם שיקזאַל פון דער „זשאַנעט". משא האָבן זיי שוין געהאַט מיט זיך נישט פיל: די קליידער אויפן לייב, די שיפסביכער, און וועלכע מען האָט אַלע טאָג באַשריבן די רייזע, אַ געצעלט און צוויי ביקסן.

די וואַנדערער האָבן אָבער באַלד פאַרלוירן זייערע כחות, זיי

האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן און האָבן דערהאַלטן די נשמה נאָר מיט אַ ביסל וואַרים וואַסער און אַ טראָפּן בראָנפֿן. זונטאָג דעם 9-טן אָקטאָבער האָט דע לאָנג צוגערופֿן צוויי פֿון זײַנע געזונטע מאַטראָזן, רינדערמאַן און נאָראָס, און זיי געפֿרעגט צי זיי ווילן זיך אונטערנעמען צו גיין שנעלער פֿאָרויס, צו זוכן הילף. די מאַטראָזן האָבן גערן אָנגענומען דעם פֿאָרשלאָג. דע לאָנג האָט זיי געגעבן אַ קאַרטע, לויט וועלכער זיי װעלן קאָנען וויסן, וויאַזוי צו גיין מיטן טײַך. דערבײַ האָט ער זיי געעצהט צו האַלטן זיך אויפֿן לינקן ברעג פֿון טײַך, ווײַל דאָרט וואַרפֿט אַרויס דער טײַך געהילץ און מען קאָן דאָרט אָנטרעפֿן אַ מענטשלאַכן ישוב. אויך אַ ביקס מיט פּופֿציק פּאַטראָנעס האָט ער זיי מיטגעגעבן. אויב עס זאָל זיי געלינגען במשך פֿון צוויי טעג צו דערשיסן אַ הירש, האָבן זיי געדאַרפֿט קומען צוריק מיטן פֿלייש פֿאַר די חברים. נאָכדעם ווי מען האָט זיך זייער וואַרים צוזעגנט, האָבן זיי זיך געלאָזן אין וועג אַרײַן. די חברים האָבן זיי באַגלייט מיט אַ הילכיקן „הוראַ!"

דער מאַטראָז רינדערמאַן איז נישט צום ערשטן מאָל געגאַנגען אויף אַזאַ מין אַוואַנטורע. אויף אַ פֿריערדיקער פּאָל-רייזע האָט ער שוין איינמאָל געהאַט צוגעבראַכט אַכט חדשים צוזאַמען מיט אַ פּאָר חברים אויף אַן אײַזבאַרג און איז פֿון דאָרט אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן דורך אַ פֿאַרבײַגייענדיקער שיף. איצט איז ווידער דאָס לעבן געשטאַנען אויפֿן שפּיל. ער האָט זיך געלאָזן גיין מיט זײַן חבר צו דרום. באַלד האָט ער דערזען אַ סטאַדע הירשן, אָבער די לעצטע האָבן דערשמעקט די נאָנטע מענטשן און זײַנען זיך געשווינט צולאָפֿן. דער שניישטורעם האָט זיי געבלאָזן אין פּנים אַרײַן און צו אָוונט האָבן זיי געמוזט זיך אײַנגראָבן מיט הונגעריקע מאָגנס אין שניי צום שלאָפֿן. בײַנאַכט איז דער שניי געווען אַזאַ געדיכטער, אַז ער האָט זיי אינגאַנצן פֿאַרשאָטן און זיי זײַנען אויף צומאָרגנס קוים אַרויסגעקראָכן פֿון זייער לאָך.

ווידער האָבן זיי זיך געלאָפֿן טויט-הונגעריקע אין שטורעם פֿאָרויס. געגאַנגען זײַנען זיי שריט-בײַ-שריט, נישט זעענדיק

פאַר זיך די וועלט. צו אָוונט האָבן זיי דערזען אַ קליין בערגל
אינדערווייטן. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז עס געווען אַ פאַר־
לאָזן הייזל. זיי זיינען דאָרט אַריין און האָבן געמאַכט פייער.
דאַן האָבן זיי זיך געלייגט שלאָפן און זיינען שיר נישט פאַר־
פראָרן געוואָרן אין שלאָף. ווידער האָבן זיי אַ טאָג געוואַנדערט,
און זיך ענדלאַך אָנגעשטויסן אויף אַ פאַרלאָזן הייזל, וואו זיי
האָבן געפונען צוויי פאַרפוילטע פיש. דאָ זיינען זיי פאַרבליבן
אָנדערטאַלבן מעת־לעת, כדי צו זאַמלען קרעפטן. דעם 15-טן
אָקטאָבער האָבן זיי, צוליב דעם שרעקלאַכן שטורם, נישט גע־
קאָנט גיין ווייטער און האָבן פאַרבראַכט אין אַ הייל; געגעסן
האָבן זיי שאָלעכטס פון אַ בוים און די שמאַטעס פון זייערע
פעלענע הויזן. דאַן האָבן זיי זיך געשלעפט ווייטער אויפן פאַר־
פרוירענעם טייך לענאַ, פעסט אַנטשלאָסן צו קריכן אויף אַלע
פיר, ווען זיי וועלן שוין מער נישט קאָנען גיין. צווייהונדערט
קילאָמעטער זיינען זיי אַזוי־אַרום אַדורכגעגאַנגען נישט באַגעג־
נענדיק קיין לעבעדיקן נפש און נישט געפינענדיק קיין הילף!
אָט אָבער האָבן זיי ענדלאַך דערזען דריי הייזלאַך, וואו זיי
האָבן געפונען הילף און רעטונג! אין איין הייזל איז געלעגן אַ
זאַפּאַס פון געטריקנטע פיש און טרוקן האָלץ צו מאַכן פייער.
צוויי טעג האָבן זיי זיך אויסגערוט און געוואָלט שוין גיין ווײ־
טער, אָבער זיי זיינען נאָך געווען צו־שוואַך, דעריבער האָבן
זיי זיך אויסגערוט נאָך איין טאָג. דעם 22־טן אָקטאָבער, ווען
זיי האָבן שוין געוואָלט עפּיס אויפקאָכן צו עסן, האָבן זיי דער־
הערט פאַר דער טיר אַ גערויש. רינדערמאַן האָט אַ קוק געטון
דורך אַ שפּאַלט און דערזען צוויי הירשן. ער האָט באַלד גע־
כאַפּט זיין ביקס און געוואָלט זיי דערשיסן, אָבער ווען ער
איז צו דער טיר צוגעקומען, האָט ער דערזען אַ מענטש—אַ
טונגוז. (טונגוזן—אַ פאָלק אין סיביר).
ווען דער טונגוז האָט דערזען די צוויי פרעמדע מענטשן מיט
דער ביקס אין דער האַנט, האָט ער געמיינט, אַז זיין לעצטע
שעה איז געקומען. ער איז דעריבער געפאַלן אויף די קני און
געבעטן, אַז זיי זאָלן אויף אים רחמנות האָבן. רינדערמאַן האָט

אַ וואָרף געטון זיין ביקס אָן אַ זייט און פריינדלאַך געקלאַפּט דעם מענטשן אויפן אַקסל. ער האָט אים געוואָלט באַרויקן. באַלד האָט טאַקי דער טונגוז פאַרשטאַנען, אַז ביידע מענטשן ווילן אים קיין שלעכטס נישט טון, ווייל ער האָט באַמערקט, דידאָזיקע צוויי מענטשן געפינען זיך אַליין אין אַ שרעקלאַכער נויט די מאַטראָזן האָבן זיך באַמיט געבן אים פאַרשטיין דורך צייכנס, אויף שטום־לשון, אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַן אונטערגעגאַנגענער שיף און נויטיקן זיך זייער אין שפּייז פאַר זיך און זייערע חברים, וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזן אין צפון. דער טונגוז האָט זיי אָבער געקאָנט געבן נישט מער, ווי אַ פּאָר פּעלענע שטיוול און אַ הירשנפעל. נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת האָט ער זיך געלאָזן גיין צו זיינע הירשן, געבענדיק זיי אַ צייכן מיט דריי פינגער. דאָס האָט באַדאַרפט באַדייטן, אַז במשך פון דריי טעג וועט ער צוריקקומען מיט הילף פאַר זיי...

דער טונגוז איז אויף זיין שליטל מיט די געשווינדע הירשן באַלד פאַרשווינדן געוואָרן און די מאַטראָזן האָבן שוין חרטה געהאַט, פאַרוואָס זיי האָבן אים געלאָזן אָפּפאָרן אַליין און זיינען נישט געפאָרן מיט אים צוזאַמען. אויף צומאָרגנס איז ער אָבער געקו־מען צוריק מיט צוויי חברים און עטלאַכע שליטנס און האָט זיי געבראַכט פּעלצן שטיוול און געפּרעגלטע פיש. די האַלב פאַר־הונגערטע און דערפרוירענע מאַטראָזן האָבן תיכף ומיד איינגע־שטילט דעם הונגער און זיך דערוואַרימט אין די קליידער. ערשט איצט האָבן זיי געפילט, אַז זיי זיינען אויסער לעבנס־געפאַר.

און דאָך וואָלט עס בעסער געווען פאַר זייער גוטן נאָמען, ווען זיי וואָלטן אָט די טונגוזן גאָרנישט דערזען! אָן די טונגוזן וואָלטן זיי געווען געצוואונגען צו מאַרשירן ווייטער צו דרום און זיי וואָלטן זיך געוויס געראַטעוועט, ווייל ביזן נאָנטסטן טונגוזן־דאָרף איז געווען סך־הכל אַ מייל זיבן. אמת, דע לאַנג מיט זיי־נע לייט וואָלטן סיי־ווי־סיי געמוזט אומקומען, וואָרום ביז וואַ־נען די מאַטראָזן וואָלטן זיך אומגעקערט צו זיי, וואָלטן יענע אויסגעגאַנגען פון הונגער, אָבער די מאַטראָזן וואָלטן דאָך גע־

האַט אַ ריין געוויסן, און קיינער וואָלט צו זיי נישט געהאַט קיין טענות, אַז זיי האָבן נישט אַלץ געטון, וואָס זיי האָבן געדאַרפט טון פאַר זייערע חברים. ווען זיי וואָלטן לפּחות מיט געוואַלט באַקומען אַ שליטן מיט אַ האַלב טוץ הירשן, צו פאָרן צוריק צו זייערע חברים, וואָלטן זיי אפשר זיי נאָך געפונען ביים לעבן און אָפּגעראַטעוועט זיי פון שרעקלאַכן טויט! זיי האָבן דאָך געוואוסט, אַז זייערע חברים שפּייזן זיך שוין מיט זייערע אַלטע שטיוול און גייען-אויס פון הונגער און קעלט... אָבער זיי האָבן זיך צוריק נ י ש ט אומגעקערט, נאָר זיי זיינען געגאַנגען ווייטער מיט די טונגוזן. דערנאָך אָבער איז שוין געווען צו-שפּעט!

אמת, שטאַרק באַשולדיקן קאָן מען ביידע העלדישע מאַטראָזן נישט. זיי האָבן גענוג געקעמפט און געליטן די גאַנצע פיר חדשים, זינט די שיף „זשאַנעט" איז אונטערגעגאַנגען. דערצו האָט מען איצט געהאַלטן ביים אָנהויב פון דריטן ווינטער און זיי זיינען געווען טויט־הונגעריק, מיד און דערפראָרן. און ביי אַזעלכע באַדינגונגען פאַרלירט דער מענטש די פעיקייט זיך דורכצודרינגען מיט יענעמס נויט. אפילו דאָס עסן האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרטראָגן און זיינען נאָך שוואַכער געוואָרן.

צי האָבן זיי געטאָן גוט, צי שלעכט, נאָר געשען איז אַזוי—זיי זיינען אָפּגעפאָרן מיט די טונגוזן אין זייער דאָרף אַריין, וואו עס זיינען געווען סך הכל צען איינוואוינער, וועלכע האָבן געהאַט נישט מער ווי פינפאונזיבעציק הירשן מיט דרייסיק שליטנס. אין איין געצעלט האָט זיך געקאָכט אין אַ גרויסן קעסל הירשן-פלייש און מען האָט איינגעלאַדן די מאַטראָזן מיטצועסן. מען האָט זיי אָנגעגאָסן אַ פולע הילצערנע שיסל זופּ מיט פלייש און מכבד געווען זיי דערנאָך מיט טיי. דאַן האָבן די פריינדלאַכע טונגוזן אויסגעבעט אויף דער ערד הירשן־פוטערס און וואַרים איינגעדעקט זיי צום שלאָפן. אַזאַ נאַכט האָבן די מאַטראָזן נישט געהאַט שוין חדשים־לאַנג.

אויף צומאָרגנס זיינען די טונגוזן מיט זייערע ביידע געסט אָפּ-

געפאָרן אין אַן אַנדער דאָרף, וואוהין זיי זיינען געקומען דעם 25-טן אָקטאָבער. ערשט איצט האָט רינדערמאַן זיך דערמאָנט וועגן קאַפּיטאַן און זיינע אומגליקלאַכע חברים און, כאָטש ער האָט זיך מיט קיין איינציקן וואָרט נישט געקאָנט צוזאַמענרעדן מיט די טונגוזן, האָט ער זיך דאָך באַמיט זיי קלאָר צו מאַכן די זאַך. וויאַזוי האָט ער דאָס געטון? אין איין געצעלט איז געלעגן אַ שפּילצייג, אַ קליין שיפל. רינדערמאַן האָט צוגעמאַכט זעגלען און צוגעמאַכט נאָך דריי קליינינקע שיפלאַך. דאָס אַלץ האָט ער אַרומגערינגלט מיט אייז און באַוויזן, ווי דאָס אייז קוועטשט די שיף, ביז די שיף איז אונטערגעגאַנגען. דאַן האָט ער זיי באַוויזן, וויאַזוי די שיפסלייט האָבן זיך פונאַנדערגעזעצט אין די שיפלאַך און זיך געראַטעוועט אויף דער יבשה. דערביי האָט ער זעכצן מאָל זיך געלייגט אויף דער ערד און פאַרמאַכט די אויגן, כדי צו געבן זיי צו פאַרשטיין, אַז שוין זעכצן טעג זיינען אַריבער, זינט ער האָט זיינע חברים פאַרלאָזן.

די טונגוזן האָבן משיג געווען די זאַך און אָנגעהויבן ריידן צווישן זיך. אָבער ווי עס שיינט, האָבן זיי אָדער שלעכט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, אָדער זיי האָבן פּשוט נישט געוואָלט זיך אַוועקלאָזן אין דעם שרעקלאַכן אייז־מדבר, אָדער ווי מען רופט עס „טונדראַ", וואו מען קאָן שטאַרבן פון הונגער.

אויף צומאָרגנס איז געקומען אין דאָרף אַריין אַ פאַרשיקטער מיטן נאָמען קוזמאַ. ער איז געווען אינטעליגענטער, ווי די טונגוזן און רינדערמאַן האָט אים קלאָר געמאַכט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דעם לעבן פון עלף נפשות. קוזמאַ האָט אָבער געמיינט, אַז דאָ רעדט מען וועגן מעלווילס קאָמפּאַניע, וועלכע איז אויך באַשטאַנען פון עלף נפשות, און דעריבער האָט ער אָפּגעפירט ביידע מאַטראָזן קיין בולום, וואוהין זיי זיינען געקומען דעם 2-טן נאָוועמבער און האָבן זיך ענדלאַך באַגעגנט מיט מעלווילן און זיינע לייט.

ווען מעלוויל האָט זיי אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן דע לאָנג און

זיינע לייט, האָבן ביידע מאַטראָזן אָנגעהויבן הויך צו וויינען און געבעטן, אַז מען זאָל תיכּף זיך לאָזן גיין צוריק צו צפון. אָבער מעלוויל האָט געהאַלטן די מאַטראָזן פאַר צו-שוואַך צו קאָנען אונטערנעמען אַזאַ נסיעה. ער האָט דעריבער מיט זיינע אייגענע לייט זיך געלאָזן אין וועג אַריין, אויפצוזוכן דע לאָנג מיט זיינע לייט. אין טייל ערטער האָט ער געפונען אַ פאָן, אינסטרומענטן און אַן אַפּטייק-קעסטל. דערין האָט ער געזען אַ סימן, אַז ער בלאָנדזשעט נישט. אָבער צוליב דעם שטאַרקן שניישטורם און דער נישט-צופרידנקייט פון די טונגוזן, האָט ער ווייטער נישט געקאָנט פאָרן. דע לאָנגס שיקזאַל איז אַלזאָ באַ-שלאָסן געוואָרן אויף אַ גרויזאַמען אופן!

אַ האַלב יאָר שפּעטער, אין מערץ 1882, האָט מען געשיקט עט-לאַכע אָפּטיילונגען צו זוכן די אומגליקלאַכע אַרום דעם לענאַ-אויסגוס אין ים. אויך מעלוויל איז אַהין געקומען, און מען האָט געפונען אַכט מתים... דאָס איז געווען דע לאָנגס גרופּע, וועלכע איז אומגעקומען פון פראָסט און הונגער! דער אָרט, וואו זיי האָבן זיך געפונען, איז געווען לחלוטין פאַרשנייט, נאָר דעם קאַפּיטאַנס האַנט האָט זיך פון שניי אַרויסגעזען, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנווייזן די זוכנדיקע, וואו ער געפינט זיך. דער קאַפּיטאַן, ד"ר אַמבלער און די חברים זיינען געלעגן צו-זאַמענגעטוליעט אין געצעלט. קענטיק, אַז זיי האָבן ביזן לעצטן אויגנבליק דערהאַלטן אַ פייער אין געצעלט. משמעות, דער פראָסט איז געווען אַ גוואַלטיקער, דען ביי צווייען זיינען גע-ווען פאַרבערענט די הענט און די קליידער—אַזוי נאָנט האָבן זיי זיך אַריינגערוקט אין פייער. געפייניקט דורכן הונגער האָבן זיי זייערע לעדערנע שטיול צושניטן און געבאַקן אויפן פייער, און האָבן זיי עס אויפגעגעסן. דעם קאַפּיטאַנס טאָגבוך מיט אַ בליי-פעדער איז געלעגן נעבן אים אויף דר'ערד. ביזן לעצטן אויגנ-בליק האָט ער נישט אויפגעהערט צו פאַרצייכענען אין אים זיי-נע איבערלעבונגען. געענדיקט שרייבן האָט ער, ווען דער בליי-פעדער איז אים אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט.

פונעם דאָזיקן טאָגבוך דערוויסן מיר זיך, אַז דעם 9-טן אָקטאָ-

בער האָבן די אומגליקלאַכע זיך געלאָזט אין וועג אַריין לויט די שפורן פון רינדערמאַגנען און נאַראָסן. אָבער וואָס אַ טאָג ווייטער, האָבן זיי אַלץ ווייניקער כוח געהאַט צו שלעפן זיך פאָרויס. געשפייזט האָט מען זיך מיט אַ זופּ, געקאָכט פון אויס־געדאַרטע צווייגלאַך.

„—איך האָף נאָך פונדעסטוועגן אויף דעם אויבערשטנס הילף און אַז די השגחה העליונה האָט חלילה נישט באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן שטאַרבן פון הונגער״—האָט דע לאָנג געשריבן אין זיין טאָגבוך.

צוויי מאָל פאַרצייכנט ער אַ גליקלאַכן פאַל: איינער פון די חברים האָט דערשאָסן אַ שניי־הון, האָבן אַלע צוזאַמען געהאַט וואָס צו עסן. אַן אַנדערש מאָל שרייבט ער:

„מיר האָבן גאָרנישט וואָס צו עסן, אָבער דער מוט איז נאָך ביי קיינעם פון אונז נישט געפאַלן און מיר האָפן צום אוי־בערשטן. אָ, גוטער גאָט, העלף אונז!״

דעם 11-טן אָקטאָבער שרייבט ער:

„ס׳איז אוממעגלאַך צו גיין ווייטער, מיר האָבן נישט קיין האָלץ צו מאַכן פייער״.

דעם 13-טן אָקטאָבער: „מיר קאָנען נישט גיין קעגן דעם ווינט, און דאָ בלייבן הייסט—שטאַרבן פון הונגער״.

איין מאַטראָז איז געפאַלן טויט. דער קאַפּיטאַן האָט נאָך אים אָפּגעזאָגט אַ תפילה און אין זיין טאָגבוך האָט ער פאַרצייכנט:

„אַ שרעקלאַכע שטורמנאַכט!״

דעם 16-טן אָקטאָבער: „דער אינדיאַנער איז געפאַלן פון שוואַכ־קייט. מיר האָבן געבעטן פאַר אים צו גאָט״.

דעם 17-טן: „דער אינדיאַנער איז גוסס. איך בעט פאַר אים צו גאָט. היינט פאַרנאַכט איז ער פון מידקייט און הונגער גע־שטאָרבן. מיר האָבן אים איינגעוויקלט אין אונזער פאָן און גע־לייגט הינטער אונזער געצעלט.״

צוויי טעג שפּעטער האָבן זיי אַ האַלבן געצעלט צושניטן, כּדי איינצוּוויקלען דערמיט די פיס. דעם 21-טן איז ווידער אַ מאַ־טראָז געפאַלן טויט. קיינער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין כּוח

מטפל צו זיין זיך מיטן מת. מען האָט אים נאָר אַרויסגערוקט פון געצעלט, כדי נישט צו האָבן אים שטענדיק פאַר די אויגן.

דעם 24-טן: „אַ שרעק-אַך קאַלטע נאַכט". דאַן איז אין טאָגבוך צוויי טעג קיין וואָרט נישט געשריבן געוואָרן.

דעם 27-טן שרייבט דער קאַפּיטאַן, אַז אַ מאַטראָז איז געפאַלן און דעם 28-טן שרייבט ער, אַז דער מאַטראָז איז געשטאָרבן, דעם 29-טן איז ווידער איין מאַטראָז געפאַ-ן טויט.

דעם 30-טן, זונטאָג אינדערפרי: „היינט האָבן מיר הונדערטפער-ציק טעג, זינט אונזער שיף איז אונטערגעגאַנגען. היינט וועלן מיר נישט בעטן צו גאָט. ס'איז נישטאָ קיין כוח!"

די לעצטע ווערטער, וואָס דע לאָנג האָט אָנגעשריבן, זיינען געווען: „באַיד און גערץ זיינען היינט געשטאָרבן, קאָלין איז גוסס!"

און דאָ איז אים די בלייפעדער פון די הענט אַרויסגעפאַלן און—— —

ווי לאַנג האָט דען אַ מענטש כוח אויסצוהאַלטן!

פֿריטיאָף נאַנסען.

דריי יאָר נאָכן אונטערגאַנג פֿון דער שיף „זשאַנעט“ האָט מען געפֿונען אין דרום פֿון גרענלאַנד פֿאַרשידענע זאַכן, וואָס האָבן געהערט דערדאָזיקער שיף. די זאַכן זיינען געווען פֿעסט איינגעפֿראָרן אין אייזבערג און ס׳איז געווען קלאָר, אַז זיי האָבן געשטאַמט פֿון דער שיף „זשאַנעט“, ווייל צווישן אַנ-דערע זאַכן האָט מען געפֿונען אַ ליסטע פֿון פּראָוויאַנט, אונ-טערגעשריבן דורכן קאַפּיטאַן דע לאָנג, אַ רשימה פֿון די שיפֿ-לאַך ביי דער שיף „זשאַנעט“, אַ שירם מיט רינדערמאַנס נאָמען און לסוף אַ פּאָר הויזן פֿון אייל-טוך מיטן נאָמען פֿון מאַטראָז „נאָראָס“ דערויף. ס׳איז אַלזאָ קיין ספֿק נישט געבליבן, אַז די-דאָזיקע זאַכן האָבן מיטן אייז אַדורכגעמאַכט דעם גאַנצן וועג פֿון די ניי-סיבירישע אינזלען איבערן צפֿון-ים, מעגלאַך איבערן צפֿון-פּאָל אַזש ביז גרענלאַנד,—ס׳הייסט דעם וועג, וואָס די עקספּעדיציע האָט געזאָלט אַדורכמאַכן לויט דעם פּלאַן פֿון איר איניציאַטאָר, דעם אַמעריקאַנישן צייטונגס-פֿאַרלעגער, גאָרדאָן בע-נעט! מען האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז צו די ברעגן פֿון גרענ-לאַנד זיינען דורכן ים-שטראָם מיטן אייז צוגעטראָגן געוואָרן מאַסן געהילץ, וועלכע האָבן געשטאַמט פֿון די סיבירישע וועל-דער און זיינען דורך די סיבירישע טייכן אַרויסגעוואָרפֿן גע-וואָרן אין ים-הקרח אַריין!

די השערה פֿון גאָרדאָן בענעט האָט זיך אַלזאָ באַשטעטיקט, און דער יונגער נאָרוועגישער פֿאָרשער פֿריטיאָף נאַנסען האָט עס אָנגענומען אַלס פֿאַקט, אַז פֿונ׳ם בערינגישן ים-דורכגאַנג, וועל-כער געפֿינט זיך צווישן צפֿון-אַמעריקע און צפֿון-אַזיע הערשט

אַ ים-שטראָם, וועלכער גיסט זיך אויס צו צפון, נאָענט ביים פּאָל, מעגלאַך גאָר איבער אים, און ציט זיך פון דאָרט צו דרום, ס׳הייסט, צו איסלאַנד, גרענלאַנד, אָדער צפון-מזרח פון אַמעריקע. און נאַנסען האָט באַשלאָסן אויסצונוצן דעמדאָזיקן שטראָם. פיל רייזנדער צום צפון-פּאָל האָבן זיך געלאָזן אין אַזאַ נסיעה פון אַטלאַנטישן ים, ס׳הייסט פון איסלאַנד, גרענלאַנד אָדער פון צפון-אַמעריקע. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט קומען צום צפון-פּאָל, ווייל דער דערמאָנטער ים-שטראָם האָט זיי אָפּגעטראָגן צוריק צו דרום. אויב אַלזאָ מען זאָל מאַכן די נסיעה פון בערינגישן ים, וועט מען דוקא דורך דעמדאָזיקן ים-שטראָם קומען צום פּאָל און אָפּפאָרן צוריק פון אים. דעמזעלבן חשבון האָט אויך געמאַכט גאָרדאָן בענעט, אָבער זיין שיף איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פונם אייז, וואָס האָט זי צודריקט, דערטרונקען און דאַדורך איז אומגעקומען דע לאָנג מיט זיינע פיל חברים. פרי-טיאָף האָט דעריבער באַשלאָסן אויסצובויען אַזאַ שיף, וואָס זאָל קיין מורא נישט האָבן פאַרן דרוק פונם אייז. די שיף האָט בעמלאַך באַדאַרפט זיין משופּעדיק פון אויבן ביזן סאַמע דעק, די ווענט האָבן געבראָכט צו זיין נישט גראַדע, נאָר קיילעכדיק געבויגן מיט דער בולטער זייט צום חלל פון שיף. ווען דאָס אייז הויבט אָן צו פּרעסן אַזאַ שיף, ווערט זי אויפגעהויבן, אָבער זי ווערט נישט צוגעדריקט. אין אַזאַ פּאָל בלייבט די שיף ליגן אויפן אייז און קאָן אַלזאָ צוזאַמען מיטן אייז געטראָגן ווערן ווייטער צו צפון, צום פּאָל, און פון דאָרט צוריק, צו דרום, ביז גרענלאַנד און ווייטער, ביז די ברעגן פון אַמעריקע אָדער אייראָפּע. אמת, אַזאַ רייזע קומט פאָר זייער לאַנגזאַם, ווייל אויך די זאַכן פון דער „זשאַנעט״ זיינען דאָך געווען אויף דער רייזע דריי יאָר לאַנג. פאַר נאַנסענען איז אָבער די זאַך נישט געווען שרעקלאַך. ער האָט זיך געזאָגט אַזוי: זאָל די רייזע זיך דויערן לייגגער, פאַר מיר וועט דאָס זיין אַ מעלה, דען איך וועל האָבן מער צייט אַרומצוקוקן זיך, צו מאַכן נייע וויסנשאַפטלאַכע מעסטונגען און פאָרשונגען וועגן דער טיפקייט פון ים, וועגן וועטער און ווינטן, וועגן ערד-מאַגנעטיזם און אפשר

וועל איך גאָר אַנטדעקן נייע לענדער אויפן וועג! אין פאַרגלייך מיט אָט די אַלע זאַכן איז שוין אפשר גאָרנישט אַזוי וויכטיק דוקא צו קומען אויפן צפון-פּאָל. די באַמיונגען און סכנות-הדרך דיינען דאָך גענוגיס גאָרנישט, ווען ס'האַנדעלט זיך וועגן וויכטי-קע פאָרשונגען!...

אָט דאָס איז געווען פּריטיאָף נאַנסענס געדאַנקענגאַנג.

פיל מענטשן האָבן זיך אויסגערופן אָנטיילצונעמען אין נאַנסענס נסיעה. ער האָט אויסגעקליבן פון זיי נאָר צוועלף פּערזאָן. זיין נייע שיף האָט מען אַ נאָמען געגעבן „פראַם", וואָס הייסט: „פאָרווערטס"; דער קאַפּיטאַן פון שיף האָט געהייסן שווערדרופּ, וועלכער האָט שוין איינמאָל באַגלייט נאַנסענען אויף אַ ווייטער רייזע צו דער גרענלאַנדישער אינזל.

מען האָט אַלץ צוגעגרייט, ווי געהעריק; פּראָוויאַנט האָט מען מיטגענומען אויף פינף יאָר. דעם 25-טן יוני 1893 איז די שיף „פראַם" אַרויסגעפאָרן אין סיבירישן אייז-ים.

קודם-כל האָט מען געוואָלט צוקומען צו די ניי-סיבירישע אינזלען. דעם וועג אַהינצו האָט מען שוין איצט געוואוסט, קומענדיק צו מערב פון דידאָזיקע אינזלען האָט מען זיך געלאָזט גיין צו צפון ווייטער. לאַנג האָט אָבער דידאָזיקע רייזע נישט געדויערט, דען באַלד איז די „פראַם" פאַרנומען געוואָרן דורכן אייז און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער „דרוק". אָבער ווי נאַנסען האָט פאָרויסגעזען, איז זיין שיף דורכן דרוק בלויז ארויפגע-הויבן געוואָרן אויפן אייז, און דערביי נישט געהאַט קיין שום שאָדן! ביז איצט איז אַלזאָ אַלץ געגאַנגען כשורה און די, וואָס האָבן געהאַלטן נאַנסענס פּ׳אַן פאַר אַ שגעון, האָבן געמוזט מודה זיין שפּעטער, אַז זיין איינפאַל איז געווען אַ געניאַלער.

נאַנסען האָט אַלזאָ אָנגעהויבן פאָרן מיטן אייז, ס'הייסט, זיצנ-דיק צוזאַמען מיטן שיף אויפן אייז. די רייזע איז געגאַנגען זייער לאַנגזאַם. דאָס אייז האָט געקנאַקט, געפּלאַצט און געסקרי-פּעט, אָבער אונזערע רייזנדער זיינען זיך געזעסן אין זייער שיף און האָבן געלאַכט אין די פויסטן. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגע פּאָלאַר-נאַכט; ס'איז געווען פינסטער און טויט-שטיל.

אָפּט נאָר האָט זיך באַוויזן אַן אייזבער, וואָס פלעגט מוזן באַ־צאָלן מיטן לעבן, און אונזערע רייזנדער האָבן געהאַט פרישע קאָטלעטן און בראָטן צו מיטאָג. נאָך איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגע ווינטערנאַכט, האָט נאַנסען צוגעגרייט זיינע הינט צו דער רייזע מיט שליטנס. די הינט האָט מען איינגעשפּאַנט „אין אַ צוג״, איינער הינטער דעם אַנדערן; אַ קנאַק מיט דער צונג, אַ הויב די בייטש, און די הינט פלעגן זיך לאָזן לויפן מיטן לייכטן שליטן. אַזוי פלעגן זיי אַריבערלויפן איבער הויכע שטיקער אייז, טיילמאָל איבער זייער ברייטע שפּאַלטן אין אייז, וואו ס׳האָט זיך אַרויסגעזען דער אָפענער ים. נאַנסען איז עטלאַכע מאָל אַרויסגעפאַלן פון שליטן און איז שיר נישט דערטרונקען געוואָרן. אָבער ער האָט זיך פעסט געהאַלטן אָן דעם שליטן און איז נישט געשעדיקט געוואָרן. אויף אַזאַ אופן פלעגט אים אָפט אויסקומען צו פאָרן ליגנדיק אויפן בויך אָדער אויפן רוקן, ווייל די הינט פלעגן זיך בשום אופן נישט לאָזן איינהאַלטן אין לויפן... מיט דער צייט אָבער האָט נאַנסען זיך אויך צוגעוויינט צו דער טבע פון די צפון־הינט און געוואוסט, ווי אַזוי זיי צו פירן און זיך לאָזן פירן פון זיי. דעם 13־טן דעצעמבער האָט ער באַקומען פון די הינט אַן אינטערעסאַנטע מתנה: אַ פּאָר פון זיי האָבן געבראַכט אויף דער וועלט 13 הינטלאַך! וועגן דידאָזיקע באַשעפעניש׳ן האָט מען נישט געקאָנט זאָגן, אַז „זיי האָבן דאָס ליכט פון דער וועלט דערזען״, ווייל אין דער צייט פון זייער געבורט איז געווען שטאָק־פינסטער. שפּעטער, ווען זיי האָבן דערזען דאָס ליכט פון דער זון, האָבן זיי אָנגעהויבן בילן!...

ווי נאַנסען האָט ריכטיק פאָרויסגעזאָגט, איז זיין שיף געטראָגן געוואָרן דורכן אייז אַלץ ווייטער צו צפון און נענטער צום פּאָל. דער ים איז דאָ געווען אַזוי טיף, ווי מען האָט עס גאָר פריער נישט געגלויבט: ביז צוויי וויאָרסט טיף אין וואַסער האָט מען געמאָסטן און נישט דערגרייכט דעם גרונט! ענדלאַך נאָך די ווינטער־הגאות האָט נאַנסען געמאַכט גענויע מעסטונגען לויט די שטערן אין הימל און האָט זיך איבערצייגט, אַז די עקספּעדיציע

איז דורכן איז שוין אַריבערגעטראָגן געוואָרן דעם אַכציק ברייטגראַד, ס'הייסט אַלזאָ, אַז מען געפינט זיך נישט מער ווי הונדערטפופציק מייל ווייט פון פּאָל. לכּבוד דעמדאָזיקן רעזולטאַט האָבן די רייזנדער געמאַכט אַ באַל אויפן אייז אין ים-הקרח!...
דעם 20-טן פעברואַר האָט מען ענדלאַך ווידער דערזען די ערשטע שטראַלן פון דער זון.

דער פרילינג און דער זומער זיינען אַריבער אָן באַזונדערס וויכטיקע געשעענישן. אין די וואַרימע טעג זיינען די הויכע אייזבערג מיטן שנײַ צוגאַנגען געוואָרן. אויפן אייז זיינען געוואָרן טיפע יעזיערעס, אין וועלכע מען האָט געקאָנט כאָטש פאָרן מיטן שיף.

ווי געזאָגט אָבער, האָט די רייזע צום ווייטן צפון זיך געצויגן זייער לאַנגזאַם, און נאַנסען איז געוואָרן אומגעדולדיק. ער האָט דעריבער באַשלאָסן אונטערצונעמען אַליין אַ רייזע מיט הינט און שליטנס צום ווייטן צפון און זיך אומקערן פון דאָרט נישט צו זיין שיף נאָר צו דער אינזל פראַנץ-יאָזעף. זיין שיף האָט זיך דערווייל באַדאַרפט ליגן אויפן אייז און לאָזן זיך פירן דורך אים ווייטער צו צפון. פאַר זיך האָט נאַנסען אויסגעקליבן נאָר איין באַגלייטער, דעם לייטענאַנט יאָהאַנסען. דאָס איז געווען אַ געוואַגטע אונטערנעמונג אויף טויט און לעבן; אָבער יאָהאַנסען האָט זיך אַנטשלאָסן מיטצומאַכן דידאָזיקע רייזע, נישט וואַקלענדיק זיך אפילו איין מינוט.

„אויב אַזוי—האָט נאַנסען ערקלערט—הויבן מיר אָן מאָרגן זיך צוצוגרייטן אין וועג אַריין.”

מיט דידאָזיקע הכנות האָט מען זיך באַשעפטיקט אַ גאַנצן ווינטער. מען האָט אויסגעבויט צוויי לייכטע שיפלאַך, וואָס יעדעס פון זיי האָט געוואויגן נישט מער, ווי אַכצען קילאָגראַם אָדער פינפאונפערציק פונט. אַזעלכע שיפלאַך געברויכן די עסקימאָסן צו פאַנגען פיש אָדער צום יאַגד אויף ים-פויגלען. אַזעלכע שיפלאַך זיינען אינגאַנצן געשלאָסן פון אַלע זייטן, ווי אַן איי און נאָר דער קאָפּ פונם רודערער שטעקט אַרויס אויפן דעק. אַזויאַרום קאָנען די כוואַליעס זיך וואַרפן איבערן שיפל, קיין שאָדן

וועט עס דערפון נישט האָבן. אויסער דידאָזיקע שיפלאַך האָט מען נאָך צוגעגרייט הינט-שליטנס מיט אַלערליי מכשירים דערצו, אַ שלאָפזאַק פאַר צוויי פערזאָן, שטעקנס, פּראָוויאַנט, נאַפט-מאַשינקעס און פוסשליטעלאַך. דידאָזיקע פוסשליטעלאַך זענען אָבער נישט ענלאַך צו אונזערע אייזערנע קליינע גליטשערס, נאָר זיי זיינען לייכטער און געמאַכט פון אַ שמאָל, דין און לאַנג ברעטל, וואָס איז פאַרבויגן אַרויפצו ביים שפּיץ. מיט אַזעלכע פוסשליטעלאַך קאָן אַ גוט-געלויבטער לויפער אַדורכלויפן אַ פּאָר הונדערט ווערסט אין אַ מעת-לעת.

אַרום ניי-יאָר איז די אַרבעט איבערגעריסן געוואָרן, ווייל ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ שרעקלאַכער אייז-דרוק און דער „פראַם" איז דאָך פאָרט באַדראָט געוואָרן. גאַנצע בערג אייז און געפראָרענער האַרטער שניי האָבן זיך דערהויבן אַרום דער שיף און געדראָט עס צו צעקוועטשן. דאַדורך איז אויך אַרויסגעשטויסן געוואָרן דאָס ים-וואַסער און אַזוי פאַרפלייצט די אייזפעלדער, אַז די הינט זיינען שיר נישט דערטרונקען געוואָרן, און מען האָט זיי געמוזט געשווינט אַרויסראַטעווען. די אייזכוואַליעס האָבן זיך צוגערוקט האַרט צו דער שיף און צובראָכן דעם אויבערשטן דעק-געצעלט. ווען דאָס אייז זאָל זיך אַזוי ווייטער הויבן איבער דער שיף, וואָלט די שיף מיט די מענטשן געבליבן איינגעשלאָסן ווי אין אַ מויזן-פאַסטקע. דערצו איז נאָך געווען אַזוי שטאָק-פינסטער, אַז מען האָט אפילו נישט געקאָנט זען, ווי גרויס די געפאַר איז. מען האָט דעריבער קודם-כל אַרויסגעטראָגן פון שיף אויפן אייז פּראָוויאַנט אויף צוואַנציק טעג.

ביסלאַכווייז האָבן אָבער די אייזמאַסן זיך באַרויקט, מען האָט די אַרומיקע אייזבערג און שנייקופּעס אָפּגערוימט, און איצט האָט שוין פריטיאָף נאַנסען געקאָנט ווידער אָנהויבן טראַכטן וועגן זיין רייזע. צוויי מאָל איז נאַנסען מיט זיין באַגלייטער שוין געווען אָפּגעפאָרן אויף זיין ווייטער און געפערלאַכער רייזע, אָבער ביידע מאָל האָט ער זיך געמוזט צוריקקערן, ווייל איינמאָל האָט זיין שליטן זיך צובראָכן און אַ צווייטן מאָל האָט

זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געגומען צופיל משא מיט זיך.
דעם 14-טן מערץ 1895 האָט ער ענטגילטיק פאַרלאָזן די שיף
„פראַם", גישט ווייסנדיק אפילו, צי ס'וועט אים אַמאָל באַשערט
זיין צו דערזען ווידער די דאָזיקע שיף מיט די געטרייע חברים,
וועלכע ער האָט דאָרט איבערגעלאָזן...

אויף פוסשליטעלאַך און הינט־שליטנס צום צפון־פּאָל.

די דרייסטע וואַנדערער האָבן געהאַט מיט זיך דריי שליטנס און אַכטאונצוואַנציק הינט און אַזויאַרום האָט מען זיך גע־לאָזט גיין צום צפון־פּאָל. אַליין זיינען זיי געלאָפן אויף פוס־שליטעלאַך, און די הינט האָבן געשלעפּט די שליטנס מיט דער משא. תחילת האָט מען געהאַט פאַר זיך אַ גלאַטן אייז־מדבר און די רייזע איז זיך געגאַנגען געשווינט; באַלד אָבער האָט מען באַגעגנט גרויסע מאַסן אייז־שפּיצן און די רייזע האָט שוין געמוזט גיין לאַנגזאַמער. נאָך צוויי טעג מאַרשירן פאָרויס האָט דער פראָסט זיך פאַרשטאַרקט ביז דרייאונפערציק גראַד. ביי אַזאַ פראָסט איז דער קוועקזילבער אין טערמאָמעטער, ווי באַ־וואוסט, שוין געפראָרן. אינם קליינעם זיידענעם געצעלט, וואָס די רייזענדער פלעגן אויפשטעלן איז געווען אַ ביסל קילער, ווי ביי אונז ביים וואַרימען אויוון... אָבער נאַנסען מיט זיין פריינד פלעגט מאַרשירן ניין שעה טעגלאַך און בשעתן גיין האָט מען דעם פראָסט ווייניק געשפּירט. אָבער די פאַרע פון לייב איז אין די מלבושים געפראָרן געוואָרן, און דערפון האָבן זיך די מלבושים פערוואַנדלט אין אייז־פאַנצערן, וועלכע האָבן גע־קנאַקט און זיך געבראָכן ביי יעדן טריט. ביי נאַנסען זיינען אויך דאַדורך די הענט געשעדיקט געוואָרן און דאָס האָט אים פאַרשאַפן פיל יסורים, וועלכע ער האָט געליטן געדולדיק חדשים־לאַנג.

צום נאַכטלעגער פלעגן די רייזענדער אויסקלייבן זיך שטענדיק אַ טיפן שפּאַלט אין אייז, וואו זיי זיינען געווען פאַרטיידיקט פון ווינט. יאָהאַנסען פלעגט ביינאַכט באַזאָרגן די הינט און געבן

זיי צו עסן, נאַנסען פֿלעגט אויפֿשטעלן דאָס געצעלט, צושטעלן
אויף דער נאַפֿט-מאַשינקע אַ טאָפּ מיט אייז, צו וועלכן ער
פֿלעגט דערנאָך צוגעבן שמאַלץ, פֿלייש, אַרבעס און אַנדערע
זאַכן צום פֿאַרקאָכן. דאָס עסן וועטשערע איז געווען די שענ-
סטע צייט פֿון טאָג, ווייל דאָ האָט מען לפּחות געשפּירט אין
זיך אַ פֿרישע וואַרימקייט און דאַן האָט מען דאָך אויך געקאָנט
באַלד אַריינקריכן אינעם שלאָפֿזאַק. אין שלאָף פֿלעגן די פֿאַר-
פֿראָרענע מלבושים ווייכער ווערן און זיך צעשמעלצן, די שלע-
פֿער פֿלעגן אָבער מוזן אַזוי־אַרום ליגן אין נאַסע קליידער. חלומן
פֿלעגן זיי שטענדיק וועגן הינט, שליטנס און פּוסשליטעלאַך...
דידאָזיקע געדאַנקען האָבן אַזוי שטאַרק פֿאַרכאַפּט זייער לעבן,
אַז יאָהאַנסען האָט איינמאָל אין שלאָף אָנגעהויבן שרייען: „הינט,
פֿאָרויס גייט! געשווינט, געשווינט! האַלט איין! אַי-אַי, אָט וואַרפֿן
זיי אום דאָס שליטל!"
אויפֿשטיין פֿלעגט מען ביי אַ געוואַלטיקן פֿראָסט פֿון פּופֿציק
גראַד. די ערשטע זאַך פֿלעגט מען צוזאַמענגעמען די הינט,
וועלכע פֿלעגן זיך ליגן איינגעגראָבן אין שניי. ביים אויפֿשטיין
פֿלעגן די הינט הוילן פֿאַר קעלט. דאַן פֿלעגט מען זיי געבן
עפּיס צו עסן און לאָזן זיך ווייטער אין וועג אַריין.
זייער אָפֿט פֿלעגט מען זיך באַגעגענען מיט אַזעלכע הויך-
שטאַרצענדיקע שטיקער אייז, אָדער ברייטע ים-שפּאַלטן, אַז
ס'פֿלעגט אויסקומען צו טראָגן די שליטנס אויף זיך. ביי אַזעל-
כע שוועריקייטן איז מען אַדורכגעגאַנגען אַ וויאָרסט הונדערט.
טיילמאָל איז מען געווען אַזוי מיד, אַז מען פֿלעגט כאַפּן אַ
דרעמל אין סאַמע גאַנג. אפֿילו די הינט זיינען אָן כּחות גע-
בליבן און נאָר מיט מי פֿלעגן זיי זיך שלעפּן פֿאָרויס. צוויי
הינט האָט מען געמוזט דערהרגענען. זייער פֿלייש האָט מען אָפּ-
געגעבן זייערע חברים צום פֿרישטיק, און יענע האָבן געגעסן
מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן. אָבער אַז דאָס אייז איז אַלץ ערגער
געוואָרן און דער ווייסער אומענדלאַכער מדבּר צו צפֿון איז
ענלאַך געוואָרן מיט זיינע אַרויסשטאַרצנדיקע שטיקער אייז צו
אַ פֿעלד, וואָס מען האָט נאָר-וואָס אויפֿגעאַקערט, אויף וועלכן

מען האָט שוין מיט שליטנס גאָרנישט געקאָנט פאָרן און גיין מיט פוסשליטעלאַך איז כמעט אויך אוממעגלאַך געווען און אפילו דאָס גיין צופוס איז געוואָרן העכסט שווער, האָט נאַנסען מיט אַ ביטער געמיט זיך באַשלאָסן צו מאַכן אַ ריקצוג. וואוהין אָבער גיין? צוריק צו דער שיף איז אוממעגלאַך געווען, ווייל די שניי־שטורמס האָבן פאַרטראָגן יעדן שפור; די איינציקע מע־גלאַכע ריכטונג איז געווען צו דער גרופּע אינזלען, וואָס הייסן פראַנץ־יאָזעף. דאָס איז געווען אַ מהלך פון אַ זיבנהונדערט וויאָרסט, און דער פּראָוויאַנט האַלט שוין דערוויל ביים סוף!.. נאַנסען האָט אָבער זיין האָפנונג אויף אַ גוטן ערפאָלג נישט פאַרלאָרן: דער פרילינג איז נאָנט, קאָן מען דאָך האָפן, אַז מען וועט באַגעגענען עפּיס אַ חיה צו דערשיסן. צוויי ביקסן האָט מען דאָך געהאַט מיט זיך און דערצו צווייהונדערט זיבע־ציק קוילן אויך, וויפיל נאָך ברויך דען אַ מענטש?... דער גורל פון די הינט איז געווען געוויס אַן ערגערער, דען ביסלאַכווייז וועט מען זיי דאָך סוף־כל־סוף דערשיסן און געבן זייערע חברים צו עסן...

אַזויאַרום האָט נאַנסען מיט זיין חבר באַשלאָסן דעם 8־טן אַפּריל 1895 זיך אומצוקערן צוריק, נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען ביז זעקסאונאַכציק גראַד מיט פיר מינוט צפון־ברייט און זיינען אַלזאָ ווייט געווען פון פּאָל שוין נישט מער ווי אַ וויאָרסט פירהונדערט. אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיי דערזען אַרויסשטאַרצן פון אייז אַ באַלקן. וואָס פאַר אַ וואונדערלאַכע זאַכן האָט אָט דער באַלקן זיך געמוזט אָנזען, זינט מען האָט אים אויסגעהאַקט אין וואַלד, ביז ער איז געבליבן שטעקן טיף אין אייז. אין ווייטן ים־הקרח! סוף אַפּריל האָבן אונזערע צוויי רייזנדער דערזען אויפן שניי שפּורן פון באַרג־פיקס. צי איז דען געווען ערגעץ אינדערנאָנט אַ יבשה? צוויי טעג שפּעטער האָט מען דערשאָסן איין הונט און אויפגעגעסן. דערדאָזיקער הונט איז געבאָרן געוואָרן אויפן שיף און מער ווי אייז און שניי האָט ער אין זיין לעבן נישט געזען...

און אָט האָבן די רייזנדער ענדלאַך דערזען אָפן וואַסער. ס׳איז

געווען אַ זוניקער טאָג. נאַנסען מיט זיין חבר זיינען אויף זייע־רע פוסשליטעלאַך געלאָפן פאָרויס צו דרום; די הינט האָבן גע־שלעפט די שליטנס. פּלוצלונג האָט מען דערהערט עפּיס אַ גע־רויש אינדערוויטן. וואָס איז דאָס? צי איז אַמאָל נישט געקו־מען אַהער אַ צוג אויף רעלסעס און ער לאָזט עס אַרויס דעם דאַמף פון זיין לאָקאָמאָטיוו. נאַנסען מיט זיין חבר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, גענומען קוקן אין דער ווייטקייט אין דרום. עפּיס אַ בלויז פּאַסיקל זעט זיך דאָרט. מען דאַרף זיך לאָזן גיין גע־שווינדער, און אָט האָבן זיי ענדלאַך דערזען דעם ים, דאָס געריש פון זיינע מילדע כוואַליעס אויפן ברעג אייז! פאַר ביידע וואַנדערער איז דאָס געווען אַ ליבער גרוס פון דער ווייטער היים...
ווידער האָבן זיי דערזען שפּורן פון באַרג־פּיקס. דאָס האָט שוין איצט זיי געדינט פאַר אַ סימן, אַז די יבשה איז נאָנט און דאָך האָבן נאָך געמוזט פאַרבייגיין פאַר זיי שווערע דריי חדשים, ביז זיי זיינען געקומען צו דער ערשטער אינזל.
אין אָנהויב מאַי האָבן זיי שוין געהאַט דעם לאַנגן זומערטאָג. מען האָט קוים געקאָנט אויסהאַלטן די היץ, ווייל עס איז גע־ווען... עלף גראַד קעלט! אָבער דאָס אייז האָט אויסגעזען בלוי און שוואַך. אַלע ווײַלע האָט מען געמוזט אַריבערטראָגן דעם שליטן איבער אַ גרויסער קאַלוזשע אָדער אַ שפּאַלט אין אייז; דאָס איז געווען אַזאַ שווערע אַרבעט, אַז ביידע וואַנדערער פּלעגן יעדעס מאָל פאַלן פון די פיס פון מידקייט און אָנ־שטרענגונג. אויך די הינט האָבן פיל געהאָרעוועט. פּראָוויאַנט איז דערווייל געוואָרן וויניקער פון טאָג־צו־טאָג.
און אָט האָט זיך אין רעכטן מיטן מאַי אויפגעהויבן אַ שרעקלאַ־כער שניישטורעם מיט אַ געוואַלטיקן פראָסט און מען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן. מען האָט געמוזט צוהאַקן אַ שליטן, מאַכן פייער אויפן אייז און וואַרימען זיך.
ענדלאַך, סוף מאַי, איז נאַנסען מיט זיין חבר געקומען צו אַזאַ געגנט, וועלכע איז געווען אינגאַנצן אַדורכגעשניטן מיט שפּאַלטן אין אייז. דער מאַרש איז דעריבער געוואָרן געפערלאַכער און לאַנגזאַמער. אָבער אָט האָט מען מיטן אָנהויב זומער דערזען

שפּורן פון לעבעדיקע חיות! פון ים אַרויס האָט זיך באַוויזן דער גרויער רוקן פון נאַרוואַל; די ים-הינט האָבן אָנגעהויבן אַרויס-קוקן פון אונטערן אייז, זוכנדיק פיש צו שטילן דעם הונגער; אויפן אייז האָט מען אויך באַמערקט שפּורן פון אַן אייזבער. אַזאַ זאַך האָט שוין צוגעזאָגט אונזערע רייזנדער אַ פרישן בראָטן. נאַנסען האָט זיך געלאָזט געשווינט אַליין פאָרויס אויף זיינע פּוסשליטעלאַך אויסצוגעפינען אַ בעסערן וועג. יאָהאַנסען האָט דערוויילי געוואַרט ביי די שליטנס. ווען אַזאַ עקסקורסיע פלעגט זיך פאַרציען לאַנג, פלעגט אויף יאָהאַנסענען פאַלן אַן אימה: ווי וועט זיין, אַז מיט דעם גרויסן פירער וועט געשען עפּיס אַן אומגליק, ער וועט אַריינפאַלן אין אָפענעם ים און דערטרונקען ווערן, אָדער אַן אייזבער וועט אים צוררייסן, און ער, יאָהאַנסען וועט בלייבן אַליין, פאַרוואָרפן און פאַרלאָזן אויפן ווייטן ים-הקרח!

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער חודש יוני, און אין דער לופטן האָבן זיך שוין דערהערט די געשרייען פון ווילדע פויגלען. ביידע רייזנדער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ וואָך לאַנג, כדי צורעכט צו מאַכן זייערע שיפלאַך. ברויט האָבן זיי געהאַט אויף אַ חודש צייט. בשעת הדחק וועט מען נאָך קאָנען דערשיסן זעקס הינט און אויפעסן זיי. אָבער די שליטנס וועט שוין אויסקומען צו שלעפּן אַליין. נאָר אָט האָבן זיי באַגעגנט אַ ברייטן און לאַנגן שפּאַלט אין אייז. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזן די שיפלאַך אין וואַ-סער, די פּוסשליטעלאַך האָבן זיי געדינט ווי רודערס און אַזוי-אַרום איז די רייזע געגאַנגען ווייטער—מיטן וואַסער; אויפן וועג האָבן זיי דערשאָסן צוויי ים-הינט און דריי אייזבערן. אַזויאַרום זיינען זיי שוין געווען באַזאָרגט מיט פריש פלייש אויף אַ לאַנ-גע צייט. אויך די לעצטע הינט האָבן איצט געקאָנט עסן צו זאַט.

ענדלאַך האָט זיך אין דרום באַוויזן די לאַנג דערוואַרטע יבשה. מען האָט אַלזאָ געמוזט זיך צואיילן. ווידער האָט מען זיך גע-לאָזן גיין מיטן אייז. אין יעדן שליטן האָט זיך איינגעשפּאַנט איין מענטש און איין הונט. איינמאָל איז ווידער אויסגעקומען

צו פאָרן מיטן שיפל אין אַ ברייטן שפּאַלט אין ים. נאַנסען איז שוין געווען צוגעקומען צו דער אַנדער זייט פון אייז איבערן ים-קאַנאַל, ווען ער האָט פלוצלונג דערהערט הינטער זיך יאָהאַנסענס אויסרוף:

—געשווינט מיטן ביקס!

ווען נאַנסען האָט זיך אומגעדרייט, האָט ער דערזען אַ גרויסן אייזבער, וועלכער האָט אומגעוואָרפן זיין חבר יאָהאַנסען און האָט אים אָנגעהויבן באַשמעקן, כדי צו וויסן פון וועלכן אָרט ער זאָל אים צורייסן.

—שיס געשווינט! אָדער ס'וועט זיין צו-שפּעט!—האָט יאָהאַנסען אויסגעשריען.

נאַנסען האָט תיכף אויסגעשאָסן, און דער בער איז געפאַלן טויט.

אָט אַזוי האָבןביידע רייזנדער זיך געשלעפּט פינף חדשים לאַנג אויפן אייז. ענדלאַך האָבן זיי אין אָנהויב אויגוסט דערזען עטלאַכע אינזלען אַרומגערינגלט פון אָפענעם ים. איצט האָט מען זיך ווידער געמוזט לאָזן פאָרן מיטן ים. ביידע הינט זיינען שוין דעריבער געווען אַן איבעריקע משא. נאַנסען האָט דערשאָסן יאָהאַנסענס הונט און יאָהאַנסען האָט דערשאָסן נאַנסענס הונט.

מיט די שיפלאַך איז די רייזע געגאַנגען געשווינט פאָרויס. ביידע שיפלאַך זיינען געווען צוזאַמענגעבונדען און פאַרזען מיט זעגלען און לייווענטן. אַזוי זיינען די רייזנדער פאַרביי די אומבאַקאַנטע אינזלען. איינמאָל האָבן זיך אָנגעהויבן אויפן ים גרויסע כוואַליעס, דאַן זיינען זיי געווען געצוואונגען זיך אַרויסצוזעצן אויף איינע פון די אינזלען. בשעת זיי האָבן זייערע שיפלאַך אַרויסגעשלעפּט אויף דער יבשה, האָט זיך באַוויזען אינדערוויטן אַ ווייסער בער. מיט איין שאָס האָט מען אים דערהרגעט, אויך אַ פּאָר ים-פערד זיינען פון וואַסער אַרויסגעקראָכן צו וואַרימען זיך אויף דער זון. אונזערע רייזנדער האָבן אויך זיי דערהרגעט, אַזויאַרום זיינען זיי שוין געווען באַזאָרגט מיט פריש פלייש אויף לאַנג. איצט האָבן די רייזנדער זיך געלאָזן

באַקוקן די אינזל. דאָס איז געווען אַ וויסטער אייז-מדבר. געמאַכט אַ קליין אויספאָרשונגס-נסיעהלע, האָבן די רייזנדער זיך צוגעגרייט אַ זאַטן מיטאָג פון זייער פרישן בערנפלייש און זיך גוט אויסגערוט.

אויפצומאָרגנס האָבן זיי זיך גענומען זוכן עפּיס אַ פּאַסענדיקן אָרט, וואו איינצואָרדנען אַ סטאַנציע; אָבער וויפיל זיי האָבן געזוכט, האָבן זיי דאָך נישט געפונען קיין באַשיצטן אָרט-עפּיס אַ הייל אָדער אַ גרוב. דאַן האָבן זיי זיך אויסגעבויט אַ הייזל פון שטיינער, וועלכע זיי האָבן באַדעקט מיט זייערע פוסשליטעלאַך און מיט דעם זיידענעם געצעלט, אַזויאַרום האָבן זיי אויך אַ דאַך געהאַט פאַר זייער אימפּראָוויזירט הייזל. אמת, פון ווינט האָט דאָס הייזל זיי נישט געשיצט, אָבער דאָך איז עס געווען בעסער ווי גאָרנישט, און דער מאָפּ מיטן בערנפלייש האָט דערוויל זיך געמיטליך געזאָדען אויפן פייער פונם חלב פון ים-הינט... אויף דערדאָזיקער אינזל האָט נאַנסען באַשלאָסן איבערצווינטערן.

אַ ווינטער אויפֿן ים־הקרח.

די אינזלען, אויף וועלכֿע נאַנסען האָט זיך איצט געפֿונען, זיינען אָבער ליידער גאָרנישט ענלאַך געווען צו די באַקאַנטע טיילען פֿון פֿראַנץ-יאָזעף-לאַנד. נאַנסען האָט דעריבער גאָרנישט געוואוסט גענוי, וואו ער האָט זיך געפֿונען. לאָזן זיך אויף די שיפֿלאַך אין אָפֿענעם ים אַריין איז אויך געווען אוממעגלאַך; ס'איז דעריבער גלייכֿער געווען צו נעמען זיך זאַמלען זאַפּאַסן אויפֿן נאָענטן ווינטער, ווייל ווי נאָר ס'וועט זיך אָנהויבן די לאַנגע ווינטערנאַכֿט וועלן דאָך אַלע חיות פֿאַרשווינדן און יעדער יאַגד וועט זיך אָפּשטעלן.

קודם-כּל האָט מען אָבער געמוזט אויפֿבויען אַ הייזל. שטיינער און מאָך איז געווען גענוג, מען האָט אויך געפֿונען געהילץ, וואָס דער ים האָט אַרויסגעוואָרפֿן, און מען האָט דערפֿון געקאָנט מאַכֿן אַ דאַך. מיטן פֿעל פֿון די ים-פֿערד האָט מען באַדאַרפֿט באַדעקן דעם דאַך און די ווענט, אַז דער ווינט און די שנייען זאָלן זיך אין הויז נישט אַריינכֿאַפּן.

אונזערע רייזנדער האָבן דאָסמאָל מצליח געווען. נישט ווייט פֿון ברעג האָט זיך אויפֿן ים באַוויזן אַ ים-פֿערד: נאַנסען מיט זיי חבר האָבן תיכּף אַראָפּגעלאָזן זייערע שיפֿלאַך אין וואַסער און אָנגעהויבן באָמבאַרדירן מיט שטיינער די אומגעלומפּערטע גרויסע חיה. דאָס ים-פֿערד האָט זיך באַלד אונטערגעטונקט איז און פֿאַרשוואונדן געוואָרן אין וואַסער, אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך עס ווידער באַוויזן אַזוי נאָענט נעבן איין שיפֿל, אַז דאָס שיפֿל איז שיר נישט אַרויסגעשליידערט געוואָרן פֿון ים. לסוף האָט מען דעם ים-פֿערד מיט איין שטיין אין קאָפּ דערהרגעט. געקו-

מען מיט דער דערהרגעטער חיה צום ברעג, האָבן זיי דאָרט דערזען נאָך צוויי ים־פערד, וועלכע זיינען געלעגן און געאָטעמט הינטער דער זון. דערביי האָט מען געכאַפט אַ דרעמל. אויך די ביידע חיות האָט נאַנסען דערשאָסן. שפעטער אָבער האָט ער פאַרזיכערט, אַז בשעת מעשה איז אים די זאַך פאָרגעקומען ווי אַן אמתע רציחה, דען די חיות זיינען געלעגן שטיל און געמיטלאַך און וואָלטן אים קיין בייז געוויס נישט געטון. אַז ער האָט נאָכן דערשיסן דערזען, ווי זיי שפייען מיט בלוט און קוקן אויף אים מיט אַ טיפן ווייטיק און ווי מיט עפיס אַ פאָרוואורף, האָט ער זיך שיר נישט צעוויינט פאַר פאַרדרוס. ער האָט זיי אָבער געמוזט דערהרגענען, ווייל ער האָט זיך גענויטיקט אין זייער וואַרימען פעל, אין זייער חלב און פלייש...

איצט האָבן זיי די דערהרגעטע חיות אָפגעשינדן און דאָס פלייש מיטן חלב אַריינגעבראַכט אין הייזל. בשעת נאַנסען מיט זיין חבר האָבן געאַרבעט אין הייזל פונקט ווי אין אַ יאַטקע, האָט אויפן ים זיך דערהויבן אַ שטורם, און אַ שטיק אייז האָט שיר נישט אַוועקגעטראָגן די קליינע שיפלאַך אין ים אַריין. אין דער נאַכט האָבן די רייזנדער געהאַט אַ וויזיט פון אַ בעריכע מיט אירע צוויי קינדער, יונגע אייזבערן. די מוטער האָבן זיי דערשאָסן און די יונגע צוויי בערן זיינען אַנטלאָפן צום ים, וואו זיי האָבן זיך אַרויפגעכאַפט אויף אייזבערג און זיינען אַוועקגעטראָגן געוואָרן אין ווייטן ים אַריין. נאַנסען מיט זיין חבר האָבן אָבער געברויכט צו האָבן פלייש־זאַפאַסן און די בעריכע מיט אירע קינדער האָבן אויפגעפרעסן דעם גרעסטן טייל פון זייער נאָר־וואָס געמאַכטן זאַפאַס. דעריבער האָט מען ווידער אַראָפגעלאָזן די שיפלאַך אין ים אַריין און זיך נאָכגעיאָגט נאָך די צוויי יונגע בערן, וועלכע מען האָט צוגעטריבן צום ברעג, דערהרגעט זיי דאָרט און אַזויאַרום האָט מען שוין געהאַט פלייש גענוג. מען האָט נאָך אויסערדעם דערהרגעט אַ פאָר ים־הינט. ביי דערדאָזיקער שרעקלאַכער אַרבעט האָבן נאַנסען מיט יאָהאַנסען זיך אַזוי שטאַרק איינגעשמירט מיט בלוט און שמוציקן

טראָן, אַז ס'האָט זיי געעקלט פון זיך אַליין. ים-פויגלען זיינען זיך צוזאַמענגעפלויגן פון אַלע זייטן, געצויגן פונם שטאַרקן גע-רוך, און האָבן געאיילט עפּיס נהנה צו זיין פון דעם רייכן יאַגד, איידער ס'וועט אָנקומען די לאַנגע ווינטערנאַכט און זיי וועלן מוזן צוריקציען צו דרום.

דאָס בויען אַ הייזל האָט געדויערט אַ וואָך צייט. די שטאַרקע ציין פון ים-פערד האָבן זיי גענוצט ביי דער אַרבעט אַלס „אָ-פּאַטעס. באַלד זיינען פאַרטיק געוואָרן די שטיינערנע ווענט פון הייזל. אינעווייניק האָט מען טיף אויסגעגראָבן די ערד און גע-מאַכט אַ גוטן און באַקוועמען געלעגער, וועלכן מען האָט אויס-געדעקט מיט די בערנפעל. די פעל פון די ים-פערד, וועלכע מיר רופן אין אונזערע מדינות פּאָקן, האָבן זיי געדינט פאַר קאָלדרעס. איינמאָל איז געקומען אַן אייזבער און האָט צוריסן דעם גאַנצן דאַך פון נייעם הויז. אָבער אים האָט מען דערשאָסן און אַזויאַרום איז נאָך רייכער געוואָרן דער פליישׁ-זאַפּאַס. דעם דאַך אָבער האָט מען שוין איצט באַפעסטיקט אַזוי, אַז מער וואָלט קיין בער אים נישט געקאָנט שעדיקן. אין הויז האָט מען אויך געמאַכט אַן אויוועלע מיט אַ קוימען. איצט איז אַלץ שוין געווען פאַלקאָם פאַרטיק און אונזערע צוויי רייזנדער האָבן זיך געקאָנט רויק וואַרטן אויפן ווינטער אין זייער פעסטער וואוינונג.

דעם 15-טן אָקטאָבער 1895 האָבן זיי געזען די זון צום לעצטן מאָל, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן פאַר זיי די דריטע פּאָלאַר-נאַכט. די אייזבערן זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן און ביז צוויטן פרי-לינג האָט מען זיי מער נישט געזען. נאָר די בערג-פוקסן זיי-נען נאָך געבליבן, אָבער פאַר זיי האָט מען זיך געמוזט היטן, ווי פאַר געמיינע און דרייסטע גנבים. וואָס מען פלעגט נאָר איבערלאָזן אויסערן הויז, פלעגן זיי צוגנבענען: שטאָל-דראָטן, שטריקלאַך, האַרפּונען, לייוונט און אפילו אַ טערמאָמעטער האָבן זיי איינמאָל אַוועקגעשלעפּט. אַ גאַנצן ווינטער פלעגן זיי אַרויפ-קלעטערן אויפן דאַך פון הויז, רייסן זיך דאָרט איינער מיטן אַנדערן און בילן. פונדעסטוועגן איז דאָס געווען נישט אומאָנ-

געגעם פאַר אונזערע צוויי איינזאַמע רייזנדער: פּאָרט פריילאַכער, פּאָרט איז דאָך דאָס אַ סימן לעבן.

וויאַזוי האָבן די צוויי איינזאַמע מענטשן געלעבט? אינדרויסן איז געווען טויט-שטיל און שטענדיק נאַכט! די לבנה פלעגט שיינען העל און קלאָר, ווען ס'איז נישט געווען קיין שניישטורמס; די גאַנצע געגנט אַרום האָט אויסגעזען, ווי אַ גרויסער מת, איינגעהילט אין זיינע תּכריכים. טיילמאָל פלעגט מען האָבן צפון-שיינונגען, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס האָט עמיצער אָנגעצונדן ליכט פאַרן גרויסן בר-מינן.

אָבער נאָר זעלטן איז דאָס וועטער געווען רויק. געוויינלאַך פלעגט הוילן דער ווינט אין די נאַקעטע פעלזן און דער שניי פלעגט פייפן מיט אַ יאָמערגעוויין, אָנשיטענדיק הויכע ווענט אַרום דעם איינזאַמען הייזל.

זאָט אַזוי האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף די לאַנגע פּאָלאַר-נאַכט. צו די ווינטער-חגאות האָבן זיי ריין געמאַכט זייער הייזל, אָפּגערייניקט זיי פון סאַזשע און פון אָנגעפּראָרענעם שמוץ. צו דער חגאות-סעודה האָבן זיי אויפגעגעסן די לעצטע טייערע מאכלים, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט פון שיף „פראַם". נאָך די חגאות האָבן זיך אָנגעהויבן אַזעלכע שרעקלאַכע פרעסט, אַז אונזערע לייט פלעגן נאָר צום עסן אַרויסשטעקן מויל און נאָז פון זייער שלאָפזאַק. טיילמאָל פלעגן זיי ליגן און דרעמלען פיראונצוואַנציק שעה נאָכאַנאַנד, ווי אַ בער אין זיין באָרע!

אין די לעצטע טעג פון פעברואַר האָבן זיי ענדלאַך ווידער דערזען די ערשטע שטראַלן פון דער זון און ס'האָבען זיך ווידער באַוויזן פויגלען אין דער לופטן. אָבער ווען אונזערע ביידע לייט האָבן איינאַנדער דערזען אין דעם ליכט פון דער זון, איז אויף זיי געפאַלן אַן אימה: דער קאָפּ און דער פּנים איז ביי זיי געווען געדיכט באַוואַקסן מיט האָר און שוואַרץ זיינען זיי געווען, ווי די נעגערס... קיין וואונדער נישט: העכער אַ יאָר האָבן זיי זיך נישט געוואַשן! ביי פערציק גראַד קעלט גייט מען נישט אין אַ וואַנע אין ים...

באַלד האָט זיך באַוויזן דער ערשטער בער. ער האָט אָנגעהויבן

קראַצן אין דער וואַנט פון הייזל, פונוואַנען ס'האָבן זיך געטראָגן פאַר אים מחיהדיקע ריחות. אַ קויל האָט אים אָבער באַצאָלט פאַר זיין צו-גרויסער נייגיריקייט און אונזערע צוויי לייט האָבן באַקומען פריש פלייש אויף זעקס וואָכן.
מיטן פאַרגרעסערן זיך פון די טעג האָט פאַר אונזערע לייט זיך ווידער אָנגעהויבן די אַרבעט. מען האָט געמוזט אויפנייען פאַר זיך פרישע מלבושים, ווייל די אַלטע האָבן זיך אָפּגענוצט. געניית האָבן זיי מלבושים פון די פאָקן-פעל. דעם 19-טן מאַי 1896 האָבן זיי ענדלאַך פאַרלאָזן זייער הייזל און זיך געלאָזן אויף גאָטס בעראָט צו דרום-מערב.

אין ים־הקרח אויף קליינע שיפלאַך.

פאַרלאָזט זייער ווינטערהייזל, האָבןביידע רייזנדער פאַרלאָרן יעדע באַשיצונג פאַר די שרעקלאַכע שניישטורמס. ביינאַכט פלעגן זיי זיך פאַרקריכן אונטער זייער שליטן, איבער וועלכן זיי פלעגן אויסשפּרייטן זייער זעגל־לייוונט. איינמאָל איז נאַנסען אויף דעם געשווינדן מאַרש מיט די פוסשליטעלאַך אַריינגעלאָפן אין אָפענעם ים און ער וואָלט זיכער דערטרונקען געוואָרן, ווען יאָהאַנסען וואָלט נישט אונטערגעקומען אין געפערלאַכן מאָמענט און אים אַרויסגעראַטעוועט. דער וועג איז געווען אַ העכסט געפערלאַכער. אין פיל ערטער איז דער אָפענער ים געווען פאַרצויגן מיט אַ דינעם אייז און פאַרשאָטן מיט שניי. מען האָט דעריבער פריער געמוזט גוט אָנקלאַפּן דעם אייז אויף שריט און טריט, כּדי צו וויסן אויב מען קאָן גיין ווייטער. די רייזע איז דעריבער געגאַנגען זייער לאַנגזאַם פאָרויס. ס'האָט אויך אָנגעהויבן פאַרפעלן פּראָוויאַנט, אָבער צום גליק איז אין ים געווען זייער פיל ים־פערד און מען פלעגט זיי לייכט דערהרגענען און שפּייזן זיך מיט זייער פלייש. דידאָזיקע חיות פלעגן זיך ליגן סטאַדעסווייז אויפן אייז און נאַנסען פלעגט צו זיי צוקומען גאַנץ נאָנט. אַזויאַרום איז אים אויך געלונגען צו פאָטאָגראַפירן זיי. ליגן פלעגן זיי אַזוי רויק, אַז אפילו ווען מען פלעגט איינס פון זיי דערשיסן, פלעגן זיך די איבריקע נישט רירן פון אָרט. ערשט ווען מען פלעגט זיי באַפאַלן מיט שטעקנס, פלעגן זיי זיך אָנהויבן שלעפּן מיט זייערע צוויי פאָדערשטע לאַפּעס צום וואַסער, און—בוך אין ים אַריין. חיות איז געווען אַזויפיל, אַז דער ים פלעגט דערביי אָנהויבן קאָכן, ווי אַ קעסל.

איינמאָל איז אויפן וועג דאָס אייז געווען אַזוי גלאַט און דער ווינט אַזוי גינסטיק, אַז נאַנסען האָט אַרויסגעשטעלט אַ זעגל אויפן שליטן, אָנגעצויגן אויף אים אַ לייוונט, און דער שליטן האָט אָנגעהויבן גיין געשווינט, ווי אַ שיף אויפן וואַסער. אַליין איז נאַנסען דערביי געלאָפן אויף די פוסשליטלאַך און געזען, אַז דער שליטן זאָל גיין אין דער געווינשטער ריכטונג. אַ צווייטן מאָל זיינען זיי זיך געפאָרן אין ים אויף זייערע קליינינקע שיפלאַך און האָבן זיך אַרויסגעזעצט אויף אַן אומבאַקאַנטער אינזל. דאָס שיפל האָבן זיי דערביי צוגעבונדן צום ברעג. אָבער פּלוצלונג האָט יאָהאַנסען אויסגעשריען:

„—אַי-אַי, דאָס שיפל האָט זיך אָפּגעריסן און די ים-כוואַליעס האָבן עס אַוועקגעשלעפּט!

ביידע האָבן זיך באַלד אַ וואָרף-געטון צום ברעג: דער ווינט האָט העפטיק געבלאָזן פון דער יבשה צום ים און האָט אַוועקגעטראָגן די שיפלאַך מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט נויטיק צום לעבן!

„—האַלט מיין זייגער!—האָט נאַנסען אויסגערופן. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבושים און איז אַריינגעשפּרונגען אין אייז-קאַלטן ים—איך שווים נאָך די שיפלאַך!

דער ווינט איז אָבער געווען זייער שטאַרק און האָט געטראָגן די שיפלאַך פיל שנעלער, ווי נאַנסען האָט געקאָנט שווימען! וואָס-זשע איז דאָ צו טאָן, מען מוז געשווינדער שווימען פאָרויס! נאַנסען האָט שוין געשפּירט, ווי ער ווערט אינגאַנצן פאַרגליווערט פון דער שניידנדיקער קעלט, אָבער ער האָט אויך געוואוסט, אַז קומען צוריק אָן די שיפלאַך איז נישט פיל בעסער, ווי דערטרונקען צו ווערן אין ים-הקרח. אַלזאָ, פאָרויס! פאָרויס! ווען ער איז שוין גאָר מיד געוואָרן, האָט ער זיך אויף אַ פּאָר מינוט געלייגט אויפן רוקן און דאַן ווידער אין קאַמף מיט דער ברוסט געגן דעם קאַלטן אייזוואַסער. יאָהאַנסען איז דערווייל אַרומגעגאַנגען אויפן אייז און האָט געקוקט מיט דער גרעסטער פאַרצווייפלונג אויף זיין חברס שרעקלאַכן טויטקאַמף. ער האָט געוואוסט אויסגעצייכנט, אַז ווען נאַנסען זאָל איצט אונטערגיין,

איז אויך אַ סוף צו זיין לעבן. אָבער אַט שווימט נאַנסען ווייַ־טער, און דער מרחק צווישן די שיפלאַך און אים ווערט אַלץ קלענער. נאָך איין לעצטע אָנשטריינגונג, נאַנסען האָט שוין כמעט דערגרייכט דאָס שיפל. אַט גאַלינגט עס אים אָנצוכאַפּן איין פוסשליטעלע, וואָס שטעקט אַרויס פון שיפל; ער האַלט זיך פעסט אָן אים, ציט אָפּ דעם אָטעם, שפּרינגט אַריין מיט די לעצטע כחות אין שיפל און רודערט צוריק, טויט פאַרפראָרן און קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. זיינס האָט ער אַלזאָ אויסגעפירט: ער האָטביידע שיפלאַך צוריקגעבראַכט. יאָהאַנסען האָט אים תיכף אַריינגערוקט אין שלאָפזאַק און באַדעקט מיט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געהאַט. נאָך אַ קרעפטיקן שלאָף פון עטלאַכע שעה איז דער ריזן־שטאַרקער נאַנסען ווידער געווען אויפגערוימט, ווי אַ פיש אין וואַסער און האָט געגעסן מיט אַן אויסגעצייכנטן אַפּע־טיט. יאָהאַנסען האָט זיך שפּעטער מודה געווען פאַר נאַנסען, אַז דאָס זיינען געווען די ערגסטע שעהן, וואָס ער האָט אין זיין לעבן איבערגעלעבט.

די דריסטע רייזע איז זיך געגאַנגען ווייטער צו דרום דורך אייז און וואַסער. על פי רוב זיינען זיי געפאָרן אין זייערע שיפלאַך. אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך נעבן נאַנסענס שיפל באַ־וויזן אַ ים־פערד, וואָס האָט מיט זיין שאַרפן צאָן איינגעביסן דאָס שיפל און האָט שיר נישט אַריינגעשלעפּט אין טיפן ים אַריין דאָס שיפל מיט נאַנסען צוזאַמען. נאַנסען האָט דאָס ים־פערד געשווינט פאַרטריבן, אָבער דאַן האָט ער דערשפּירט, אַז ער זיצט כמעט אינגאַנצן אין וואַסער. ער האָט דעריבער אָנגע־הויבן געשווינט צו רודערן און איז צוגעפאָרן צום נאָנטן אייז. דאָ האָט דאָס שיפל שוין אינגאַנצן זיך אָנגעפילט מיט וואַסער און אָנגעהויבן אונטערגיין. מיט גרויס מי האָט מען עס אַרויפ־געשלעפּט אויפן אייז, אַרויסגענומען אַלע זאַכן, וואָס זיינען גע־לעגן אבן אים און זיך געווייקט אין וואַסער. איצט האָט מען זיך געמוזט אָפּשטעלן אויף אַ לייגגערע צייט, כדי צו פאַרריכטן דאָס שיפל.

באַנסענס וואַנדערונג איז בלי ספק די איינציקע אין דער גע־

שיכטע פון דער פּאָלאַר־פאָרשונג. פון די העכער הונדערט מאַן פון „ערעבוס" און „טעראָר" האָט זיך, ווי מיר האָבען געזען, קיין איינציקער נישט געקאָנט אַרויסראַטעווען, כאָטש זייערע שיפן האָבן זיי נישט געהאַט פאַרלאָרן און האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון אַ ברעג, וואו עס זיינען געווען אָפּט מענטשן און וואו מען האָט געקאָנט גיין אויף יאַגד. דע לאָנג איז אומגעקומען ביי נישט־גינסטיקע באַדינגונגען. אָבער נאַנסען און יאָהאַנסען האָבן אויסגעהאַלטן אויפן ים־הקרח פופצן חדשים לאַנג גאָר אָן אַ שיף, דערביי האָבן זיי זיך נישט אָפּגעפראָרן אַ האַנט אָדער אַ פוס און זיינען אפילו נישט אויסגעמאָגערט געוואָרן פון גרויסע אָנשטריינגונגען. זיי וואָלטן בלי ספק אויסגעהאַלטן נאָך לייגער אויך, ווען דאָס וואָלט נויטיק געווען; אָבער די שעה פון זייער באַפרייאונג איז שוין געווען נאָענט!

נאַנסענס גליקלאַכע קומען אַהיים.

דעם 17־טן יולי 1896 איז נאַנסען געשטאַנען אויף אַן אייזבערגל און האָט זיך צוגעהערט צום געפילדער פון אַ פריילאַכער פייגל־חברותא. פּלוצלונג איז ער געבליבן ווי אַ צומישטער. וואָס איז דאָס? צי איז עס דען מעגלאַך? ניין, דאָס קאָן דאָך נישט געשען? אָבער דאָך, אַ הונט בילט! אפשר איז עס גאָר אַזאַ מין פויגל, וואָס בילט ווי אַ הונט? ניין, ניין, גאָר אַ הונט, וואָס בילט, האָט אַזאַ שטימע!

ווי אַ פייל פון בויגן האָט ער זיך געלאָזט לויפן אויף זיינע פוסשליטעלאַך צו זיין חבר יאָהאַנסען, אָבער יענער האָט דערקלערט, אַז ער האָט בלי ספק אַ טעות געהאַט. נאַנסען האָט אָבער זיך געהאַלטן ביי זיינס. און אין דער אייגענער רגע האָט ער אַרויפגעוואָרפן אויפן אַקסל די ביקס מיטן טעלעסקאָפּ, גענומען אונטערן אָרעם דעם שטעקן און זיך געלאָזן אויף די פוסשליטעלאַך ווי אַ ווינט איבערן ווייסן שניי אויפן אייז. באַלד האָט ער טאַקי דערזען די שפורן פון אַ הונט. אָבער אפשר האָבן זיי אַ טעות, און דאָס זיינען גאָר שפורן פון אַ באַרג-פוקס? אָ, ניין, אַ פוקס האָט קלענערע פוס־שפורן. פליט ער ווייטער און ווייטער, און אָט דערהערט נאַנסען פּלוצלונג אַ מענטשלאַכע שטים...

נאַנסען האָט אָנגעהויבן אַזוי הויך שרייען, ווי דאָס קאָנען נאָר ערלויבן די לונגען פון אַ מענטשן, און אָט פליט ער ווייטער איבער אייזשפּאַלטן און אייזבערגלאַך, פּונקט ווי ער וואָלט געשפירט, אַז דאָ וועט ער געפונען זיין רעטונג.

אָט שפרינגט אים אַרויס אַנטקעגן אַ בילנדער הונט און הינטער דעם הונט גייט אַ מענטש! נאַנסען פליט־צו שטרייקס צום מענשטן,

ביידע נעמען אַראָפּ די היטלען צום באַגריסן זיך... אָבער דער פרעמדער מאַן מיטן הונט בלייבט שטיין ווי פאַרשטיינערט און גלאָצט מיט די אויגן אויף דעם פעך-שוואַרצן ריז, וועלכער קומט אַראָפּ צו אים אויף פּוסשליטעלאַך דירעקט פון צפון-פּאָל.

און אָט שטייען ביידע איינער קעגן דעם אַנדערן און דערלאַנגען זיך די הענט.

—עס פרייט מיך זייער צו טרעפן אייך דאָ!—זאָגט דער פרעמדער.

—איך פריי זיך אויך!—ענטפערט נאַנסען.

—האָט איהר דאָ אַ שיף?

—ניין. מיין שיף איז נישט דאָ.

—וויפיל מאַן זענט איר?

—איך האָב נאָר איין חבר דאָרט ביים ברעג אייז.

דער פרעמדער איז געווען אַן איינגלענדער און געהייסן האָט ער פרידריק דזשעקסאַן. שוין צוויי יאָר צייט האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אויף דער פראַנץ-יאָזעף-אינזל מיט אַ פרעכטיק באַזאָרגטער עקספּעדיציע, כּדי צו באַקענען זיך גוט מיט דער אינזל. אין ערשטן אויגנבליק האָט ער געגלויבט, אַז די שוואַרצע געשטאַלט אויף די פּוסשליטעלאַך איז אַ פאַרבלאָנדזשעטער פון דער „פראַם". אָבער ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז פאַר אים שטייט נאַנסען אַליין, האָט ער זיך געוואַלטיק געחדושט און זיין פרייליכע איבעראַשונג איז נאַטירלאַך געוואָרן נאָך גרעסער.

מען האָט באַלד געבראַכט יאָהאַנסען און זיך געלאָזט גיין צו דזשעקסאַן אַהיים. דאָס ערשטע, וואָס נאַנסען און יאָהאַנסען האָבן פאַרלאַנגט, איז געווען—אַ גוטע באָד... שוין העכער אַ יאָר האָבן זיי זיך נישט געוואַשן און זייערע גאַרניטש געווען ענלאַך צו ציוויליזירטע אייראָפּייער. מיט זייף און גוטע בערשט האָבן זיי זיך געלאָזט אַדורכרייבן דעם גאַנצן לייב, כּדי לפּחות פּטור צו ווערן פון דעם שמוץ, וואָס האָט זיך נאָך נישט איינגעגעסן אין דער הויט און וועט ערשט פאַרשווינדן מיט איר צו-

זאַמען שפּעטער. דאַן האָבן זיי זיך געלאָזט אַרומשערן און אָפּ־ראַזירן און זיך איבערגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס. ערשט איצט האָבן זיי ווידער באַקומען אַ פּנים פון מענטשן.

אַ קורצע צייט נאָכדעם איז געקומען אַ שיף מיט פּראָוויאַנט פאַר דזשעקסאָנס עקספּעדיציע. מיט דערדאָזיקער שיף איז נאַנסען מיט זיין חבר יאָהאַנסען אָפּגעפאָרן צוריק אַהיים. אין באַרדאָ האָבן זיי דורכן טעלעגראַף זיך צונויפגערעדט מיט זייערע היימישע לייט און זייער פרייד איז געווען אין לשער. אָבער איין זאַך האָט זיי שטאַרק באַאומרויקט: וואו געפינט זיך זייער שיף „פראַם”.

אָבער אין האַמערפעסט, וואו נאַנסען האָט זיך אויפן וועג אָפּ־געשטעלט, האָט מען אים איינמאָל אינדערפרי אויפגעוועקט פון שלאָף. פאַר דער טיר איז געשטאַנען דער דירעקטאָר פון דער טעלעגראַף־סטאַציע.

—איך האָב דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע, וואָס וועט אייך געוויס אינטערעסירן—האָט ער געזאָגט.

נאַנסען האָט געעפנט די טעלעגראַמע און געלייענט: „די „פראַם” איז היינט צוריקגעקומען אין אַ גוטן צושטאַנד. אַלע זיינען געזונט. מיר פאָרן באַלד קיין טראָמס. מיר באַגריסן אינדערהיים”.

געשיקט האָט די טעלעגראַמע דער קאַפּיטאַן פון דער „פראַם” דער מוטיקער, געטרייער שווערדרופּ.

אין לופטבאַלאָן צום צפון־פאָל.

דעם 16-טן אָקטאָבער 1893 האָב איך פאַרלאָזן שטאָקהאָלם און בין אַרויסגעפאָרן אויף אַ פּיריעריקער נסיעה דורך אַזיע צום עקסטן מזרח. אין פעטערבורג האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר טעג, כדי איינצוקויפן אייניקע נויטיקע זאַכן פאַר דער לאַנגער רייזע. פאַרפאָרן בין איך צו די ברידער נאָבעל, אין זייער רייכן פּאַלאַץ. אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָב איך דאָרט דערהאַלטן פאָלגנדע טעלעגראַמע:

„דעם 19-טן אָקטאָבער איז אַנדרעס לופטבאַלאָן געפלויגן איבער די פינלענדישע סכערן און דער שטורם האָט אים פאַרטריבן אין באַלטישן ים. פון סאַנדהעם האָט מען געזען דעם באַלאָן שוועבן נאָר צוואַנציק מעטער הויך איבערן וואַסער".

ווי שרעקלאַך! אַנדרע האָט נאָר־וואָס פאַרלאָזן שוועדן און אָט איז ער שוין פאַרשליידערט געוואָרן אין באַלטישן ים אַריין און זיין רייזע זאָל זיך שוין האָבן געענדיקט? אויף רעטונג פאַר אים איז נישט געווען צו האָפן, ווייל אין הערבסט איז די געגנט דאָרט פאַרנעבלט און אין גרויסן חושך איז שווער עמיצן צו ראַטעווען אויפן שטורמדיקן ים... פערזענלאַך האָב איך אַנדרע נישט געקענט; אָבער אַלע האָבן וועגן אים גערעדט, ווייל ער האָט שוין געמאַכט אַ דרייסטע רייזע אינם זעלבן באַלאָן „שוועא", וועלכער האָט אים איצט אין טויט אַריין געפירט. אַזאַ מענטש האָט די וועלט נישט געטאָרט אַזוי געשווינט פאַרלירן!

דער געדאַנק וועגן אַנדרע האָט מיר קיין רו נישט געגעבן. שוין עטלאַכע יאָר, ווי ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער לופט־פליערײַ און איז געוואָרן איינער פון די בעסטע פליער, און

אָט האָט ער איצט, אַ מאַן פון פערציק יאָר, געזאָלט ענדיקן זיין לעבן.

אָבער אויף צומאָרגנס איז דערהאַלטן געוואָרן אַ צווייטע טעלעגראַמע:

„אַנדרע געראַטעוועט. ער האָט זיך אַרויסגעזעצט אין די פינלענדישע סכערן. אַלץ ווי געהעריק.“

געלויבט דער אויבערשטער! איצט לאָז איך זיך אין וועג אַריין מיט איין דאגה לפחות ווייניקער.

צוויי יאָר נאָך אָט דער רייזע אַנדערס, וועלכע האָט שיר אים נישט געקאָסט דאָס לעבן, האָט אַנדרע אויפגעטון אַ פּלאַן צו אַ לופט-נסיעה, וועלכע האָט זיך נישט געדאַרפט אָפּשפּילן בלויז אויפן באַלטישן ים. אַנדרע האָט געוואָלט אַדורכפליען דעם גאַנצן ים-הקרה, פון דעם אינזל שפּיצבערגען ביזן בערינגישען ים-דורכגאַנג*)—אַ מהלך פון 3700 קילאָמעטער. אויב ס'וועט נאָר מעגלאַך זיין, וויל ער די רייזע מאַכן איבערן צפון-פּאָל. דאָס איז געווען דער דרייסטסטער פּלאַן, וואָס אַ רייזנדער האָט אַמאָל זיך דערוואויגן אויפצוטאָן. אַנדרע האָט צוליב דעם אַזוי לאַנג און גרינדלאַך שטודירט די זאַך, אַז ער האָט אפילו געהאַט אויסגערעכנט גענוי, וויפיל ס'וועט וועגן יעדע שרייפעלע און יעדע שטריקעלע אויף זיין באַלאָן.

דער לופטבאַלאָן האָט געדאַרפט זיין געמאַכט פון דרייפאַכן כינעזישן זייד און באַצויגן פון אינעווייניק, ווי פון אויסנווייניק מיט פעטן לאַק, כדי אַז ער זאָל נישט אַדורכלאָזן קיין איינציקן טראָפּן פון די 4500 קוביק-מעטער וואַסערשטאָף-גאַז, מיט וועלכן ער וועט זיין אָנגעפילט. דער אלכסון פון באַלאָן האָט געדאַרפט האַלטן צוואַנציק מעטער און איבערן באַלאָן האָט זיך געדאַרפט געפינען אַ שאַטקע, וואָס זאָל אויפנעמען דעם שניי און נישט דערלאָזן ער זאָל זיך זעצן אויפן באַלאָן. פון באַלאָן

*) דערדאָזיקער ים־דורכגאַנג ציט זיך צווישן אַזיע און אַמעריקע און אין איינציקע ערטער איז ער ברייט סך־הכל פופציק קילאָמעטער, אַזוי אַז פון מזרח־אַזיע קיין צפון־אַמעריקע קאָן מען קומען אין אַ שעה רייזע מיטן שיף.

האָבן זיך געדאַרפט אַראָפּלאָזן אויף דער ערד לאַנגע שטריק, געפלאָכטן פון קאָקאָס-פעדעם, כדי זיי זאָלן שווימען אויפן וואַסער און נישט זינקען אין אים. אויפן אייז ווידער זאָלן זיי זיך לייכט גליטשן. דער נוצן פון אַזעלכע שטריק באַשטייט דערין, וואָס זיי דערלאָזן נישט דורך זייער שווערער וואָג, אַז דער באַלאָן זאָל זיך אויפהויבן צו-הויך. געוויינלאַך שלעפּט זיך איין האַלבע שטריק אויף דר'ערד און די אַנדערע האַלבע הייבגט אין דער לופטן. ווען דער באַלאָן לאָזט זיך אַראָפּ נידריק, בלייבט כמעט די גאַנצע שטריק אויף דער ערד; דער באַלאָן ווערט דאַדורך לייכטער און הויבט זיך אויף ווידער אינדערלופטן. אַזוי-אַרום דינען די שטריק אַלס רעגולאַטאָר פאַרן באַלאָן און זיי האַלטן אים שטענדיק נאָר אין אַ געוויסער הויך איבער דער ערד.

די שטריק האָבן אָבער נאָך איין צוועק: דורכן שלעפּן זיך אויפן אייז, צי אויפן וואַסער פון ים שטערן זיי דעם באַלאָן צו פליען צו-געשווינט ביי אַ שטאַרקן ווינט. די שטריק זיינען אַלזאָ, ווי די פיס פון באַלאָן, וועלכע האַלטן אים פעסט געבונדן צו דער ערד. אויפן באַלאָן האָט זיך אויך געדאַרפט געפינען אַ זעגל. אָנשטעלנדיק דעם זעגל מיטן ווינט אָדער געגן אים, האָט מען געקאָנט קירעווען דעם באַלאָן, וואוהין מען ברויך צו פליען, אַ שטייגער ווי מען קירעוועט אַ שיף אויפן וואַסער מיט דער הילף פון אַ זעגל*).

די גאָנדאָל אָדער דאָס שיפעלע אונטערן באַלאָן, איז געווען געפלאָכטן פון דינע טיצקעלאַך. דאָס איז געווען אַ קיילעכדיק קוישל, געדיים און באַקוועם פאַרן רייזנדער און דערצו פעסט און לייכט. איבערן שיפעלע איז געווען אַ דאַך, אויף וועלכן די

*) אין אַנדרעס צייט, ס'הייסט אין יאָר 1895, איז נאָך נישט געווען צעפּעלינס לענגבאַרער באַלאָן, ווי אויך נישט קיין עראָפּלאַן. אַזעלכע לופט־פלי־אַפּאַראַטן זיינען פאַרטיק געוואָרן ערשט מיט אַ יאָר צען־צוועלף שפּעטער. אַנדרעס באַלאָן וואָלט דעריבער געמוזט פליען נאָר אַהין, וואו דער ווינט האָט געטראָגן. זיין זעגל האָט אַנדרע אַליין צוגעטראַכט.

לופטפליער האָבן געקאָנט אַרויסשטייגן און מאַכן פון דאָרט זייערע באַאָבאַכטונגען ווייט אַרום. אין דאַך איז געווען אַ לאָך, דורך וועלכן מען האָט געקאָנט צוריק אַראָפּלאָזן זיך אין שיפעלע. אָרט איז אין שיפעלע געווען גענוג פאַר צוויי רייזנדער צו ליגן דאָרט בהרחבה. אין שיפעלע זיינען אויך געווען צוויי פענסטערלאַך, כדי צו קאָנען באַאָבאַכטן די אויסנוועלט. צו די ווענט פון שיפעלע זיינען געווען אָנגעהאָנגען אַלערליי זעקעלאַך פאַר די חפצים פון די רייזנדער. צום באַלאָן איז דאָס שיפעלע געווען באַפעסטיקט מיט זעקס דיקע שטריק. אין פאַל אויב דער שטורמווינט זאָל פּלוצלונג אַ שטויס טון דעם באַלאָן צו דער ערד, זיינען צום שיפעלע צוגעגעבן געוואָרן זעקס גראָבע שטריק, זיבעציק מעטער לאַנגע; די שטריק האָבן געדאַרפט אָפּשוואַכן דעם קלאַפּ, כדי די פליער זאָלן נישט געשעדיקט ווערן. אין פאַל, ווען דער באַלאָן וואָלט פאַרלאָרן פיל גאַז און אָנגעהויבן פאַלן צו דער ערד, וואָלט מען אָט די שטריק אַרויסגעוואָרפן; דער באַלאָן וואָלט דאַדורך לייכטער געוואָרן און ווידער אַרויפגעשטיגן אינדערלופטן. אַלע שטריק צוזאַמען מיט די באַלאַסטשטיינער, וועלכע מען האָט אויך געדאַרפט נעמען צום זעלבן צוועק, האָבן געוואויגן לערך טויזנט קילאָגראַם, אָדער זעכציק פוד.

אַנדרעס באַלאָן האָט זיך געדאַרפט קאָנען האַלטן אינדערלופטן במשך פון דרייסיק טעג. וואָס-זשע וואָלט אָבער אַנדרע געטון אין פאַל, ווען אויפן פאָל, אָדער נאָענט צו אים זיינען גאָר קיין ווינטן נישטאָ—וואָס וואָלט נעמלאַך דאַן געקאָנט טרייבן די רייזנדער ווייטער? אָדער ווי אַ שטייגער וואָלט געווען, ווען די גרויסע אייזפעלדער, וואָס שווימען אין ים-הקרח, וואָלטן פאַרנומען די שטריק פון באַלאָן און אָפּגעשלעפּט דעם באַלאָן פון זיין רייזע צוריק צום דרום? אַנדרע האָט אויסגערעכנט, אַז אין אַזאַ פאַל וואָלט ער זיין באַלאָן איבערלאָזן אויפן אָרט און אַליין געמאַכט די רייזע איבערן אייז צופוס צוריק אַהיים. און צו אָט דעם צוועק האָט ער זיך אָנגעגרייט אַ לייכט שליטל און פוסשליטעלאַך, ווי אויך אַ לייוונטן ביידל מיט אַ פאָר ביקסן, פול-

װער און קוילן, כּדי צו קאָנען פֿאַנגען חיות און זיך שפּײַזן מיט זײער פֿלײש. אױסערדעם האָט ער גענומען מיט זיך שפּײַז אױף הונדערט טעג. װעלכע ער האָט אױפֿגעהאָנגען אין אַ זאַק איבערן שיפֿעלע.

װיאַזױ קאָן מען זיך אָבער צוגרײטן װאַרימע עסנס אין װײַטן קאַלטן צפֿון? פֿײַער מאַכן אונטערן לופֿטבאַלאָן טאָר מען נישט, װײַל דער באַלאָן קאָן זיך דאַדורך לײַכט אָנצינדן און דער גאַז װעט אױפֿרײַסן. אַנדרע האָט אָבער זיך צוגעגרײט אַזאַ מין אַפּאַראַט, װאָס האָט זיך געדאַרפֿט געפֿינען אונטערן שיפֿע-לע און נישט זײַן געפֿערקאַך פֿאַרן באַלאָן. אין אַזאַ אַפּאַראַט האָט מען געקאָנט זיך צוגרײטן אַ זופּ פֿון קאָנסערװן, פֿון פֿלײש. אָדער אױסקאָכן פֿיש אױף אַ שפּירט-לאָמפּ.

כּדי צו שיקן בריװ אַהײם, האָט אַנדרע צוגעגרײט אַ מעטאַלענע קעסטל אײַנגעהילט אין קאָרק, װאָס זאָל קאָנען שװימען לײַכט אױפֿן װאַסער. אַזעלכע קעסטלאַך מיט בריװ האָט ער גערעכנט פֿון צײַט-צו-צײַט אַרײַנצוװאַרפֿן אין ים אין דער האָפֿנונג, אַז די כװאַליעס װעלן עס שױן דערפֿירן צו אַ ברעג, װאו ס׳געפֿינט זיך אַ ישוב. אַנדרע האָט אָבער אױסערדעם מיטגענומען מיט זיך פֿופֿציק פּאָסט-טױבן, צו שיקן מיט זײ די בריף די-רעקט דורך דער לופֿט. די טױבן האָט ער ספּעציעל געלאָזט לערנען זײ זאָלן זיך קאָנען אָריענטירן אין אַ װײַטער נסיעה. פֿאַר די טױבן האָט ער געהאַט אױך אָנגעגרײט ספּעציעלע נעסטן בײַם שיפֿעלע.

דער בריװ, װאָס אַזאַ טױב טראָגט, מוז זײַן לײַכט, כּדי נישט צו שטערן איר אין פֿליען; דעריבער שרײַבט מען אים אױף זײַד-פּאַפּיר און מען הילט אים אײַן אין אַ װאַקס-שאַכטעלע, װערט צוגעבונדן צו אַ פֿעדער פֿון װײדל.

אָט אַזױ האָט עס אַנדרע אַלץ צוגעגרײט מיט דער גרעסער גענױקײט און פּינקטלאַכקײט. װעגן זײַנע הכנות האָט מען שױן אַ גאַנץ בוך אָנגעשריבן. אַנדרע האָט געװאָלט זיך לאָזן אױף דער רײַזע אינדערלופֿטן אין אָנהױב יולי, װען די זון גײט נישט אַראָפּ פֿון הימל אין װײַטן צפֿון טאָג און נאַכט. די רײַזע האָט

זיך געדאַרפט אָנהויבן ביים צפון-ברעג פון דער ווייטער אינזל שפּיצבערגען און אַנדרע האָט געדאַרפט פליען צוזאַמען מיט צוויי באַגלייטער. רייזנדיק שטענדיק אין זונענשיין, האָט אַנדרע געהאָפט צו קאָנען פאָטאָגראַפירן פון דער לופטן יעדע אומבאַקאַנטע אינזל, וואָס ער וועט באַגעגענען אויף דער רייזע. די וואַרימקייט פון דער זון האָט אויך געדאַרפט זיין גינסטיק פאַרן גאַז אין באַלאָן, ווייל ביי אַ וואַרימער טעמפּעראַטור איז דער גאַז לייכטער און ממילא טראָגט ער בעסער די משא.

אַנדרע איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז זיין פּלאַן וועט אים געלינגען. אין בעסטן פאַל האָט די זאַך געדאַרפט גיין ווי געשמירט. איינמאָל האָט אַנדרע געמאַכט אין זיין באַלאָן אַ רייזע אויף אַ מהלך פון פירטויזנט קילאָמעטער, נעמלאַך—פון גאָטענבורג ביז גאָטלאַנד, און געדויערט האָט עס סך-הכל דריי שעה! מיט אַזאַ גינסטיקן ווינט וואָלט ער אין ניין שעה געקאָנט קומען צום צפון-פּאָל; אפילו ביי אַ מעסיקן ווינט וואָלט עס געדויערט העכסטענס צוויי טעג! אַנדרע איז דעריבער געווען פעסט איבערצייגט, אַז ביי אַ גינסטיקן ווינט וועט ער אין איין וואָך קומען צום בערינגישן ים-דורכגאַנג און אפשר גאָר צו די ברעגן פון אַמעריקע.

אָבער „דער ווינט בלאָזט, דו הערסט זיין זשומען, און דו ווייסט נישט, פונוואַנען ער קומט און וואוהין ער גייט". איין זאַך איז נאָר זיכער, אַז אויפן צפון-פּאָל גופא בלאָזט דער ווינט תמיד פון דרום. וואָרום ווען דו שטייסט אויפן צפון-פּאָל, זעסטו אַרום זיך, וואוהין דו זאָלסט נישט ווענדן דיינע אויגן—אַלץ נאָר דעם דרום. דאָ איז נישטאָ קיין מזרח, מערב אָדער צפון. דאָ שטייסטו מיט דיינע פיס אויפן איינציקן צפון-פּונקט פון דער ערד און אַלץ אַרום דיר ציט זיך צו דרום. אויך די ווינטן האָסטו דאָ נאָר פון דרום.

פאַרן אויפשטייגן מיטן באַלאָן.

בשעת אַנדרעס פלאַן וועגן דער רייזע מיטן לופטבאַלאָן צום צפון־פאָל איז מפורסם געוואָרן אין דער וועלט, האָבן נאַטירלאַך זיך אַ שאָט געטון נבואות ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. אַלע האָבן פאָרויסגעזאָגט, אַז די אונטערנעמונג וועט זיך ענדיקן אומגליקלאַך. אייניקע, למשל, האָבן גע'טענה'ט, אַז די ים־פויגל וועלן באַפאַלן דעם באַלאָן און אים מיט זייערע שנאָבלען צופיקן; אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז די ווילדע מענטשן אין וייטן צפון וועלן אַדורכשיסן דעם באַלאָן מיט זייערע פיילן; ס'האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן סתם געטענהט, אַז אויפן צפון־פאָל וועט דער לופטפליער פאַרפראָרן ווערן צום טויט. און ענדלאַך האָבן זיך געפונען געלערטע, וועלכע האָבן אָנגעוויזן, אַז דער שניי און אייז וועלן מיט זייער געוויכט צודריקן דעם באַלאָן אָדער צווינגען אים אַראָבצולאָזן זיך. און אָט איז אַ נייע סברה: די הענגענדיקע שטריק וועלן זיך פאַרטשעפען אָן די אייזבערג, צופרירן צו זיי און אַזויאַרום וועט דער באַלאָן בלייבן צוגעבונדן און וועט זיך נישט קאָנען רירן פון אָרט.

צי האָט דען אַנדרע אָט די אַלע סברות נישט געקאָנט פאָרויסזען אַליין? געוויס! נאָר דער דרייסטער מאַן האָט זיך פאָרויס צוגעגרייט פאַר אַלע פאַלן. און ווידער, ווען מען שרעקט זיך, לאָזט מען זיך נישט אין וואַלד אַריין.

אין שוועדן האָט אַנדרעס פלאַן אין תחלת דערוועקט דערשטוינונג, און, ענדלאַך, די גרעסטע התפעלות און התלהבות. וואו נעמט מען אָבער געלט דעם גרויסאַרטיקן פלאַן צו פאַרווירקלאַכן? הונדערט דרייסיק טויזנט קראָן האָט מען דערצו געמוזט

האָבן, און דאָס איז דאָך אַ סומע אַלענפאַלס נישט קיין קליינע. דער רייכער נאַפט־סוחר אַלפרעד נאָבעל, האָט זיך אויסגערופן צו געבן אַ העלפט פונם נויטיקן געלד; דער שוועדישער קעניג אָסקאַר האָט ערקלערט, אַז ער גיט אַ פערטל חלק; דעם לעצטן פערטל האָבן שוין געגעבן אַנדערע רייכע לייט.

ווען אַלץ איז שוין פאַרטיק געוואָרן, איז אַנדרע אָפּגעפאָרן צו דער אינזל שפּיצבערגען. דאָרט האָט מען אויסגעבויט אַ גרויסן באַראַק, וואו מען האָט געדאַרפט האַלטן דעם באַלאָן בשעתן אָנפילן מיט גאַז און באַשיצן אים פון די ווינטן. סוף יולי 1896 איז דער באַלאָן שוין דאָרט אָנגעפילט געוואָרן און אָט האָט דער רייזנדער נאָר געוואַרט אויף אַ גינסטיקן ווינט פון דרום צו צפון. די גאַנצע צייט האָט אָבער דער ווינט געבלאָזן פון צפון צו מערב, ס'הייסט, פון פּאָל צו די ברעגן פון אַמעריקע. וואָכן זיינען אַריבער; עס זיינען אַרויסגעפאַלן שנייען און נעפּלען און די אויסזיכטן אויף דער רייזע זיינען געוואָרן אַלץ קנאַפּער. דאָס וואַרטן איז געווען אומזיסט: דער גינסטיקער ווינט איז נישט געקומען.

אין צפון פון שפּיצבערגען ליגט די אַמשטערדאַמער אינזל, פון וועלכער עס ציט זיך אַ לאַנגער ערדפּאַס צו מזרח, אָדער ווי מען רופט אים: דער האָלענדער שפּיץ. אַהין איז דעם 14-טן אויגוסט אָפּגעגאַנגען אַ דאַמף־שיף. אַנדרע איז צוזאַמען מיט אַנדערע שוועדן אָפּגעפאָרן אַהין. דאָס איז געווען די שיף „פראַם", וועלכע האָט זיך ערשט מיט עטלאַכע טעג פריער באַפרייט פון אייז אין ים־הקרח, אין וועלכן זי איז געווען געפאַנגען במשך פון דריי יאָר.

—אפשר וועל איך מיך קאָנען זען מיט נאַנסענען?—האָט אַנדרע געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט באַגריסט דעם קאַפּיטאַן פון שיף—שווערדרופ מיט זיינע חברים.

—סטייטש, נאַנסען איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען אַהיים?—האָבן יענע געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג.

—ניין, נאָך נישט. אָבער פאַרוואָס געפינט ער זיך נישט אויפן שיף „פראַם"?—האָט אַנדרע געפרעגט.

—שוין כמעט אַ יאָר אָנדערטהאַלבן, ווי ער האָט אונז פאַרלאָזן,— האָבן די שיפסלייט געענטפערט.
אַנדרע האָט זיך שטאַרק פאַרוואונדערט, און די שיפסלייט באַזאָרגט וועגן נאַנסענס שיקזאַל האָבן זיך פיינלאַך איבערגעקוקט. שווערדרופ איז באַלד אָפּגעפאָרן צוריק קיין נאָרוועגיען, צו באַזאָרגן זיך מיט קוילן און פּראָוויאַנט, און פאָרן באַלד צוריק אויף דער פראַנץ-יאָזעף-אינזל, צו זוכן דאָרט נאַנסענען. ווען ער איז אַריינגעקומען אין ערשטן האַפן פון אַ קליינער נאָרוועגישער שטאָדט, איז ער תיכף אַוועקגעגאַנגען אויף דער טעלעגראַפן-סטאַציע און אַזוי האַסטיק אָנגעקלאַפּט, ווי עס וואָלט אים אום לעבן געגאַנגען. ס׳איז געווען שפּעט אין דער נאַכט און אַלע האָבן געשמאַק געשלאָפן, אָבער שווערדרופ האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן, ביז מען האָט אים געעפנט. אַן אַלטער, האַלב-פאַרשלאָפענער מאַן איז אַרויסגעלאָפן צו אים מיט אַ בייז געשריי:
—ס׳ברענט? וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאַפּעריי?
—עפנט נאָר די טיר, איך בין קאַפּיטאַן שווערדרופ פון שיף „פראַם”.
אינם גאַנצן בנין זיינען באַלד אַלע געווען אויף די פיס; אין אַלע פענסטער האָט זיך באַוויזן ליכט. די טעלעגראַפן-באַאַמטע זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן צו באַגעגענען דעם אומערוואַרטעטן גאַסט.
—איך האָב פון אַנדרע געהערט,—האָט שווערדרופ טרויעריק געזאָגט, אַז פון נאַנסענען איז נאָך נישטאָ עפּיס אַ בשורה.
—אָהאָ!—האָט דער טעלעגראַפן-דירעקטאָר אויסגערופן—נאַנסען? דעם 13-טן אויגוסט איז ער אָנגעקומען אין באָרדאָ! איצט איז ער אין האַמערפעסט.
שווערדרופ איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָט זיך געלאָזט לויפן איבערצוגעבן זיינע חברים די פריילאַכע ידיעה. שווערדרופ האָט, אַלזאָ, דערגרייכט זיין ציל, אָבער אַנדרע האָט דערוויל נאָך אַלץ געוואַרט אומזיסט אויף אַ גינסטיקן דרום-ווינט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער הערבסט, און אַנדרע האָט געמוזט

זיך אומקערן צוריק אַהיים. מען האָט דעם באַלאָן אויסגעליידיקט פֿונם גאַז, צוזאַמענגעלייגט אים און פֿאַרפּאַקט, און אַנדרע איז געקומען מיט אים קיין שטאָקהאָלם.

מען קאָן זיך לײַכט פֿאָרשטעלן, ווי דערשלאָגן אַנדרע איז געווען. נאָך קיינמאָל האָט אַ רייזע צום פֿאָל נישט אַרויסגערופֿן אַזאַ וואַרימע סימפּאַטיע, ווי אַנדרעס פּלאַן. די גאַנצע וועלט האָט געוואַרט מיט גרויס שפּאַנונג אויף זײַן אָפּפֿאָרן פֿון שפּיצבערגען און אויפֿן רעזולטאַט פֿון זײַן אונטערנעמונג. ווען ער איז אָפּגעפֿאָרן פֿון שטאָקהאָלם און גאָטענבורג קיין שפּיצבערגען, האָט מען אים ווי אַ העלד באַגלייט, איצט איז ער געקומען צוריק מיט גאָרנישט! פֿיל האָבן פֿון אים געלאַכט, אָבער פֿיל גרעסער איז געווען די צאָל פֿון די, וועלכע האָבן זײַן האַלטונג באַוואונדערט: ער האָט פֿאַרשטיקט אין זיך דעם טיפֿן ווײ און איז בײַ זיך בכלל נישט אַראָפּגעפֿאַלן. מען האָט באַלד געזאַמלט געלדסומעס, וואָס זײַנען נויטיק געווען פֿאַר אַ נײַער פּראָבע. אינמיטן מאַי פֿון קומענדיקן יאָר האָט אַנדרע ווידער גערעכנט אָפּצופֿאָרן קיין שפּיצבערגען מיט זײַן באַלאָן.

דעם 11-טן מאַי 1897 בין איך צוריקגעקומען פֿון מײַן רייזע קיין אַזיע. דעם 13-טן האָט אַנדרע אײַנגעאָרדנט אַ פֿרישטיק לכּבֿוד מיר. זעקס פּערזאָן זײַנען מיר געזעסן בײַם טיש און איך האָב בײַ דערדאָזיקער געלעגנהייט געזען אַנדרע צום ערשטן מאָל. בשעתן פֿרישטיק האָט ער מיך באַגריסט מיט אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט צווישן אַנדערן אָנגעוויזן, ווי פֿאַרשידן עס איז דאָס שיקזאַל פֿון מענטשן: איינער קומט פֿון דער ווייטער רייזע, דער אַנדערער קלייבט זיך ערשט צו מאַכן זי. איך האָב אים באַגריסט מיט זײַן גרויסאַרטיקן פּלאַן און האָב אויסגעדריקט מײַן איבערצייגונג, אַז מיר וועלן זיך ווידער זען נאָכאַמאָל, ווען אַנדרע וועט גליקלאַך האָבן אויסגעפֿירט זײַן גלענצענדע אויפֿגאַבע.

צוויי טעג שפּעטער האָט אַנדרע געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן שטאָקהאָלם.

דאָס מאָל איז ער אָפּגעפֿאָרן שטיל און אָן אָוואַציעס. מען האָט

אים געגוג געהעצט און מען האָט געקאָנט פּאָרויסזען, אַז ער וועט איצט אויפשטייגן אין זיין באַלאָן און זיך לאָזן פליען צום פּאָל אפילו אויך ביי אַ נישט-גינסטיקן ווינט. נאָר אייניקע פריינט האָבן אים באַגלייט אויפן וואָקזאַל. איך האָב אים וואַרים די האַנט געדריקט—צום לעצטן מאָל! דאַן איז ער פאַרשוואונדן גע-וואָרן מיטן צוג צו צפון.

אין יוני האָט מען ווידער דעם באַלאָן אָנגעפילט, אָנהויב יולי איז אַלץ געווען גרייט צום אָפּפאָרן און מען האָט נאָר געוואַרט אויף אַ גינסטיקן דרום-ווינט. בשעת אַ העפטיקן שטורם האָט עס דעם באַלאָן אין באַראַק אַזוי שטאַרק געריסן אויף אַלע זייטן, אַז מען האָט זיך געשראָקן אַז ער וועט צוריסן ווערן צוזאַמען מיט די ווענט פון באַראַק, אָדער ער וועט זיך גאָר אַרויסרייסן און אַוועקפליען.

אַנדרע האָט טעגלאַך געפירט זיין טאָגביכל. מיטן 8-טן יולי 1897 האָט דאָס טאָגביכל זיך געענדיקט אויף אייביק.

אַלץ איז קלאָר געוואָרן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער 11-טער יולי 1897, אַ זונטאָג איז עס געווען. שוין דריי אַ זייגער אינדערפֿרי האָט מען פֿאַרן האָלענדערשפּיץ געקאָנט באַאָבאַכטן אַ לייכטן ווינטל. דאָס איז געווען אַ דרום-ווינט, וועלכער איז וואָס אַ שעה שטאַרקער געוואָרן.

אַכט אַ זייגער אינדערפֿרי האָט אַנדרע די לעצטע פּאָסט אָפּגעפֿאַרטיקט און אַריינגענומען זיינע לעצטע פּעקלאַך אין שיפֿעלע. אַנדרע האָט אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט זיינע צוויי באַגלייטער, אינזשעניער פֿרענקעל (אַ ייִד) און פֿיזיקער שטרינדבערג. ביידע האָבן ערקלערט, אַז מען מוז זיך לאָזן אויף דער רייזע. אַנדרע אַליין האָט דערמיט פֿאָלקאָם מסכּים געווען. מען האָט תּיכּף געדאַרפֿט צוטרעטן צו דער אַרבעט. האָט מען צוזאַמענגענומען די נויטיקע מענטשן און עלף אַ זייגער האָט מען זיך גענומען אויפֿרייסן דעם באַראַק אַרום דעם באַלאָן.

מען האָט שוין געהאַט פֿאַנאַנדערגענומען אַ גרויסן טייל פֿון דער פֿאָדערשטער זייט. אַרום האָט געהערשט אַ פֿיבערהאַפֿטע אַרבעט. מען האָט געמוזט פֿאַרהיטן, אַז ביים פֿאַנאַנדערנעמען דעם באַראַק זאָל דער באַלאָן נישט געשעדיקט ווערן. דער באַלאָן האָט זיך כּסדר געריסן אין דער הויך. מען האָט געמוזט זיך צואיילן מיט דער אַרבעט. אַנדרע איז געשטאַנען אין דער הויך און דורך אַ טרומייט אָפּגעגעבן זיינע באַפֿעלן.

דער באַלאָן האָט זיך ענדלאַך אויפֿגעהויבן אַזוי הויך, אַז מען האָט געקאָנט שוין באַפֿעסטיקן אונטער אים דאָס שיפֿעלע. האָט מען אַהינגעבראַכט די נעסטן מיט די טויבן און אַרויסגעוואָרפֿן

אַ טייל פון באַלאַסט. איצט האָבן פעסטגעהאַלטן דעם באַלאָן דריי זעק מיט זאַמד און די רייזנדער האָבן בלויז געדאַרפט אָפּהאַקן די שטריק, צו וועלכע זיי זיינען געווען צוגעבונדן. דריי מאַטראָזן זיינען געשטאַנען ביי יעדער שטריק מיט אַ שאַרפער האַק, גרייט צו האַקן ביים ערשטן סיגנאַל. צוויי טוץ זעק מיט זאַמד האָט מען ענדלאַך אַריינגענומען אין שיפעלע, כדי אַרויסצוּוואַרפן זיי שפּעטער, ווען מען וועט זיך אויפהויבן העכער.

„אַלץ איז פאַרטיק!"

אַנדרע דאַנקט אַלעמען, וואָס ס'האָט אים געהאָלפן אין דער שווערער אַרבעט. מען האָט זיך אָנגעהויבן געזעגנען. ווייניק ווערטער זיינען דערביי געהערט געוואָרן, וויפיל זיינען אָבער געווען די ווינטשן, וואָס מען האָט אין האַרצן געטראָגן אָ, ווען כאָטש אַ טייל פון זיי וואָלט ערפילט געוואָרן! די מינוט פון אַרויפשטייגן איז געווען אַ פייערלאַכע.

אַנדרע האָט זיין באַלאָן אַ נאָמען געגעבן „ערנען" (דער אָדלער) און מיטן דאָזיקן אויסרוף איז ער אין דעם שיפעלע אַריינגעשפרונגען, וואו זיינע באַגלייטער, פרענקעל און שטרינדבערג, זיינען שוין געזעסן אונטער אַ שוועדישער פאָן.

אַ שניט מיט די בלאַנקע מעסערס, און דער באַלאָן איז האַלב פריי געוואָרן. די דריי העלדישע רייזנדער גריסן דעם אַרומיקן עולם צום לעצטן מאָל, און אַנדרע רופט-אויס:

—„האַקט—איינס, צוויי, דריי!"

די שטריק ווערן מאָמענטאַל איבערגעהאַקט און דער „אָדלער" פליט אַרויס מאַיעסטעטיש פון זיין נעסט.

—„אַנדרע זאָל לעבן!"—קלינגט עס אַרום.

—„גרוסט מיר מיין אַלט שוועדן!"—רופט אויס אַנדרע הויך, אַריבערבויגנדיק זיך טיף איבערן קאַנט פון שיפעלע. דער „אָדלער" שוועבט שוין אין דער לופטן, די אַראָפּגעהאַנגענע שטריק שניידן דאָס וואַסער פון ים, און ס'דאַכט זיך, אַז דאָס גייט עפּיס אַ ניי מין שיף אויפן ים. דער „אָדלער" פליט צו צפון-מזרח איבער דעם האָלענדערשפיץ. אָט לאָזט ער זיך ווידער אַ ביסל אַרונטער, און דאָס שיפעלע באַרירט שוין דאָס וואַסער.

מעגלאַך, אַז פון אויבן האָט אים צוגעדריקט אַ ווינט... שנעל אָבער הויבט ער זיך ווידער אויף. אַנדרע האָט אַרויסגעוואָרפן גיין זעק מיט זאַמד, אָדער צווייהונדערט קילאָגראַם באַלאַסט מיטאַמאָל. וויאַזוי וועט עס גיין ווייטער!

נאָך ערגער איז געווען דאָס, וואָס ביים ערשטן אויפהויבן זיך האָט איין שטריק זיך אָפּגעריסן און דאַדורך איז דרייסיק פוד באַלאַסט פאַרלאָרן געגאַנגען. ס'האָט אויסגעוויזן, אַז אַנדרעס גאַנצער פּלאַן האָט שוין פון אָנפאַנג אָן געפּלאַצט, וואָרום ווי-באַלד אַז עס האָט געפעלט אַ שטריק, איז דער באַלאָן שוין ווייניקער געווען צוגעבונדן צו דער ערד און ממילא האָט ער ווייניקער פעסטקייט געהאַט און איז מער געווען אָפּהענגיק פון ווינט.

דער „אָדלער" האָט זיך טאַקי באַלד אויפגעהויבן לערך זיבן-הונדערט מעטער אין דער הויך. אַ ווײַלע איז ער אין די וואָלקנס פאַרשוואונדן געוואָרן. באַלד אָבער האָט מען אים ווי-דער דערזען. אַזוי האָט מען אים געזען נאָך אַ שעה לאַנג. דאַן איז ער אויף אייביק פאַרשוואונדן געוואָרן הינטער די אינזלען אין צפון-מזרח אין גרויסן מדבר פון אייז-ים.

אַנדרעס שיקזאַל.

מיט וואָס פאַר אַ שפּאַנונג האָט די גאַנצע וועלט געוואַרט אויף ידיעות פון אַנדרע און ווי האָט געאַרבעט דער וועלט-טעלעגראַף, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז דער העלדישער מאַן האָט זיך אויפגעהויבן אין באַלאָן און איז אין דער לופטן אויפן וועג צו צפון פאַרשוואונדן געוואָרן! נישט געווען קיין איינציקע צייטונג אויף דער וועלט, וועלכע זאָל נישט האָבן געווידמעט דעם דרייסטן פליער גאַנצע שפּאַלטן פון בלאַט צו באַשרייבן זיין באַלאָן און זיין פּלאַן. אַלע האָבן באַוואונדערט די העלדישקייט און דרייסטקייט אַנדרעס און אַלע האָבן זיך געפרעגט: וויאַזוי וועט זיך דידאָזיקע נסיעה ענדיקן? מען האָט זיך גענומען באַטראַכטן די געאָגראַפישע מאַפּעס, כדי צו זען, וואָס פאַר אַ אינזלען געפינען זיך אַרום דעם צפון-פּאָל. ווילאַנג וועט אַנדרע זיך קאָנען האַלטן אין דער לופטן? העכסטנס דריי וואָכן. אין אַזאַ צייט קאָן ער דאָך אַדורכפליען אַ געוואַלטיק גרויסן מהלך וואו עס ליגן באַוואוינטע לענדער, און מענטשן וועלן דאָך אים מסתם באַמערקן. אפשר וועלן אים גאָר דערזען די פישער, וועלכע פאַנגען אין אָט דער צייט וואַלפישן אין ים-הקרח...

די שפּאַנונג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. קיינער האָט שוין מער נישט געטראַכט וועגן דעם צפון-פּאָל. וואו אַנדרע זאָל זיך אַראָפּלאָזן—וועט עס אַלץ זיין איינע פון די וואונדערלאַכסטע נסיעות, און קיין ילוד-אשה האָט נאָך פאַר אים אַזאַ רייזע נישט געהאַט געמאַכט.

צוויי וואָכן זיינען אַריבער און שוין האָבן זיך געלאָזט הערן

באַאומרויִגענדע קלאַנגען. איין האָלענדער, למשל, האָט דערציילט אַז ער האָט דעם 17-טן יולי געזען אויפֿן ווייסן ים שווימען אַ לופֿטבאַלאָן. מען האָט אָנגעהויבן נאָכפֿרעגן און אויספֿאָרשן און אָט האָט מען זיך משער געווען, אַז דער האָלענדער האָט געזען שווימען אַ טויטן וואַלפֿיש.

דאַן האָט עס אָנגעהויבן רעגענען מיט פֿאַרשידענע ידיעות וועגן אַנדרעס באַלאָן. אויפֿן מערבֿ-ברעג פֿון דער גרויסער אינזל גרענלאַנד זאָל מען האָבן געהערט אַ שיסעריי פֿון ים-צו. ס'איז אַלזאָ קיין ספֿק נישט, אַז דאָס האָבן געשאָסן אַנדרע מיט זיינע לייט; אויף איין שיף ווידער האָט מען געהערט עפּיס געשרייען פֿונדערווייטן,—ווידער מסתּם אַנדרע מיט זיינע לייט, וועלכע האָבן געבעטן הילף.

היינט ווי גרויס איז געווען די צאָל פֿון די, וועלכע האָבן זיך אויף די ווייטע אינזלען אויפֿן אייז-ים געפֿונען און האָבן אַליין געזען שוועבן אין דער לופֿטן אַנדרעס באַלאָן! די רוסישע פּוטער-הענדלער און סיבירישע פֿישער האָבן זיך פּשוט געשוואָרן, אַז זיי האָבן דעם „אָדלער“ ערגעץ וואו אין אַ דאָרף געזען. אויף דער ווייטער מזרח-אינזל סאַכאַלין זאָל מען אים האָבן געזען פֿליִען אין דער לופֿטן איבער די נאַקעטע פֿעלזן. אפֿילו די אינדיאַנער פֿון ווייטן צפֿון-אַמעריקע האָבן ערקלערט, אַז זיי האָבן אים נאָכגעקוקט אין דער לופֿטן.

אַנדערע ווידער האָבן גאָר ערקלערט, אַז אַנדרע געפֿינט זיך שוין אין אַמעריקע און אַז ער האָט שוין פֿון דאָרט געשריבן ערגעץ-וואו. אין דער ענגלישער קאָלאָניע קאָלומביאַ האָט מען דעם „אָדלער“ געזען אין דער לופֿטן און אין קאַנאַדע האָבן די עסקימאָסן אַליין געזען ווייסע מענטשן, וועלכע האָבן ביי זיי געבעטן שפּייז און דערביי האָבן זיי געפֿירט מיט זיך עפּיס אַ מאָדנע ווייסע זאַך. ווידער אַנדערע האָבן דערציילט, אַז אַנדרע איז זיי געקומען צו חלום און ערקלערט, אַז ער איז אַריינגעפֿאַלן אין ים און דערטרונקען געוואָרן. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פֿאַרזיכערט, אַז זיי האָבן אין חלום צוגעזען אַנדרעס ים-קאַטאַסטראָפֿע. אַנדערע פֿאַרקערט האָבן פֿאַרזי-

בֿערט, אַז אַנדרע לעבּט און נויטיִקט זיך דרינגלאַך אין הילף.

אָט אַזוי האָט עס געהאַ׳ט אַ פּאָר וואָכֿן נאָך אַנדרעס אָפּפֿליען. אַרום אים האָט זיך אָנגעהויבּן וועבּן אַ לעגענדע און מען האָט דערציילט חידושים, יעדער איינער לויט זיין פֿערשטאַנד און פֿאַנטאַזיע.

אין הערבּסט האָט מען פֿון שוועדן געשיקט הילף פֿאַר אַנדרעס עקספּעדיציע. מען האָט נעמלאַך געשיקט שפּייז אויף אַלע ווייטע אינזלען, וואו מען האָט נאָר געקאָנט משער זיין, אַז אַנדרע זאָל זיך דאָרט געפֿונען. ס׳איז אויך אָפּגעגאַנגען אַן עקספּעדיציע צו די בּרעגן פֿון סיבּיר. פּראָפֿעסאָר נאַטהאָרסט האָט זיך משער געווען, אַז אַנדרע האָט זיך דערשלאָגן צו דער אינזל גרענלאַנד און דאָרט האָט ער געוויס געפֿונען גענוג שפּייז פֿאַר זיך אין דער יאַגד אויף מאָשוס-אָקסן. ער האָט דעריבּער צוגעגרייט דעם דאַמפּער „אַנטאַרקטיק״ און איז אָפּגעפֿאָרן קיין גרענלאַנד, כּדי אים דאָרט צו זוכֿן. אַנדרע האָט ער אפילו נישט געפֿונען, אָבּער דערפֿאַר האָט ער אויף דער רייזע צוזאַמענגעשטעלט פּראַכֿטפֿולע מאַפּעס פֿון גרענלאַנד און האָט געמאַכֿט פֿיל אינטערעסאַנטע וויסנשאַפֿטלאַכֿע בּאַאָבּאַכֿטונגען.

אַזוי זיינען פֿאַרגאַנגען חדשים און—יאָרן! פֿון צייט-צו-צייט האָט זיך עפּיס בּאַוויזן אַ ידיעה און מען האָט אָנגעהויבּן האָפֿן זיך צו דערוויסן עטוואָס וועגן דעם העלדישן פֿליער, אָבּער בּאַלד איז אויך אָט די האָפֿנונג פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

וואָס איז אָבּער געוואָרן מיט אַנדרעס בּריוקעסטלאַך פֿון קאָרק און וואו זיינע טויבּן געבּליבּן?

פֿינף קאָרקן-קעסטלאַך האָט מען שפּעטער געפֿונען. דריי פֿון זיי זיינען קאַליע געוואָרן און די בּריוו האָבּן געפֿעלט אין זיי. אין צוויי זיינען געווען בּריוו און קענטיק, אַז זיי האָבּן אַדורכֿגעמאַכֿט אויפֿן ים אַ גרויסן מהלך. איין קאָרקן-קעסטל האָט מען געפֿונען אויפֿן צפֿון-בּרעג פֿון נאָרוועגיע און אַ צווייטע בּיי איסלאַנד. די קעסטלאַך זיינען אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן אַ קורצע צייט נאָכֿן אויפֿהויבּן זיך מיטן בּאַלאָן און אין די בּריוו זיינען

געווען נאָר קורצע ידיעות וועגן דעם גאַנג פון באַלאָן און אָרט, וואו מען האָט אַראָפּגעוואָרפן די בריוו. דער באַלאָן איז געפלויגן צו צפון. דאָס וועטער איז געווען פּרעכטיק און די שטימונג ביי די פליער אויסגעצייכנט. דער באַלאָן האָט זיך געהאַלטן זעקסהונדערט מעטער איבערן ים און „אַלץ איז געווען גוט".

פון די טויבן איז נאָר איינע צוריקגעקומען. אַ נאָרוועגישע שיף האָט זי איבערגעכאַפּט פיר טעג נאָך אַנדרעס אויפהויבן זיך מיטן באַלאָן. דער בריוו, וואָס מען האָט ביי איר געפונען, איז געווען אַ מערקווירדיקער; ער האָט געמלאַך איבערגעגעבן, אַז דער „אָדלער" שוועבט שוין אין דער לופט זעקסאונפערציק שעה; ער האָט אַליין זיך געהאַלטן אין דער לופטן לענגער, ווי אַלע אַנדערע לופטשיפן ביז יענער צייט! ווייטער איז דאָרט געווען געשריבן: „ביי אונז אין שיפל גייט אַלץ גוט. איך שיק שוין די דריטע טויבנפּאָסט, אַנדרעע." דער באַלאָן איז דעמאָלט געווען אין צפון פון שפּיצבערגען, און דער ווינט האָט אים געטראָגן צו דרום-מזרח.

פון דער מינוט אָן ווייס מען מער גאָרנישט וועגן דעם שיקזאַל פון אַנדרעע מיט זיינע חברים און מען וועט וואַרשיינלאַך אויך קיינמאָל נישט דערגיין. קלאָר איז אָבער, אַז אין די ערשטע צוויי מעת-לעת איז אין באַלאָן געווען „אַלץ גוט" און די לופט-פליער האָבן זיך נישט געשראָקן פאַרן סוף פון זייער נסיעה. מעגלאַך, אַז דער ווינט האָט עטלאַכע טעג נאָכאַנאַנד זיי שלעכט געדינט און געפירט אַמאָל צו דרום, אַמאָל צו צפון. אָבער דער באַלאָן האָט דאָך וואָס אַ טאָג ווייטער געמוזט פאַרלירן אַלץ מער גאַז און ממילא אויך זיין קראַפט צו האַלטן זיך אין דער לופטן. עס האָט דאָך געמוזט קומען דער מאָמענט, ווען ער האָט זיך באַדאַרפט אַראָפּלאָזן. מען ווייס אָבער נישט, וואו דאָס איז פאָרגעקומען.

אויב אַנדרעע האָט מיט זיינע חברים זיך געמוזט אַראָפּלאָזן אין דער נאָענט פון צפון-פּאָל, אָדער אויפן וועג צום בערינגישן ים-דורכגאַנג, צי אויף די וויַטע אייזפעלדער, דאַן איז זייער לאַ-

גע געווען האָפּנונגסלאָז, ווייל כדי צו קאָנען גיין צופוס צוריק, האָבן זיי געפעלט אַלע מיטלען און קיין פּראָוויאַנט האָבן זיי אויך נישט געהאַט. וואַרשיינלאַכער איז, אַז דער ווינט האָט זיי געטראָגן צום דרום-טייל פון אייז-ים צווישן דער אינזל פראַנץ-יאָזעף און דער האַלבאינזל קאָלאַ. דער באַלאָן האָט דערביי געמוזט ווערן אַלץ שלאַפער און זיך האַלטן אַלץ נידריקער. בלי ספק האָט אַנדרע אָפּגעהאַקט אַלע שטריק, כדי צו פאַרלייכטערן זיין משא, און אויך דעם גאַנצן באַלאַסט האָט ער מסתם געהאַט א ויסגעוואָרפן. אַזויאַרום האָט מען זיך געקאָנט האַלטן אין דער לופטן עטלאַכע שעה לייגגער, אפשר גאָר אַ גאַנצן טאָג לאַנג. דאַן אָבער האָט געמוזט קומען די צייט, ווען ער האָט זיך ווי-דער געמוזט אַראָפּלאָזן, ווייל דער גאַז האָט דאָך געמוזט ווערן אַלץ ווייניקער און ווייניקער. אונטער די רייזנדער איז אָבער געלעגן דער אָפענער ים, וועלכער איז געווען גרייט איינצושלינ-גען זיי אויף אייביק... און אָט האָט אַנדרע אַרויסגעוואָרפן מסתם אויך די לעצטע קאָרקן-קעסטלאַך, און דער באַלאָן האָט זיך ווידעראַמאָל אויפגעהויבן, אָבער נישט אויף לאַנג. אַנדרע מיט זיינע חברים זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל זייער מוט נישט פאַרלאָרן. זיי האָבן זיכער האַרט געקעמפט פאַר זייער לעבן, אָבער...

ווען דאָס וואָלט לפּחות פאַרגעקומען ווינטערצייט, וואָלט אַנדרע געהאַט די אויסזיכט צו באַקומען הילף ביי די איינוואוינער פון די ווייטע צפון-קאַנטן און ממילא וואָלט ער געקאָנט אַרויסוואַרפן אויך זיין פּראָוויאַנט, כדי צו קאָנען זיך האַלטן נאָך לייגגער אין דער לופט, ווי אויך לאָזן פריי זיינע טויבן און אַרויסוואַרפן זייערע נעסטן אין ים אַריין. ס'איז אָבער מעגלאַך, אַז דער באַלאָן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבערן אָפענעם ים, און דאַן איז די קאַטאַסטראָפע געקומען. דאָס שיפעלע האָט זיך שוין געשלעפּט האַרט איבערן וואַסער; די פליער האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט אויף די שטריק פון באַלאָן און האָבן דאָס שיפל אויך אין ים אַריינ-געוואָרפן. ווידעראַמאָל האָט דער באַלאָן זיך אויפגעהויבן עטוואָס אין דער לופטן. די קאַטאַסטראָפע האָט זיך דעריבער מסתם

פאַרצויגן אויף עטלאַכע שעה לייגגער. דאַן אָבער האָט דער באַ-
לאָן זיך אָנגעהויבן פלוצלונג אַראָפּלאָזן...
ווי די זאַך זאָל זיך אויך האָבן געענדיקט,—די רייזע האָט קיין ערפּאָלג נישט געהאַט, אָבער די דריי רייזנדער וועלן אייביק דינען פאַר אַ מוסטער פון העלדישקייט און מסירת נפש פאַר דער וויסנשאַפט! זיי האָבן זיך געלאָזן אויף אַ גאָר נייעם וועג; איצט איז שוין אָבער נאָנט די צייט, ווען מען וועט קאָנען מיט אַנדערע מיטלען זיך לאָזן צום צפון-פּאָל.
פאַראַן לופטשיפן און לופטמאַשינען.

פ. קופּער.
דער לעצטער מאָהיקאַנער



פ. קופּער.

דער לעצטער
מאָהיקאַנער.

יידיש: ר—װיטש.

פאַרלאַג / ב. שימין /

װאַרשע 1921

Druk. „UNIVERSAL“ Nowolipki № 6.

דער לעצטער
מאָהיקאנער.

קאָפּיטל איינס.

די קאָלאָניאַלע מלחמות אין צפון-אַמעריקע פלעגן זיך שטענדיק אויסצייכענען דערמיט, וואָס איידער די פיינטלאַכע חילות פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן, האָבן זיי געמוזט אַריבערקומען די גרעסטע שוועריקייטן און די געפערלאַכסטע סכנות. צווישן די פראַנצויזישע געביטן און צווישן די געביטן פון זייערע פאַרביסענע פיינט—די איינגלענדער, איז געשטאַנען אַן אַלטער, געדיכטער וואַלד. אָפט פלעגן די דאָרטיקע איינוואוינער, ווי אויך זייערע פאַרבינדעטע אייראָפּייער, פטרן גאַנצע חדשים צייט ביים אַריבערגיין אַ טייך אָדער אַ הויכן שפּיציקן באַרג. די אייראָפּייער האָבן נישט געוואָלט אָפּשטיין פון די דאָרטיקע איינוואוינער און מיט דער צייט האָבן זיי זיך אויסגעלערנט אַריבערצוטראָגן אַלע שוועריקייטן און נויט, נישט ערגער פון יענע. מיט דער צייט איז אין גאַנץ צפון-אַמעריקע נישט געבליבן קיין איין שיין ווינקעלע, וואוהין ס'זאָל נישט האָבן אַריינגעדרונגען דער גיריקער אייראָפּייער.

אין קיין אָרט אָבער פון דער איינגליש-פראַנצויזישער גרעניץ זיינען נישט געבליבן אַזויפיל שפּורן פון מלחמה-רציחות, וויפיל אינם אַזוי גערופענעם לאַנד פון די גרויסע אָזיערעס.

ביידע קריגערישע צדדים האָבן שטאַרק גענומען אין אַכט די נאַטירלאַכע באַקוועמלאַכקייטן, וועלכע דאָס לאַנד האָט פאָרגעשטעלט פאַר זיי. די לייגלאַכע אָזיערע טשאַמפּלען, וואָס

ליגט צווישן קאַנאַדע און דער שטאַט ניו-יאָרק, האָט פאַרגע־שטעלט מיט זיך אַ באַקוועמען וועג, וועלכן די פראַנצויזן האָבן געזאָלט אַדורכמאַכן, כדי צו באַגעגענען זיך מיט די איינגלענ־דער. אין דערדאָזיקער אָזיערע איז אַריינגעפאַלן אַ צווייטע, וועלכער די איינגלענדער האָבן געשיינקט דעם נאָמען פון היי־ליקן געאָרג, כדי פאַרערן זייער קעניג געאָרג, וואָס האָט אין יענע צייטן געהערשט.

די אָזיערע פונם הייליקן געאָרג, האָט זיך מיילנוויים געצויגן צו דרום צווישן אַ סך קליינע אינזלען און פאַרשידענע בערג און האָט מיט אַ קליינעם קאַנאַל דערגרייכט ביז צום טייך בודזאָן.

די פראַנצויזן, וועלכע האָבן דרייסט באַשלאָסן אַריינצוקריגן זיך טיף אינם לאַנד, ביז צו די אַלעגאַנערבערג, האָבן באַלד באַמערקט די נאַטירלאַכע רייכטימער פונם לאַנד און די איינג־לענדער, ווידער, זיינען אויך נישט געווען קיין נאַראָנים. און דעריבער איז דאָס שטיקל ערד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלו־טיקער אָרענע. ביידע צדדים האָבן אין פאַרשידענע פונקטן אויס־געבויט אַ סך פעסטונגען, וועלכע פלעגן אַריבערגיין פון האַנט צו האַנט, מען פלעגט זיי צושטערן און פון דאָסניי אויפבויען, און דער קאַמף האָט געפלאַקערט טאָג און נאַכט.

די פראַנצויזן און איינגלענדער פלעגן זיך רוקן אַלץ טיפער אין לאַנד און די רוהיקע אָרטיקע באַפעלקערונג פלעגט שטענדיק זיין געצוואונגען צו פאַרלאָזן זייערע איינגעזעסענע ערטער, ווייל זיי האָבן שטאַרק געליטן פון ביידע קריגערישע צדדים.

די שטילע פרידלאַכע ערטער, די גרויסע געדיכטע וועלדער און שמאָלע בערג-וועגן, וואָס פריער פלעגט מען דאָרט טרעפן בלויז ווילדע חיות און איינזאַמע יעגער, זיינען איצט איבערגעפילט גע־ווען מיט מענטשן. דאָרט, וואו מען האָט פריער געקענט הערן בלויז דאָס ווילדע ברילן פון חיות און די איינצלנע שאָסן פון די יעגערס, האָט איצט געקלונגען די סימפאָניע פון די אונציילליקע האַרמאַטן-און ביקסן-שאָסן, און דאָס עכאָ האָט גלייכצייטיק צע־טראָגן צווישן די בערג סיי די טריאומפגעשרייען פון די זיגער־

און סיי די יללות און זיפצן פון די באַזיגטע.

דאָס, וואָס מיר גיבן דאָ איבער, האָט פּאַסירט אינם דריטן יאָר פון דער מלחמה, וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן די איינגלענדער און פראַנצויזן.

צוליב די קליינע פעהיקייטן פון די איינגלישע גענעראַלן ווי אויך צוליב דער שלעכטער פּאָליטישער פירונג אין איינגלאַנד גופא, האָט די מעכטיקע איינגלישע אַרמיי געליטן אַ מאוסע מפּלה פון אַ קליינער מ ח נ ה פראַנצויזן און אינדיאַנער.

צוליב דערדאָזיקער מפּלה זיינען די גרעניצן פון די איינגלישע געביטן געבליבן אָן שוץ, און די ווילדע אינדיאַנער זיינען עפטער באַפאַלן די פרידלאַכע איינוואוינער. יעדער באַזונדער פלעגט דערציילן פון די געוואַלטיקע ענוים, וואָס די אינדיאַנער האָבן אָנגעטאָן די אייראָפּייער. עס פאַרשטייט זיך, אַז מען פלעגט דערציילן נאָך מער, ווי ס'איז געווען אין דער ווירקלאַכקייט, און דאָס גאַנצע לאַנד האָט געציטערט פאַר שרעק און זיך איינגעהילט אין אַ טיפן טרויער.

אין דער צייט איז אין אַ פעסטונג, וואָס האָט באַשיצט דעם דרום-טייל פונם הודזאָן-קאַנאַל, אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דער פראַנצויזישער גענעראַל מאנקאלם האָט זיך דערנענטערט צו דער אָזיערע טשאַמפּלעין מיט אַ זייער גרויסער אַרמיי. די ידיעה האָט געשיקט דער פּולקאָווניק מונרא, דער קאָמענדאַנט פון איינעם פון די פ אָ ר ט ן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן ברעג פונם הייליקן געאָרג און האָט געבעטן, מען זאָל אים תיכף שיקן הילף.

אייגנטלאַך, זיינען דאָרט געווען צוויי פעסטונגען: איינע, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער אָנפירונג פונם פּ ו ל ק אָ ו נ י ק מונרא, האָט געהייסן: „דער פ אָ ר ט וויליאַם הענרי", די צווייטע — „פאָרט-עדוואַרד". אין דער ערשטער האָט זיך געפונען אינגאַנצן איין רעגולערער פּ אָ ל ק און אַ קליינע צאָל פרייוויליקע. אַזאַ קליינע קראַפט האָט, נאַטירלאַך, נישט געקענט זיך אַנטקעגן שטעלן דעם גענעראַל מאנקאלם. דעריבער האָט דער פּאָלקאָווניק מונרא געבעטן הילף ביים גענעראַל אועב, דעם ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט פונם צווייטן פּאָרט, וועלכער איז אין דערזעלבער צייט געווען דער

הויפטאָנפירער פון די איינגלישע צפון-ארמייען און האָט געהאַט אינם פאָרט „עדוארד" העכער 5000 מאַן.

דער גענעראַל אועב האָט באַפוילן, אַז אַן אָפּטיילונג פון 1500 מאַן זאָל באַגינען אַוועק צום פאָרט „וויליאַם-הענרי", אינגאַנצן 5 מייל וועג, וואָס האָט געדאַרפט דויערן אַ האַלבן טאָג.

צומאָרגנס פאַרטאָג איז די באַשטימטע אָפּטיילונג מיט גרויס פּאַ-ראַד אַרויסגעטראָטן אין וועג אַריין.

אין דערזעלבער צייט האָט מען אין דער פעסטונג, פאַר דער וואוינונג פונם הויפּט-קאָמענדאַנט, געקענט באַמערקן הכנות צו נאָך אַ נסיעה, אָבער שוין גאָר פון אַן אַנדער מין. דאָרט זיינען געשטאַנען עטלאַכע, גוט געזאָטלטע פערד. צוויי פערד זיינען, לויט אַלע סמנים, באַשטימט געווען פאַר פרויען, פון דער העכערער געזעלשאַפט. אין אַ פעסטונג זיינען פרויען און דערצו נאָך פון העכערער געזעלשאַפט, זייער אַ זעלטענע דערשיינונג, און דעריבער זיינען פון דערווייטן געשטאַנען אַ סך ליידיגייער, וועלכע זיינען געווען נייגיריק אָנצוקוקן די רייזנדער. דאָס דריטע פערד איז געווען שיין באַפוצט און האָט געטראָגן דעם הערב פון אַ שטאַבאָפיציר. די איבעריקע פערד, באַלאָדן מיט פעקלאַך, זיינען געוויס געווען באַשטימט פאַר די קלענערע באַאַמטע.

צווישן די צושויער האָט זיך געפונען אַ מאַן, וואָס זיין אויסזען, באַנעמונג און קליידונג זיינען געווען אַזוי אָריגינעל, אַז ס'איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף זיי, שטעלט אייך פאָר אַן אויסערגעוויינלאַך הויכן מאַן, וועלכער האָט אַפילו צווישן די הויכע זעלנער אויסגעזען, ווי אַ ריז. און דאָך, אַז ער פלעגט זיצן, פלעגט ער זיך אַזוי איינשרומפּן, אַז ער האָט אויסגעזען קליין און קינדיש - שוואַך זיין גאַנצע פיגור איז געווען וואונדערלאַך שלעכט און צובראָכן געבויט. אַ גרויסער קאָפּ, שמאָלע אַקסלען, לאַנגע, אומגעלומפּערטע אָרעמס. די הענט אָבער זיינען געווען קליין און איידלגעטאָקט. די פיס זיינען געווען אומגעהויער לאַנג און עקלהאַפט דאַר, די קני אָבער צר-דיק. אין אַלגעמיין איז דאָס געווען אַ משונהדיקע באַשעפעניש. זיין קליידונג האָט

נאָכמער באַטאָנט די אומגעלומפּערטקייט פון זיין פיגור. זיין דאַרער האַלז האָט מאוס אַרויסגעשטעקט פון דער קורצער, העלבלויער כאַלאַדאַיקע מיט אַ נידריקן, ברייטן קאָלנער. די שמאָלע ציצענע הויזן זיינען דערגאַנגען נאָר ביז די קני, איבערגעבונדן מיט ווייסע שלייפן, וועלכע האָבן שוין פון לאַנג פאַרלוירן זייער פרישקייט. אויף די פיס האָט ער געטראָגן גרויע באַוועלנעזאָקן און אומגעהויער גרויסע שיך. אין איינער פון די גרויסע קעשענעס פון זיין שמוציקער כאַלאַדאַיקע האָט געשטעקט אַן אויסטערלישע זאַך. זיין גרויסן קאָפּ האָט באַפּוצט אַ גרויסער דרייעקיקער הוט, וואָס מיט פופציק יאָר צוריק האָבן געוויינלאַך געטראָגן אַזאַ הוט די איינגלישע פּאַסטאָרן. דער הוט האָט צוגעגעבן אַ לעכערלאַכן אויסדרוק זיין גוטמוטיק-נאַרישן פּרצוף.

אין דער צייט, ווען אַלע צושויער זיינען געשטאַנען גאַנץ ווייט פון דער וואוינונג פונם הויפּטקאָמאַנדיר, איז ער דרייסט צוגעגאַנגען צו די פערד און מאַנכע פון זיי געלויבט און מאַנכע אויסגעלאַכט.

—אָט דאָס פיינע פערד שטאַמט נישט פון הי, האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ צאַרטער שטימע, וואָס האָט גאָרנישט געפּאַסט צו זיין אומגעלומפּערטער פיגור. ער האָט עס אַ זאָג געטאָן צו איינעם פון די דינער, וועלכער איז געבליבן שטום ווי די וואַנט.

דער מאַן אָבער האָט זיך גאָרנישט אָפּגעשראָקן דערפון און זיך ווידעראַמאָל אָנגערופן:

—געוויס שטאַמט עס פון אייראָפּע, פון יענעם קליינעם אינזעלע, וואָס הייסט איינגלאַנד? אַיאָ, איך האָב געטראָפן?

נישט באַקומענדיק פון דאָסניי קיין ענטפער, האָט ער זיך גלייכגילטיק אומגעדרייט און זיין בליק האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דער רוהיקער, גלייכער און שטרייגער פיגור פונם אינדיאַנישן שנעללויפער, וועלכער האָט נעכטען געבראַכט די ידיעה וועגן דעם, אַז דער פיינט דערנענטערט זיך. דעם אינדיאַנערס געזיכט האָט אויסגעדריקט פולע גלייכגילטיקייט און פאַראַכטונג צו דעם אַלעמען, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום אים. ווען זיין בליק אָבער פלעגט פאַלן אויף דער וואוינונג פונם הויפּט-קאָמענדאַנט, פלעגט

זיך אַ בייזער שמייכל באַוויזן אויף אים. ער איז געווען באַוואָפנט מיט אַ האַק און מיט אַ מעסער פון זיין שבט. נאָך דעם לאַנגן שווערן וועג, וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט, האָט ער נאָך נישט באַוויזן צו ברייגען זיך אין אָרדנונג.

די פאַרבן פון זיין געזיכט זיינען אָראָפּגעקראָכן און זיך צוזאַמענגעגאָסן, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַ מוראדיקן אויסדרוק. אָבער זיינע אויגן האָבן נאָך שאַרפער געפינקלט, ווי צוויי חלפים. דערווייל האָבן זיך באַוויזן אויפן גאַנעק די לייט, אויף וועלכע מען האָט געוואַרט. דאָס איז געווען אַן עלטערער גענעראַל, אַ יונגער, שיינער מאַיאָר און צוויי פרויען. דער אָפיציר האָט באַלד צוגעפירט די פרויען צו זייערע פערד.ביידע פרויען האָבן, לויט אַלע סימנים, געהערט צו דער העכערער געזעלשאַפט, כאָטש זייערע קליידער זיינען געווען זייער איינפאַך. די יונגערע, אַ בלאָנדינקע מיט גאָלדענע לאָקן און בלויע אויגן, איז געווען זייער שיין און פריילאַך. די עלטערע, אַ ביסל אַ פולערע, האָט באַהאַלטן איר געזיכט הינטער אַ געדיכטן, גרינעם וואואַל. דער אָפיציר האָט פריער געהאָלפן ביידע דאַמען אַרויפשטייגן אויף די פערד, נאָכדעם זיך אַליין אַרויפגעזעצט אויפן שיינעם פערד, מיט וועלכן דער אומגעלומפּערטער, אומבאַקאַנטער מאַן האָט זיך פריער אַזוי אַנטציקט. אַלע דריי האָבן זיך העפלאַך פאַרנויגט פאַרן גענעראַל און אין דער באַגלייטונג פון אַ שפּאָרער סוויטע זיך געלאָזט צו די טויערן פון דער פעסטונג. קיינער פון זיי האָט נישט אַרויסגעזאָגט קיין וואָרט, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן זיך געפונען אין דער פעסטונג. אָבער די בלאָנדינקע האָט נישט־ווילנדיק לייכט אויסגעשריען, ווען נעבן איר האָט זיך שטיל פאַרבייגעגנבעט דער אינדיאַנער, וואָס איז געווען דער פירער פונם צוג. ביי דער אומדערוואַרטעטער באַוועגונג פונם אינדיאַנער האָט אויך די צווייטע דאַמע אים אָנגעקוקט מיט מורא און פאַרוואונדערונג. זי האָט געהאַט געדיכטע, פעכשוואַרצע האָר. ווילנדיק בעסער באַטראַכטן דעם אינדיאַנער, האָט זי אויפגעהויבן איר וואואַל און מען האָט געקענט זען אַ שיין געזיכט מיט אַ פרישער רויטקייט אויף די באַקן. די געדיכטע שוואַרצע ברעמען

האָבן איר צוגעגעבן אַן אויסדרוק פון ענערגיע און פעסטן ווילן. דערמאָנענדיק זיך, אַז זי האָט אויפגעהויבן דעם וואוּאַל, האָט זי אַ שמייכל געטאָן מיט שיינע ווייסע ציין.

באַלד זיינען די וועגלייט אַרויסגעפאָרן אויפן ברייטן וועג, וועלכער האָט געפירט צום פאָרט פונם פאַלקאָוניק מונרא.

די צוויי דאַמען זיינען געווען דעם פאַלקאָוניקס טעכטער און האָבן פאַרבראַכט אַ קליינע צייט ביים גענעראַל אועב. זייער באַגלייטער איז געווען דער מאַיאָר גייאורד דונקאַן, וועלכער האָט געדינט ביי זייער פאָטער. ער האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער, יחוסדיקער שאָטלענדישער פאַמיליע, ווי דער פאַלקאָוניק.

קאַפּיטל צוויי.

די יונגערע דאַמע איז שנעל געקומען צו זיך און האָט געלאַכט פון איר אייגענער שוואַכקייט.

—אין די היגע וועלדער וועלן מיר מסתמא עפּטער טרעפן אַזוינע פאַרשוינען ?—האָט זי פריילאַך געפרעגט איר באַגלייטער, אָנווייזנדיק אויפן אינדיאַנער, וועלכער האָט רוהיק מאַרשירט פאָרויס.—און אפשר האָט איר ספּעציעל אויסגעזוכט אַזאַ שרעקלאַכן באַגלייטער, כדי אונז צוצוגעוויינען צו מאנקאלמען און זייבע מוראדיקע אינדיאַנער? אויב אַזוי, קען מען באַגריסן אייער איינפאַל! מיר וועלן האָבן אַ פּעולה פון אים.

—נישט געטראָפן:—האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט דער יונגער אָפיציר.—אָט דער אינדיאַנער דינט אין אונזער אַרמיי אַלס שנעללויפער. מיר האָבן צוטרוי צו אים. היינט האָט ער זיך אַליין אַרויסגערופן אָפּצופירן אונז אַהיים מיט אַ קירצערן וועג, אַזוי, אַז מיר וועלן דאָרט קומען נאָך פריער, ווי אונזער מיליטער.

—נו, אויב איר קענט אים גוט, איז עפּיס אַנדערש, כאָטש איך האָב נישט צו אים קיין איבעריקן צוטרוי...

—ווען איך וואָלט אים נישט געקענט, אַליסע, וואָלט איך אייך אים, נאַטירלאַך, פאַר קיין פאַל נישט אָנגעטרויט. גלויבט מיר, כ׳קען אים גוט. ער זעט נאָר אויס אַזוי שרעקלאַך, ווי אַלע ווילדע. ער דינט צוזאַמען מיט אונזערע פריינט, מיט די מאגאאוקן. צו אונז איז ער געקומען אויף אַן אומפאַרשטענדלאַכן אופן

און אין דער גאַנצער געשיכטע איז פאַרמישט אייער פאָטער, וואָס איז זיך זייער שטריינג באַגאַנגען מיט דעם אָרעמען אינ־דיאַנער.

—אָבער דאָס געפעלט מיר טאַקי נישט,—האָט זיך אָנגערופן דאָס יונגע מיידל, וועלכע האָט זיך שטאַרק דערשראָקן.—אויב ער איז פיינטלאַך געשטימט געגן אונזער פאָטער, איז טאַקי שלעכט. מען זאָגט, אַז די אינדיאַנער זיינען זייער פאַרביסן. רעדט מיט אים אייניקע ווערטער, גייאורד! איך וויל הערן זיין שטימע. פון אַ שטימע דערקענט מען אַמאָל אַ כאַראַקטער...

—איך קאָן עס אָבער נישט, טייערע אַליסע, אַלע אינדיאַנער זיינען נישט קיין ריידעוודיקע, און אָט דער געהערט צו די אַממערסטן שווייגנדיקע. ממש אַ שטומער מענטש. ער וועט מיר נישט ענטפערן. ער וועט זיך מאַכן נישט פאַרשטיין, וואָס איך רייד צו אים. און איצט וועט ער אודאי נישט ריידן, ווייל ער איז פאַרנומען, און ווען אַ אינדיאַנער איז פאַרנומען, האַלט ער, אַז יעדעס וואָרט, וואָס פאַלט-אַראָפּ פון דער צונג, איז ממש אַ פאַרשווערונג קעגן דער אייגענער ווירדע. איר זעט, איצט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. מסתמא איז ער צוגעקומען צו יענעם אָרט, וואו מיר דאַרפן זיך פאַרנעמען אין וואַלד אַריין, צו פאַרקירצן דעם וועג.

און ווירקלאַך, בשעת אַלע האָבן זיך דערנענטערט, האָט זיי דער אינדיאַנער אָנגעוויזן אויף אַ שמאָל שטעגעלע, וואָס האָט זיך קוים געשליינגלט צווישן די געדיכטעביימער. מער ווי איין פערד וואָלט נישט געקענט גיין איבער דעמדאָזיקן שטעגעלע.

—אָט אויף דעם שמאָלן שטעגעלע דאַרפן מיר פאָרן,—האָט גע־זאָגט דער אָפיציר.—אונזער סוויטע וועט פאָרן מיטן געוויינלאַכן וועג, דאָ וועלן זייערע פערד נישט אַדורכגיין. ווייזט אָבער נישט אַרויס, אַז איר האָט ווייניק צוטרוי צום פיו׳ע. איך וועל אים היטן, און באַלד ווי איך וועל נאָר באַמערקן עפּיס פאַרדעכטיקס, וועל איך אים אַריינזעצן אַ קויל אין רוקן.

—קאָרע, אפשר וועלן מיר פאָרן צוזאַמען מיט אַלעמען? האָט אַליסע נישט זיכער אַ פרעג געטאָן איר שוועסטער.

—ניין! — האָט זיך שנעל אָנגערופן גייאורד, — דאָס קאָן זיין גע-פערלאַכער, ווייל מיר קאָנען אַריינפאַלן אין די הענט פון מאנקאלמס אַרמיי, אויב ער איז שוין צוגעגאַנגען ביז צו דער אָזיערע.

— פאַרוואָס אָבער זאָלן מיר נישט גלויבן אונזער פירער? צי נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט אַן אַנדערע באַנעמונג און אַ טונ-קעלערע הויט? — האָט קאָרע שאַרף באַמערקט.

אליסע האָט שוין מער גאָרנישט געזאָגט און איז שנעל געפאָרן די ערשטע נאָכן פירער. אַזוי ווי דער וועג איז געווען זייער שמאָל, האָט איינער געמוזט פאָרן הינטערן צווייטן און, ווילנדיק-נישט-ווילנדיק, איז דאָס געשפרעך איבערגעריסן געוואָרן. אינגיכן אָבער זיינען זיי אַרויסגעפאָרן אין אַ געדיכטערן אָרט, דער וועג איז ברייטער געוואָרן און די וועגלייט האָבן שוין געקענט פאָרן צו צוויי אין אַ שורה. דער פירער האָט אויסגענוצט דעם באַ-קוועמען וועג און איז געגאַנגען אַזוי שנעל, אַז די פערד האָבן אים קוים געקענט דעריאָגן. פלוצלונג האָבן די וועגלייט דערהערט הינטער זיך אַ שווער טופן פון אַ לויפנדיקן פערד און אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט: מען האָט געוואָלט זען, ווער עס פאָרט זיי נאָך.

אויף אַ קליינעם מאָגערן פערד האָט זיך באַוויזן דער אומגעלומ-פערטער אומבאַקאַנטער מאַן, וועלכן מיר האָבן שוין באַשריבן אינם פאָריקן קאַפּיטל. ער האָט אויסגעזען אַזוי לעכערלאַך אויפן פערד, זיינע לאַנגע פיס האָבן אַזוי קאָמיש זיך געשלעפּט כמעט איבער דער ערד, אַז גייאורד און אפילו די ערנסטע קאָרע האָבן אַ שמייכל געטאָן. אויך אליסע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָט אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער.

באַלד ווי דער אומבאַקאַנטער איז צוגעפאָרן נענטער, האָט אים גייאורד אַ פרעג געטאָן:

— ווער זענט איר? וואָס קאָנט איר אונז זאָגן?

מיט גרויס מי האָט דער אומבאַקאַנטער אָפּגעשטעלט זיין פערד און זיך אָנגערופן:

— מיין וועג גייט קיין פאָרט „וויליאַם-הענרי“. כ'האָב געהערט,

אַז איר פֿאָרט אויך אַהין, ווײַל איך פֿאָרן אין אײַער אָנגענעמער געזעלשאַפֿט.

די וועגלייט האָבן פֿאַרוואונדערט אָנגעקוקט דעמדאָזיקן אויסטער־לישן פֿאַרשוין. אַליסע האָט שיער נישט געפּלאַצט פֿאַר געלעכ־טער. נאָר דער אינדיאַנער איז פֿאַרבליבן גלײַכגילטיק און קאַלט.

—מײַן באַרוף דערלויבט מיר נישט, כ׳זאָל פֿאָרן צוזאַמען מיט פּשוטע זעלנער און נידעריקע באַאַמטע, דעריבער בין איך גע־פֿאָרן נאָך אײַך,—האָט ווײַטער דערציילט דער אומבאַקאַנטער.

—וואָס פֿאַר אַ באַרוף האָט איר דען? האָט אים גייאורד גע־פֿרעגט.

—כ׳בין אַ גייסטלאַכער זינגער, און גאָרנישט קיין שלעכטער...

—זייער גוט,—האָט אויסגערופֿן אַליסע,—איר וועט פֿאָרן מיט אונדז און וועט מיר זיסער מאַכן דעם וועג מיט אײַערע לידער.

—גייאורד, לאָזט אים פֿאָרן מיט אונדז,—האָט זי געבעטן דעם מאַ־יאָר,—ער וועט מיך ווײַלן און, אויסערדעם, וועט ער אויך קע־נען העלפֿן, אויב דער אינדיאַנער וועט אונדז פֿאַרראַטן. פֿאָרט איר מיט קאָרען און מיך לאָזט מיט אים.

גייאורד האָט אַ דריק געטאָן מיט די אַקסלען און האָט דערפֿילט איר וואונש. אַלע זײַנען געפֿאָרן ווײַטער.

—כ׳בין זייער צופֿרידן, וואָס איך האָב אײַך געטראָפֿן,—האָט אַליסע געזאָגט,—איר זײַט דאָך מסתּמא אַ מבֿין, וועט איר מיר זאָגן, וואָס פֿאַר אַ שטימע איך האָב.

דער זינגער האָט פֿאָרגעלייגט, מען זאָל עפּיס זינגען צוזאַמען. באַלד האָט ער אַרויסגענומען אַ דיק בוך פֿון דער קעשענע, פֿון דער צווייטער האָט ער אַרויסגעצויגן אַ קאַמערטאָן, אַ קלאַפּ גע־טאָן אים און גענומען זינגען. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינ־לאַך אָנגענעמע זאַנפֿטע שטימע, און די מעלאָדיע האָט אויך זייער זיס געווירקט אויפֿן געמיט. אַליסע איז פּשוט פֿאַרכּשופֿט געוואָרן. אויך גייאורד און קאָרע האָבן זיך אויפֿמערקזאַם צוגע־

הערט צו דעם כֿאָר. גייאורד האָט זיך אָבער שפּעטער אָנגערופֿן:

—כאָטש ס'איז נישטאָ קיין דירעקטע געפֿאַר, דאָך איז בעסער צו פֿאָרן רוהיק און אומבאַמערקט. דעריבער אַנטשולדיקט מיר, אליסע, וואָס איך מוז שטערן אייער פֿאַרגעניגן.

אליסע האָט ווירקלאַך געהאַט עגמת־נפש, וואָס מען מוז איבערייסן דאָס האַרציקע ליד. איצט זיינען אַלע געפֿאָרן רוהיק און שטיל.

פּלוצלונג האָט גייאורד דערהערט אַ שאָרך צווישן די ביימער און האָט געוואָרפֿן אַ פֿאַרדעכֿטיקן בליק צום פירער. יענער איז אָבער געגאַנגען רוהיק און גלייכֿגילטיק זיין וועג, האָט זיך דער אָפיציר אויך באַרוהיקט. וואָלט ער אָבער נישט געגלויבט אַזוי בלינד דעם פירער און וואָלט גענויער באַטראַכט און אַרומגעזען די געגנט, וואָלט ער באַמערקט, ווי נישט ווייט האָט זיך פֿון הינטער אַ בוים אַרויסגערוקט אַ טיפּישער, בייזער אינדיאַנער־קאָפּ. מיט אַ בייזן, בלוטדורשטיקן שמייכל האָט ער באַגלייט די רוהיקע וועגלייט, וואָס זיינען זיך ווייטער געפֿאָרן איינער הינטערן צווייטן, געמיטלאַך און צופֿרידן.

קאַפּיטל דריי.

אויפן ברעג פון אַ קליינעם, שנעל לויפנדיקן טייכל, נישט ווייט פונם פאָרט „עדוואַרד“ זיינען דעם טאָג געשטאַנען צוויי מאַן. מען האָט געקענט מיינען, אַז זיי וואַרטן אויף עמיצן. אויף ביידע ברעגעס פונם טייכל איז געשטאַנען אַזאַ געדיכטער וואַלד, אַז דאָס וואַסער האָט אויסגעזען שוואַרץ ווי פעך. די זון האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין. נאָכן הייסן טאָג איז געקומען אַ ליבער, מילדער, קילער אָוונט. עס איז געווען שטיל, און אין דער שטילקייט האָבן דייטלאַך געקלונגען די שטימען פון די צוויי מענער און די שאַרפע קולות פון פאַרשידענע חיות. פון דערווייטן האָט מען געהערט דאָס רוישן פון אַ וואַסערפאַל.

איינער פון דידאָזיקע פאַרשוינען האָט, לויט זיין רויטער הויט, קליידונג און געווער, געהערט צו איינעם פון די צאָלרייכע צפון-אַמעריקאַנישע אינדיאַנער-שבטים; דער צווייטער האָט געהערט צו די ווייסע, כאָטש ער האָט געטראָגן דעמזעלבן איינפאַכן קאָסטיום. זיין הויט איז געווען שטאַרק אָפגעברענט. דער ערשטער איז געזעסן אויף אַ קלאָץ, באַוואָקסן מיט מאָך; זיינע ווערטער האָט ער באַגלייט מיט רוהיקע אויסדריקלאַכע באַוועגונגען, ווי עס ריידן דאָס רוב אַלע אינדיאַנער. זיין קאָפ איז געווען געגאָלט ביז צו דער הויט, און נאָר ביים סאַמע שפיץ האָט ער געהאַט אַ לאַנג פלעכטל האָר, אין וועלכע ס'האָט געשטעקט אַן אָדלערפעדער, וואָס איז אַראָפגעהאָנגען ביז צום לינקן אַקסל. הינטערן גאַרטל האָט ער געהאַט אַ טאמאהאווק און אַ סקאלפיר-

מעסער. אויף זיינע קני איז געלעגן אַ קורצער ביקס, איינער פון יענע ביקסן, וואָס די אינדיאַנער פלעגן באַקומען פון זייערע חברים אייראָפּייער. ער איז שוין נישט געווען יונג, אָבער ער האָט נאָך נישט געוואוסט פון אַלטקייט און שוואַכקייט, וואָס מען האָט לייכט געקענט באַמערקן פון זיין ברייטער ברוסט, פון זיינע גוט אַנטוויקלטע מוסקולן און פונם שטריינגן געזיכט.

אויפן צווייטן מאַן האָט מען לייכט געקענט באַמערקן, אַז פון קינדוזייט אָן האָט ער זיך גוט אויסגעלערנט אַריבערצוטראָגן אַלע שוועריקייטן פונם יעגערלעבן. מער מאָגער, ווי דיק, איז ער געווען אומגעהויער שטאַרק, וואָס מען האָט געקענט באַמערקן פון זיין יעדן מוסקול און נערוו. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַן איינפאַכן גרויען קאַפּטן מיט העלגעלע פרענז, ווי עס פלעגן זיך געוויינלאַך אָנטאָן די יעגערס אָדער די אַזויגערופענע קוואַקערן; אויפן קאָפּ איז אים געלעגן אַ לעדערנער, זומערדיקער היטל. הינטערן גאַרטל האָט ער געהאַט אַ מעסער, אָבער אָן אַ טאמאהאווק, אויף די פיס האָט ער געהאַט מאקאסינען, באַפּוצט מיט פאַרשידענע בונטע שטיקלאַך שטאָף, און קורצע הויזן, גע-מאַכט פון הירש-לעדער, געשנורעוועט ביי די זייטן און איבער די קני איבערגעבונדן מיט אויסגעטריקנטע הירשאָדערן. דערצו האָט ער געטראָגן אַ לעדערנע טאַש מיט קוילן און אַ האָרן מיט פּולווער. נעבן אים, אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים, איז געשטאַנען אַ לאַנגער ביקס. זיינע קליינע שאַרפע אויגן זיינען אָן אויפהער געפלויגן אין אַלע זייטן, ווי ביי אַלע וואַלדאיינוואוינער. דאָס פּנים האָט אויסגעדריקט שאַרפזין און ערלאַכקייט.

—דערצייל מיר, צינגאַרגוק,—האָט זיך דער יעגער געווענדט צום אינדיאַנער,—וויאַזוי האָבן זיך די ווייסע צום ערשטן מאָל באַ-געגנט מיט די רויטהויטיקע.

דער אינדיאַנער האָט געשוויגן, אָבער לויט זיין אויסזען האָט מען געזען, אַז זיין געדאַנק אַרבעט אָנגעשטריינגט. צולעצט, האָט ער אָנגעהויבן צו ריידן מיט אַ פייערלאַכן טאָן, ווי עס ריידן שטענ-דיק די אינדיאַנער, ווען זיי ווילן זיין ערנסט און ווילן איבער-צייגן זייערע צוהערער:

—עפּן דײַנע אויערן, דו אדלעראויג: זיי ווען ניט דער־הערן קיין שום פֿאַלש וואָרט פֿונעם מויל פֿון אַ מאָהיקאַנער. מיר זיינען אַרויס פֿון יענע לענדער, וואוהין די זון גייט אַוועק ביי־נאַכט אויף איר אָפּרו. מיר זיינען דורכגעגאַנגען דורך גרויסע פֿעלדער, ביז מיר זיינען סוף־כּל־סוף דערגאַנגען צו אַ גרויסן טייך. דאָרט האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט די אליגעאוען און מיר האָבן זיך מיט זיי אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז די גאַנצע ערד איז רויט געוואָרן פֿון זייער בלוט. דעמאָלט זיינען מיר דערגאַנגען ביז צו דער זאַלציקער אָזיערע און אויף אונזער וועג האָבן מיר שוין קיינעם נישט געטראָפֿן און מיט קיינעם נישט געפֿירט קיין מלחמה.

און ער האָט ווייטער געזאָגט:

—מיר האָבן זיך באַזעצט אינם לאַנד, וואָס מיר האָבן באַקומען דורך אונזער בלוט און האָבן אָנגעהויבן צו פֿירן אַ רוהיק, ער־לאַך לעבן. די ערשטע ווייסע, וועלכע זיינען צו אונז געקומען, זיינען נישט געווען קיין איינגלענדער. זיי האָבן נישט גערעדט אויף איינגליש און זייער הויט איז געווען שוואַרצער. זיי זיינען געקומען אויף גרויסע שיפֿן מיט זעגלען. דעמאָלט, אָדלעראויג, אָ, דעמאָלט, זיינען מיר געווען אַ מעכטיק פֿאָלק און געלעבט פֿריידלאַך.—ביי דידאָזיקע ווערטער האָט דעם מאָהיקאַנערס שטימע עטוואָס אַ ציטער געטאָן.—אונזערע טאמאהאווקעס זיינען געווען באַ־גראָבן אין דער ערד. די געזאַלצענע אָזיערע האָט אונז צוגע־שטעלט פֿיש, די וועלדער—הירשן, די לופֿט—פֿויגלאַך. מיר האָבן געלעבט גליקלאַך און געבוקט זיך פֿאַרן גרויסן גייסט. מיר זיי־נען געווען אַזוי שטאַרק, אַז די פֿיינט האָבן מורא געהאַט פֿאַר אונז. מיינע אורעלטערן רעכענען זיך פֿאַר די עלטסטע פֿון אַלע פֿעלקער און אין מיינע אָדערן פֿליסט נישט קיין געמישט בלוט, נאָר ריין איידל בלוט פֿון די הערשער. דעמאָלט זיינען געקומען צו אונז די האָלענדער און האָבן אונז געגעבן דאָס ברענענדיקע וואַסער. מיין פֿאָלק האָט געטרונקען דאָס וואַסער, געטרונקען אַזוי לאַנג, ביז די ערד און דער הימל האָבן זיך צוזאַמענגע־גאָסן אין זיינע אויגן, און ער האָט געמיינט, אַז ער זעט פֿאַר

איך דעם גרויסן גייסט. און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אונ-
זער אומגליק. מיין פאָלק האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס אייגן לאַנד.
אַלץ ווייטער און ווייטער האָט מען אונז פאַרשטויסן און פאַר-
שטופּט און ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז איך, דער פירער פון
אַלע אינדיאַנער, באַדאַרף זיך איצט אויסבאַהאַלטן אין די וועל-
דער און איך זע די זון נאָר דורך די בלעטער פון די ביימער.
אַפילו די קברים פון מיינע אבות קאָן איך נישט באַזוכן.
ביידע האָבן מורא-שחורהדיק געשוויגן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט
דער אַלטער ווייטער געזאָגט:
—אַזוי ווי בלומען און טראָפּנס טוי זיינען פאַרשוואונדן די בעס-
טע מענטשן פון מיין שבט און זייערע נשמות זיינען אַוועק אינם
לאַנד פון די גייסטער. איך שטיי נאָך אַפילו אויפן שפּיץ פונם
באַרג, אָבער אינגיכן וועל איך אַראָפּגיין פונם באַרג און וועל
אַוועקגיין אינם טאָל פון טויט. נאָך מיר וועט אַוועקגיין אונקאַס,
מיין זון, דער לעצטער צווייג פון מיין העלדישן שבט, דער
לעצטער מאָהיקאַנער.
—אונקאַס איז דאָ!—האָט זיך דערהערט הינטער זיי אַ יונגע שטי-
מע, וואָס האָט פאַרמאָגט דיזעלבע האַלז-טענער, ווי אַלע אינ-
דיאַנער.—האָסטו מיך גערופן, פאָטער?
באַלד איז אַרויסגעגאַנגען פון הינטער די ביימער אַ יונגער שלאַנ-
קער אינדיאַנער, מיט אַן אויסערגעוויינלאַך צאַרטן געזיכט, זייער
ענלאַך צום אַלטן מאָהיקאַנער. שלאַנק איז ער אַדורכגעגאַנגען
פאַרביי די צוויי מענטשן און איז געבליבן שטיין אויפן ברעג
פונם שטראָם. דער אינדיאַנער האָט מיט קיין איין באַוועגונג
נישט אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט באַמערקט זיין זון. ביידע האָבן
געשוויגן. דער זון האָט געוואַרט, דער טאַטע זאָל אים עפּיס
פרעגן. דער טאַטע האָט אָבער נישט געוואָלט אָנהויבן אַזוי שנעל
צו ריידן, האַלטנדיק מסתמא, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַן ערנסטן
מענטשן, צו זיין נייגיריק, ווי אַ ווייבל. צולעצט, האָט דער אינ-
דיאַנער אַ קוק געטאָן אויפן זון און געפרעגט:
—האָבן די מאַקוואַסן באמת איבערגעקאָזן זייערע שפּורן אין וואַלד?

—יאָ, פּאָטער, איך בין די גאַנצע צייט געגאַנגען נאָך זייערע שפּורן,—האָט מיט אַכטונג געענטפערט דער זון.—זיי זיינען בערך אַזויפיל, וויפיל פינגער מיר האָבן אויף ביידע הענט. נאָר זיי זיינען פּחדנים און באַהאַלטן זיך אויס.

—נו, מיר וועלן זיי צוטרייבן, ווי מען צוטרייבט הירשן,—האָט דער אַלטער אינדיאַנער באַמערקט.—שוין צייט צו עסן וויעטשערע, ווייל מיין ברודער, אָדלעראָויג, איז שוין געוויס הונגעריק. מאָרגן וועלן מיר ווייזן די מאַקואַסן, וואָס מיר קענען.

דער יעגער האָט באַמערקט צווישן דיביימער אַ הירש. האָט דער פּאָטער געהייסן אונקאַסן, ער זאָל אים טויטן מיטן פייל. אונקאַס האָט אויף אַלע פיר פּאַוואָליע זיך דערנענטערט צום הירש. עטלאַכע טריט פאַרן בוים, הינטער וועלכן ס'איז געשטאַנען דער הירש, איז דער יונגער אינדיאַנער מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען און אָנגעצויגן זיין בויגן. דער הירש האָט געוויס עפּיס דערשפּירט און זיך באַוועגט. אין דעמזעלבן אויגנבליק אָבער האָט אַ פייל דורכגעשניטן די לופט, פון צווישן די בוימער איז אַרויסגעשפּרונגען אַ פאַרוואונדעטער הירש; אונקאַס איז צוגעלאָפן צו אים און מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט אַריינגעשטאָכן אים אין האַלז זיין מעסער. דער הירש האָט אויפגעציטערט און איז אַוועקגעפאַלן. די וואַנדערער האָבן זיך געוואָלט נעמען צום הירש, פּלוצלונג אָבער האָבן זיי דערהערט אַ פאַרדעכטיקן שאָרך. טשינגאַטשגוק האָט צוגעלייגט דעם אויער צו דער ערד און זיך צוגעהערט.

—דאָס פאָרן דיינע ווייסע ברידער, אָדלעראָויג,—האָט ער געזאָגט,—גיי צו זיי און פרעג זיי, וואָס זיי ווילן.

קאַפּיטל פיר.

באַלד האָבן זיך באַוויזן פון דערווייטן פיר רייטער. פאָרויס איז געפאָרן אַ לאַנגער רייטער אויף אַ קליינעם פערד, נאָך אים צוויי פרויען און אַ מאַן. ווי נאָר זיי זיינען צוגעקומען נענטער, האָט אָדלעראויג אַ פרעג געטאָן דעם פאָדערשטן רייטער:

—ווער זענט איר און וואָס ברויכט איר?

—קענט איר מיר אפשר זאָגן,—האָט יענער געפרעגט,—וואו געפינט זיך דער פאָרט „ווילי‍אַם - העני‍רי” און ווי ווייט איז נאָך צו אים?

—דער פאָרט „ווילי‍אַם-העני‍רי”? איר פאָרט דאָך גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. בעסער פאָרט שוין צום פאָרט „עדוואַרד”.

דערווייל איז גייאורד צוגעפאָרן צום יעגער.

—און ווי ווייט איז פונדאַנען ביזן פאָרט „עדוואַרד”?—האָט ער העפלאַך אַ פרעג געטאָן דעם יעגער.—מיר זיינען פון דאָרט אַרויסגעפאָרן היינט אינדערפרי און גערעכנט נאָך ביז זון-אונטערגאַנג צו דערגרייכן די אָזיערע פונם הייליקן געאָרג.

—אויף אַזאַ אופן,—האָט געענטפערט דער יעגער,—זענט איר שלעכט געפאָרן. אַהין קאָן מען פאָרן איבער אַ באַקוועמען, ברייטן וועג.

—כ׳קען יענעם וועג,—האָט גייאורד באַמערקט—מיר זיינען ספּעציעל געפאָרן דורכן וואַלד, ווייל אַן אינדיאַנער האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירן אונז מיט אַ קירצערן וועג. אָבער עס ווייזט אויס, אַז ער קען נישט גוט דעם וואַלד און האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט.

—אַ אינדיאַנער פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד!—האָט דער יעגער אויסגערופן.—דאָס איז אומעגלאַך, סער! קיין שום אינדיאַנער קען נישט פאַרבלאָנדזשען אין אַ וואַלד. אפשר איז ער אַ פרעמדער און קען בכלל נישט די געגנט?

—ער שטאַמט, שיינט מיר, פון די גוראַנען, אָבער לעצטנס געפינט ער זיך צווישן די מאַגאַאוקן.

ביים וואָרט „גוראַנען" זיינען ביידע אינדיאַנער אויפגעשפרונגען, ווי אַ שלאַנג וואָלט זיי אַ ביס געטאָן.

—אַהאַ, אַ גוראַן,—האָט באַמערקט דער יעגער—איצט פאַרשטיי איך שוין. די גוראַנען זיינען אַ געמיינער, פאַלשער, בלוטדורשטיקער שבט, פון זיי וואַקסן אַרויס סאַמע גזלנים און גנבים.

—זאָגט מיר בעסער, ווי ווייט איז פון דאַנען צו דעם פאָרט „עדוואַרד"? האָט אים גייאורד איבערגעשלאָגן מיט אומגעדולט.

—ווי זאָל איך אייך זאָגן? איר, אַ שטייגער, קאָנט אויף אייער פרעכטיקן פערד אָנקומען דאָרט אין אַ צוויי-דריי שעה אַרום.

—אפשר וועט איר אונז ווייזן דעם וועג? איך וועל אייך גוט באַלוינען...

—איך דאַרף נישט קיין באַלוינונג,—האָט דער יעגער שטאָלץ געענטפערט.—פונוואַנען וויים איך אָבער, צי איר זענט נישט אָמאָל אַ שפּיאָן?

—גאַנץ גערעכט. אויב איר דינט אין אונזער אַרמיי, קענט איר דאָך געוויס דעם זעכציקסטן פאָלק?

—דעם זעכציקסטן פאָלק? אַ שיינע פראַגע. איך קען דאָרט כמעט אַלעמען צוזאַמען מיטן עלטערן מאַיאָר עפינגעם. אויך איז דאָרט פאַראַן אַ יונגער מאַיאָר, אַ רייכער שאָטלענדער פון אַן אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע.

—אָט ער האָט איצט דעם פאַרגעניגן צו ריידן מיט אייך, און די צוויי פריילנס זיינען די טעכטער פונם פאָלקאָווניק מונראָ, דעם קאָמענדאַנט פונם פאָרט „וויליאַם-העענרי".

דער יעגער האָט אַראָפּגענומען זיין היטל און שוין פיל העפלאַ־כער אַ פרעג געטאָן:

—קענט איר מיר אפשר זאָגן, וואָס איז היינט פרי געשען אינם פּאָרט „עדוואַרד"?

—אָ, איר גלויבט מיר נאָך נישט?—האָט פריילאַך אויסגערופן דער אָפיציר—זייער שיין פון אייער זייט. היינט פרי איז פונם פּאָרט „עדוואַרד" אַרויס אַ מיליטעראָפּטיילונג און אַוועק צום פּאָרט „וויליאַם-הענרי". מיר האָבן געזאָלט פאָרן צוזאַמען מיט זיי, אָבער דער אינדיאַנער האָט זיך אָנגענומען אונז צו ווייזן אַ קירצערן וועג. און ער...

—האָט ער אייך אָפּגענאַרט, פאַרפירט און אַנטרונען געוואָרן?

—ניין, ער איז מיט אונז, אָט איז ער הינטער די ביימער.

—אָ, דאָס איז גוט. כ'וועל נאָר אַ קוק טאָן אויף אים, וועל איך באַלד דערקענען, צי ער איז אַ גוראָן, צי נישט.

דער יעגער איז אַריין צווישן די ביימער און אַ קוק געטאָן אויפן אינדיאַנער, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים. דער אינדיאַנער האָט מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיקייט אויסגעהאַלטן זיין בליק. ווען דער יעגער איז אַוועק, האָט אים יענער באַ־גלייט מיט אַזאַ שוואַרצן, בייזן בליק, אַז דער יעגער וואָלט זיך אויף געוויס אויפגעטרייסלט, ווען ער זאָל עס האָבן באַמערקט.

—עס איז שוין איינמאָל גוט!—האָט זיך דער יעגער אָנגערופן צו גייאורדן.—אייער פירער איז אַ גוראָן, אַזאַ איינער, וואָס קאָן אַפילו דעם אייגענעם טאַטן פאַרקויפן. איצט איז זיכער דער גאַנצער וואַלד אָנגעפּראָפּט מיט זיינע מאַגאַאוקן, וועלכע ער האָט געבראַכט אַהער. ער האָט אייך אומישנע פאַרפירט. ביי אַזאַ לאַגע וועל איך אייך פאַר קיין פאַל נישט קענען אָפּפירן צום פּאָרט „עדוואַרד", ווייל ער מיט זיין באַנדע וועט אונז שוין פאַרפאָלגן אויף יעדן שריט און טריט. מען מוז פון אים פּטור ווערן.

דער יעגער איז צוגעגאַנגען צו די אינדיאַנער און האָט זיי עפּיס געזאָגט אויפן לשון פון די דעלאַוואַרן.ביידע האָבן אָן ווערטער

אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אָוועקגעלייגט די ביקסן און אָנגע-
הויבן פון צוויי פאַרשידענע זייטן פאַמעלאַך זיך אונטערצוגנבע-
נען צו יענעם בוים, וואו דער אינדיאַנער איז געשטאַנען.
—סער,—האָט דער יעגער זיך אָנגערופן צום אָפיציר,—גייט, זייט
מוחל, צו אייער פירער און מאַכט אַ שמועס מיט אים. מיינע
פריינט וועלן דערווייל אים פּאַקן לייכטער, ווי אין אַן אַנדער
פאַל.
גייאורד האָט געפאָלגט מיט אַן אינערלאַכן עקל. ער איז נאָך
נישט געווען אינגאַנצן זיכער, צי זיין פירער האָט אים ווירקלאַך
פאַרראַטן און די גאַנצע מעשה האָט אים שטאַרק געקריינקט.
ער איז צוגעפאָרן צום פירער, וועלכער איז די גאַנצע צייט גע-
דולדיק געשטאַנען ביים בוים און זיך, קענטיק, גאָרנישט אינטע-
רעסירט דערמיט, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום אים.
—איר זעט, מאַגוּאַ, מיר האָבן דאָ געטראָפן אַ יעגער, וועלכער
קאָן דעם וואַלד אויסגעצייכנט. ער נעמט זיך אונטער צו ברייגגן
אונז אין אַזאַ אָרט, וואו מיר וועלן זיך קענען אויסרוען ביז
אינדערפרי, און מאָרגן וועט ער אונז אָפּפירן צום פאָרט. איך
און דער פאָלקאָווניק מונרא וועלן אייך גוט באַלוינען, ווען מיר
וועלן קומען אַהיים. דערווייל עסט עפּיס. מיר וועלן עפּיס נעמען
אין מויל אַריין און שפּעטער וועלן מיר אַלע צוזאַמען זיך גרייטן
אין וועג אַריין.
דער אינדיאַנער האָט זיך געזעצט אויף דער ערד, אַרויסגענומען
אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין טאָרבע און גענומען עסן,
וואַרפנדיק אַרום זיך פאַרדעכטיקע בליקן. פּלוצלונג האָט ער דער-
הערט אַ שטילן שאָרך נישט ווייט פון זיך. אין דער אייגענער
רגע האָט ער געלאָזט אַראָפּפאַלן די האַנט, וועלכע ער האָט שוין
געהאַט צוגעטראָגן צום מויל, צושפּרייט די נאָזלעכער, אָנגעשטעלט
די אויערן און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בראָנזענער סטאַטוע,
וואָס דאַרף פאָרשטעלן מיט זיך אָנגעשטריינקטע אויפמערקזאַמקייט.

גייאורד, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט-פאָר, האָט
געוואָלט אָפּציען דעם אינדיאַנערס אויפמערקזאַמקייט און האָט

ך אָנגערופן מיט זיין פריינטלאַכער רוהיקער שטימע.

—פאַרוואָס האָט שאַרפאויגיקער פוקס (אַזוי האָט געהייסן דער פירער) אויפגעהערט צו עסן? אויב עס איז אים ווייניק, וועל איך אים געבן פון מיינס...

גייאורד האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן, ווי דער אינדיאַנער איז אויפגעשפרונגען און בליץ-שנעל פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די ביימער. באַלד האָט זיך באַוויזן צינגאַנגוק, וועלכער איז אים נאָכגעלאָפן. אונקאַס האָט הויך אויסגעשריען און דער יעגער האָט אויסגעשאָסן אין גוראַן.

קאַפּיטל פינף.

גייאורד האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז זייער וויכטיק פאַר אַלעמען צו פּאַקן דעם פירער און האָט זיך אויך געלאָזט לויפן נאָך אים. באַלד אָבער האָט ער געטראָפן דעם יעגער און די צוויי מאָהיקאַנער, וועלכע זיינען צוריקגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און ער האָט געזען, אַז דאָס שפּיל איז פאַרלאָרן.

—ער איז פאַרביי געלאָפן פאַרביי מיר,—האָט מיט פאַרדרוס זיך אָנגערופן דער יעגער.—איך האָב אים נאָכגעשאָסן, אָבער ער איז ווייטער געפלויגן. אָט האָט איר בלוט אויף די בלעטער. ער איז פאַרוואונדעט, אָבער דאָס וועט גאָרנישט העלפן. ער וועט לויפן ווייטער נאָך שנעלער. נאָכלויפן נאָך אים לוינט נישט, וויל באַלד וועלן אונז אַרומרינגלען צענדליקער חברים זיינע. מוזן מיר, אַלזאָ, אַוועקגיין פונדאַנען וואָס שנעלער. ווען נישט וועלן מאָרגן אונזערע האָר זיך וואַרימען אין די געצעלטן פון מאַנקאַלמס מיליטער.

אַ שוידער האָט דורכגענומען גייאורדן.

—וואָס זאָלן מיר טאָן? האָט ער פאַרצווייפלט אַ פרעג געטאָן ביים יעגער.

דער לעצטער האָט זיך באַראַטן מיט זיינע אינדיאַנערפריינט. זיי האָבן גערעדט אויף דעלאַווארייש. העכער פון אַלעמענס קולות האָט געקלונגען די שטים פונם יונגן אינדיאַנער, וועלכער האָט, קענטיק, געוואָלט איבערצייגן זיין פאָטער און דעם יעגער.

„אונקאַס האָט רעכט"—האָט דער אַלטער אַ טראַכט געטאָן—מען מוז ראַטעווען די אומגליקלאַכֿע רייזנדער.

באַלד זיינען אַלע דריי צוגעגאַנגען צו גייאורדן און אים געזאָגט, אַז זיי וועלן אים מיט זיינע לייט ברייגען אין אַ זיכֿערן אָרט. דערנאָך זיינען אַלע פיר אַוועק צו די פריילנס מיטן זינגער און זיי קורץ דערציילט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אַלע זיינען אַראָפּ פון די פערד און אַוועק צום ברעג פונם שטראָם.

—וואָס זאָלן מיר אָבער טאָן מיט די פערד?—האָט אָדלעראויג געפרעגט.—שעכטן זיי און אַריינוואַרפן אין טייך, וועט צו לאַנג דויערן, און אויב מיר וועלן זיי דאָ לאָזן, וועלן זיי דינען אונזערע פיינט פאַר אַ צייכן, וואו מיר געפינען זיך. אָ, איך ווייס שוין וואָס צו טאָן.

ער האָט צוגערופן די אינדיאַנער און האָט זיי עפּיס געזאָגט אויף דעלאַווארייש. זיי האָבן באַלד פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל, געכֿאַפּט די דערשראָקענע פערד ביי די צוימען און זיי אַוועקגעפירט צום טייך. אַריין מיט די פערד אין וואַסער, זיינען זיי אַוועקגעשוואומען מיט זיי געגן שטראָם. דערווייל האָט אָדלעראויג אַרויסגעשלעפּט אַ באַהאַלטן שיפל און געהייסן די מיידלאַך זיך אַריינזעצן דערין. די מיידלאַך האָבן אַזוי געטאָן.

דאַן האָט דער יעגער אונטערגעהאַלטן דאָס שיפל פון איין זייט, גייאורד פון דער צווייטער און דער זינגער האָט עס געזאָלט שטופּן פון הינטן. אַזוי־אַרום האָבן זיי געפירט דאָס שיפל מיט די מיידלאַך געגן שטראָם. דער טייך איז אין דעם אָרט נישט געווען איבעריק טיף און זיי האָבן געקענט גאַנץ לייכֿט פירן דאָס שיפל אַרויף וואַסער. ענדלאַך, זיינען זיי צוגעקומען צו אַן אָרט אויפן טייך, וואו עס איז געלעגן אַ שטילער ערד־שטח, פאַרבאָרגן צווישן הויכֿע בערג און פעלזן, וואָס איז נאָר געווען אָפּן פון דער זייט פונם טייך. דאָרט האָבן די מאָהיקאַנער איבערגעלאָזט די פערד און זיך פאַריייניקט מיט אונזערע וועגלייט. איצט האָט דאָס שיפל געדאַרפט אַדורכמאַכֿן אַ וואַסערפאַל. גייאורד און דער זינגער האָבן זיך אַנידערגעזעצט אינם פאָדערשטן טייל

פונם שיפל, די מיידלאַך אינמיטן, דער יעגער פון הינטן. דער יעגער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט אַ שטעקן אָן אַ פעלז און אַזוי אַרום אַראָפּגעשטופּט דאָס שיפל אויפן סאַמע מיטן פונם שטראָם. עטלאַכע מינוט האָט געדויערט דער פאַרביסענער קאַמף צווישן שטאַרקן שטראָם און דער מענטשלאַכער געניטקייט. צולעצט אָבער האָט געזיגט דער מענטש. ווען אַלע פּאַסאַזשירן האָבן פאַרמאַכט די אויגן וואַרטנדיק אויפן טויט, איז דאָס שיפל בשלום אַדורכ־געגאַנגען דעם געפערלאַכן אָרט.

—נו, איצט זיינען מיר איבערגעקומען די סכנה—האָט דער יע־גער געזאָגט—גייט אַרויס אויפן פעלזיקן ברעג און איך וועל פאָרן נאָך מיינע רויטהויטיקע פריינט, און פאַר איינוועגס וועל איך שוין מיטנעמען דעם דערהרגעטן הירש אויך.

די וועגלייט זיינען אַרויס אויפן ברעג און דער יעגער איז אַוועק מיטן שיפל צוריק. אין עטלאַכע מינוט אַרום האָט ער זיך ווי־דעראַמאָל באַוויזן אויף זיין שיפל. אין שיפל זיינען געזעסן זיי־נע פריינט און אויפן דעק איז געלעגן דער טויטער הירש.

—נו, איצט האָבן מיר אַ פעסטונג, אַ גאַרניזאָן און פּראָוויאַנט !— האָט פריילאַך אויסגערופן דער יעגער.—מיר האָבן שוין נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר מאנקאַלמען און זיינע אירא־קעזן. אַזוי הייסן ביי מיר אַלע אינדיאַנער, וועלכע זיינען בלומרשט טריי דעם איינגלישן קעניג, אָבער אין דערווירק־לאַכקייט דינען זיי צוויי געטער. אַ שאָד, וואָס דער גענעראַל אועב ווענדט זיך נישט צו די דעלאַווארן. זיי וואָלטן געקאָנט זיין דרייסטע, ערלאַכע און איבערגעגעבענע פריינט! איך קען זיי שוין צוואַנציק יאָר און איך וועל יעדן אָנרופן ליגנער, ווער ס'וועט נאָר זיך דערוועגן צו זאָגן, אַז זיי זיינען נישט ערלאַך אָדער פחדנים. איר האָט זיי פאַרטריבן פונם ים־ברעג און איצט גלויבט איר אַלע נאַרישקייטן, וועלכע ווערן פאַרשפּרייט וועגן דידאָזיקע ערלאַכע לייט דורך אייערע אייגענע שונאים, כדי אייער געוויסן זאָל אייך לאָזן רוהיק שלאָפן! אָט די צוויי פריינט מיי־נע, וועלכע האָבן אייך נאָר־וואָס פאַרהאָלפן אין אייער נויט, קענען דינען אַלסביישפּיל פון יענעם שבט. דאָס זיינען ערלאַ־

כּע, דרייסטע און גרויסמוטיקע אינדיאַנער, די לעצטע צווייגן פונם גרויסן און באַרימטן דור פון די מאָהיקאַנער!
גייאורד, וואָס האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף צו דעמדאָזיקן לויב-געזאַנג, האָט געפרעגט:
—און קיין גוראַנען האָט איר נישט באַמערקט אין דער געגנט?

—שיינט מיר, אַז זיי זיינען דאָ נישטאָ. אויף זיכער קען מען קיינמאָל נישט וויסן. די אינדיאַנער פילט מען פריער, און ערשט שפּעטער זעט מען זיי. ביז איצט האָט זיי מיין אויג נישט געזען און מיין אויער נישט געהערט. אָבער דאָך קאָנען מיר נישט זיין פולשטענדיק רוהיק. איך וועל אייך זאָגן: פאַר-בייפאָרנדיק האָב איך באַמערקט, אַז די פערד זיינען שטאַרק אויפגערעגט. זיי האָבן געציטערט, פונקט ווי זיי וואָלטן שפּירן וועלף. און אויב די אינדיאַנער וועלן זען, אַז וועלף דרייען זיך באמת דאָ אַרום, וועלן זיי פאַרשטיין, אַז נישט ווייט געפינט זיך אודאי רויב. זיי וועלן דערשפּירן, אַז דאָסמאָל דינען אַלס רויב אונזערע פערד. געפונען די פערד, וועלן זיי זיך לאָזן נאָך אונז. און זיי קענען אונז געפינען, און דעמאָלט איז נישט אַזוי גוט... איר פאַרשטייט?
—טאַקי אַ מיאוסע מעשה!—האָט דער אָפיציר דערשלאָגן באַ-מערקט.—וואָס וועלן מיר טאָן?
—קודם וועל איך צוגרייטן וועטשערע, קודם מוזן מיר אָפּעסן, און נאָכדעם וועלן מיר אַ קלער טאָן,—האָט געענטפערט דער יעגער.
מיט די ווערטער האָט ער זיך צוזאַמען מיט די צוויי אינדיאַנער גענומען צום הירש. באַלד האָבן זיי אים צושניטן אויף שטיקער, די ביינער אַריינגעוואָרפן אין טייך און דאָס פלייש מיטן פעל האָבן זיי אַוועקגעטראָגן אין איינער פון די היילן, וואָס האָט זיך דערביי געפונען אינם פעלז.
גייאורד און זיינע פריינדינס זיינען געבליבן אַליין.

קאַפּיטל זעקס.

די וועגלייט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַאומרוהיקן, וואָס זייערע באַשיצער זוימען זיך צו-לאַנג. כאָטש דער יעגער האָט זיי ביז איצט אַרויסגעוויזן אַזויפיל טריישאַפט, דאָך האָט געקענט אַרויסרופן אַ געוויסן חשד זיין פשוטע באַנעמונג, זיין שאַרפער טאָן, זיין פריינטשאַפט מיט די שווייגנדיקע אינדיאַנער און זיינע שמועסן מיט זיי אויף דעם אומבאַקאַנטן דעלאַווארישן לשון.

סוף-כל־סוף האָט זיך פון דער הייל דערהערט אונקאַסעס שטים. ער האָט גערופן די וועגלייט. איינער נאָכן צווייטן זיינען אַריין אין אַ שמאָלן פעלזנשפּאַלט, וואָס ווייטער זיי זיינען געגאַנגען, אַלץ ליכטיקער איז געוואָרן, ביז זיי זיינען אַריין אין אַ טיפער שמאָלער הייל. אין איין ווינקל איז געזעסן אָדלעראויג מיט אַ ברענענדיקער קין אין דער האַנט. אין אַ צווייטן ווינקל האָט העל געפלאַקערט אַ פייער, אויף וועלכן ס'האָבן זיך געבראָטן שטיקער פלייש.

דאָס פייער איז געפאַלן גלייך אויפן ענערגישן אָפּגעברענטן גע-זיכט פונם יעגער און אויף זיינע אויסטערלישע מלבושים, און דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ פאַנטאַסטיש אויסזען. אונקאַס האָט זיך געשטעלט אָן אַ זייט, נישט ווייט פונם פלאַם, אַזוי, אַז זיין גאַנצע געשטאַלט איז אויך געווען באַלויכטן דורכן פייער. מיט גרויס התפעלות האָבן די וועגלייט באַטראַכט די שלאַנקע און בויגזאַמע פיגור פונם מאָהיקאַנער. אַלע זיינע באַוועגונגען און

די פּאָזע, ווי אַזוי ער איז געשטאַנען, האָבן אויסגעדריקט אַ סך רייץ און גראַציע.

ער האָט געטראָגן אַ גרין יעגערהעמד מיט פרענז, ווי די אינדיאַנער טראָגן. דער נאַקעטער קאָפּ, די שוואַרצע פייערדיקע אויגן, דער הויכער שטערן, די רוהיקע, שטריינגע, איידעלע געזיכטסשטריכן, דעם פּראָפּאָרציאָנעלער בוי פונם קערפּער—דאָס אַלץ איז געווען וואונדערלאַך שיין און גראַציעז. גייאורד האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שיינעם יונגלינג, און די פריילנס האָבן זיך פשוט אַנטציקט מיט דערדאָזיקער לעבעדיקער סטאַטוע, וואָס איז געווען ווי באַשאַפן דורך אַ געניאַלסטן קינסטלער מיטן אָנטייל פון רוח־הקודש. זיי האָבן בולט געפילט, אַז אַזאַ מענטש וועט אין קיין פאַל נישט איינשטימען אויף אַ נידעריקע טאַט, כאָטש ער איז נישט געלערנט און קאָן נישט גערעכנט ווערן פאַר אַ קולטורעלן מאַן.

—כ'וואָלט גאַנץ רוהיק געשלאָפן, ווען איך זאָל וויסן, אַז דערדאָזיקער יונגערמאַן באַוואַכט מיך,—האָט אליסע שטיל געזאָגט צו גייאורדן.—אַזאַ מענטש, ווי ער, וואָלט דאַכט זיך קיינמאָל נישט געקענט באַגיין יענע שרעקלאַכע רציחות, פון וועלכע מען דערציילט זיך אָן וועגן די אינדיאַנער.

—יאָ, אליסע,—האָט דונקאן געענטפערט—דערדאָזיקער מאָהיקאַנער פאַרמאָגט, קענטיק, אין זיך אַלע יענע גוטע אויסערלאַכע און אינערלאַכע מדות פון זיין שבט. אַזאַ געזיכט מיט אַזוינע אויגן קאָנען נאָר אַרויסרופן פאַרוואונדערונג און אַכטונג. לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן זיך נישט נאַרן אין אים און ער וועט זיך באמת אַרויסווייזן פאַר אַ גוטן, איבערגעגעבענעם פריינט.

דער יעגער האָט אַלעמען איינגעלאַדן צום פייער:

—זעצט איין, מיינע ליבע געסט, באַלד וועט זיין פאַרטיק די וועטשערע.

אונקאַס האָט פאַרהאָנגען די עפענונג אין הייל, כדי מען זאָל נישט באַמערקן פון אויסן דאָס פייער.

—רעכנט איר, אַז מיר קאָנען זיין פולקום רוהיק?—האָט גייאורד אַ פרעג געטאָן.

—דאָ זייגען מיר זיכערער, סער, אָ, בלויז זיכערער, ווייל קיין פולע זיכערהייט איז איבערהויפּט נישטאָ אויף דער וועלט, בפרט נאָך ווען מיר האָבן אַזאַ פיינט, ווי דער שאַרפאויגיקער פוקס, אייער געוועזע־נער פירער. זיי קענען דאָך אונז פּרוצלונג באַפאַלן, און מיר וועלן בלייבן, ווי געפלעפט, אויב די הייל האָט נאָר איין אויסגאַנג.

צינגאַנגוק האָט אויפגעהויבן אַ צווייטן פאָרהאַנג און האָט גע־וויזן, אַז די הייל האָט נאָך אַן אויסגאַנג. דער אויסגאַנג האָט געפירט אין אַ צווייטער הייל, וועלכע האָט אויך געהאַט נאָך עטלאַכע אויסערלאַכע וועגן. דורך אַ לאָך אינם סופיט אין דער צווייטער הייל איז אַרויס דער רויך, בשעת מען האָט געמאַכט פייער אין דער ערשטער הייל.

—אַזוינע דערפאַרענע מענטשן, ווי איך און צינגאַנגוק, וואָלטן קיינמאָל נישט געוואוינט אין אַ הייל מיט איין אויסגאַנג,—האָט דער יעגער געזאָגט מיט אַ שמייכל.—איצט זעט איר שוין, ווי קלוג די נאַטור האָט איינגעאָרדנט פאַר אונז די הייל?...

באַלד איז פאַרטיק געוואָרן דאָס פלייש. דער יעגער האָט גע־האַט נאָך פאַרשידענע נאַשערייען און די אויסגעהונגערטע וועג־לייט האָבן זיך מיט התמדה גענומען צום עסן. די וועטשערע האָט אַלעמען אויסערגעוויינלאַך געשמעקט. אונקאַס האָט גענומען אויף זיך די ראָל פון אַ באַלעבאָס און, אַלס גייסטפריינטלאַכער באַלעבאָס, האָט ער אַרויסגעוויזן די דאַמען עטלאַכע קליינע גע־פעליקייטן. די דאַמען האָבן בעת-מעשה באַוואונדערט זיינע אוי־סערגעוויינלאַך אידעלע מאַנירן, זיין רוהיקן שטאָלץ און קלאָ־רע געלאַסנקייט. גייאורד האָט זיך סתּם געחדושט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז די אינדיאַנישע מנהגים דערלויבן נישט, אַז יונגע לייט זאָלן באַדינען דאַמען. דאַסמאָל אָבער זיינען עס נישט גע־ווען קיין אינדיאַנישע פּרויען, אויסערדעם, איז ביי די אינדיאַנער זייער פאַרהייליקט די גאַסטפריינטלאַכקייט, און דעריבער האָט אַפילו צינגאַנגוק גאָרנישט געהאַט געגן זיין זון. עטלאַכע מאָל איז אונקאַס געצוואונגען געווען צו זאָגן די דאַמען אַ פּאָר ווער־טער. ער האָט גערעדט צו זיי איינגליש אויף אַ צובראָכענעם, דאָך אָבער פאַרשטענדלאַכן לשון. אַפילו די צובראָכענע איינגלי־

שע ווערטער זיינען אַרויסגעקומען ביי אים מאָדנע מילד און זיס, אַ דאַנק זיין אויסשפּראַך. אויף אַזאַ אופן זיינען צווישן אונ קאַסן און די דאַמען איינגעשטעלט געוואָרן לייכטע, פריינטלאַכע באַציונגען.

נאָר דער עלטערער מאָהיקאַנער האָט געשוויגן. די גאַנצע צייט איז זיין געזיכט פאַרבליבן שטרייננ-פאַרקלערט. ער איז געזעסן זייער נאָנט צום פייער און די געסט האָבן אים געקאָנט בעסער באַטראַכטן. גייאורד האָט איינגעפונען, אַז דער זון איז זייער ענלאַך צום טאַטן. דער אַלטער אינדיאַנער האָט איצט אויסגעזען נישט שרעקלאַך. מאַיעסטעטיש רוהיק איז ער געזעסן, ווי עס זיצן דאָס רוב אינדיאַנער, ווען זיי טוען גאָרנישט.

פאַרקערט, אומרוהיק און באַוועגלאַך איז געזעסן דער יעגער. זיינע אויגן זיינען אָן אויפהער אַרומגעפלויגן פון איין געגנ-שטאַנד אויף צווייטן, נישט געקענט זיך באַרוהיקן. כאָטש ער האָט געגעסן און געטרונקען מיט זייער אַ גוטן אַפּעטיט, דאָך האָט ער זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך און צו יעדער באַוועגונג. ביי יעדן ביסן פלייש, ביי יעדן טרונק וואַסער, וואָס ער פלעגט נעמען, פלעגט ער אויסציען דעם האַלז און אויסשפּיצן די אויערן, ווי אַ מענטש, וואָס וואַרט אויף עפּיס.

נאָך דער וועטשערע האָט ער מכבד געווען דעם זינגער מיט אַ גלעזעלע בראָנפן און דערווייסנדיק זיך, אַז יענער הייסט דוד גַעמאַט, האָט ער פאַרפירט אַ שמועס וועגן די אינדיאַנישע נע-מען און צונעמעניש.

—איך האָב זייער ליב גוט צוגעפּאַסטע נעמען און צונעמעניש,— האָט ער זיך אָנגערופן,—נאָר קיינער פאַרמעגט נישט אַזוינע צו-געפּאַסטע נעמען, ווי די אינדיאַנער. זיי רופן שטענדיק אָן אַ מענטשן לויט זיינע פאַרדינסטן. אָט, אַ שטייגער, האָבן זיי אַ נאָ-מען געגעבן מיין פריינט צינגאַנגוק,—ד. ה. „אַ גרויסע שלאַנג“. דערפון איז נישט געדרונגען, אַז מיין פריינט איז שלעכט, ווי אַ שלאַנג. גאָט באַהיט! דאָס הייסט, אַז ער איז אַזוי קלוג, ווי אַ שלאַנג, און קאָן זיך גוט אויף אַלע מענטשן.

נאָכן טרינקען האָט דער זינגער אַרויסגענומען זיין קליין ביכעלע

און אָנגעהויבן זינגען. אליסע און קאָרע האָבן אים צוגעהאָלפן. מען האָט געקאָנט גאַנץ הויך זינגען, ווייל דער גערויש פונם וואַסערפאַל האָט אינגאַנצן צוגעדעקט אַלע קלאַנגגען.

זיי האָבן זעלטן-שיין געזונגען. אָבער די לעצטע טענער פונם הערלאַכן ליד זיינען נאָך נישט אָפּגעשטאָרבן אין דער לופט, ווי אַלע זיינען אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ מוראַדיקן, גרויליקן געשריי, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון דרויסן. אַפילו דער גע-רויש פונם וואַסערפאַל האָט אים נישט געקאָנט פאַרטויבן.

די מיידלאַך זיינען געבליבן זיצן אין טויטשרעק און קיינער, אַפילו די אינדיאַנער און דער יעגער, האָבן נישט געקענט פאַר-שטיין, וואָס דער געשריי באַדייט. אונקאַס איז שנעל אַרויס פון הייל. באַלד אָבער איז ער צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג.

—נו, אַז דו זאָגסט, אַז ס'איז גאָרנישט, מסתּמא איז טאַקי גאָר-נישט,—האָט דער יעגער געזאָגט.—אַזוי ווי מיר ווייסן נישט, וואָס דאָס איז, אַזוי זאָל עס אונז אויך נישט שאַטן. דאָס בעסטע, וואָס מיר קענען און דאַרפן איצט טאָן, איז גיין שלאָפן. מאָרגן מוזן מיר אויפשטיין באַגינען, אויב מיר ווילן קומען וואָס פריער אינם פאָרט „עדוואַרד”.

ביידע מיידלאַך האָבן געוואָלט שלאָפן אין דער צווייטער הייל. גייאורד האָט זיי אָפּגעפירט. ער האָט אָבער נאָך נישט באַוויזן זיי צו ווינטשן אַ גוטע נאַכט, ווי דער שרעקלאַכער געשריי האָט זיך איבערגעחזרט. ביידע מיידלאַך האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן אויפן גאַנצן לייב. גייאורד האָט אויך געשפּירט, ווי דאָס האַרץ הויבט אים אָן מוראַדיק צו קלאַפּן. באַלד אָבער האָט זיך אויפ-געהויבן דער פאָרהאַנג און אַדלעראויג איז אַריין מיט זיכערע טריט.

קאַפּיטל זיבן.

און אָדלעראָויג האָט זיך אָנגערופן צו גייאָורדן:

—געווים האָט איר אויך געהערט די אויסטערלישע געשרייען? איך ווייס אָבער נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס. אין אַזאַ פאַל מוזן מיר שטיין אויף דער וואַך. מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ קליי-נע אויספאָרשונג אין דער אַרומיקער געגנט. אפשר וועט איר מיטגיין מיט אונז, סער?

גייאָורד האָט זיך נישט געקאָנט באַשליסן. ער האָט מורא געהאַט איבערצולאָזן די מיידלאַך אַליין.

קאָרע אָבער האָט באַמערקט, ווי ער קווייקלט זיך, און האָט גע-זאָגט:

—גייט, גייאָורד, פאַר אונז באַדאַרפט איר זיך נישט באַאומרוהיקן. עס איז אַ סך גלייכער צו וויסן, וואָס דאָ געשעט אַזוינס.

דעמאָלט איז גייאָורד אַרויס פון הייל צוזאַמען מיט אָדלעראָויגן. צינגאַנגוק מיטן זון האָבן זיי אָפּגעוואַרט פאַר דער הייל.

דער ווילדער געשריי האָט זיך ווידעראַמאָל דערהערט. אין דרויסן האָט ער געקלאַפּט אין אויער שטאַרקער, ווי אין דער הייל און גייאָורד האָט דערקענט די שטימע פון זיין פערד.

—כ׳ווייס שוין, ווער ס׳שרייט!—האָט ער אויסגערופן צו זיינע חברים.—אַזוי שרייט מיין פערד, ווען אים דראָט עפּיס אַ געפאַר און עס קען זיך נישט העלפן.

—יאָ, יאָ, איר זענט גערעכט!—האָט אָדלעראָויג צוגעשטימט.— וועלף זיינען מסתמא אָנגעפאַלן אויף די פערד און דעריבער

שרייען זיי פּאַר שרעק. העי, אונקאַס!—האָט ער אַ געשריי גע-
טאָן צום יונגן מאָהיקאַנער—זיי אַזוי גוט און מאַך אַ קליין נסיעה-
לע צו די פערד. דאָרט וועסטו פאַרטרייבן די וועלף מיט אַ שאָס.
אַ שאָד די פערד!

אונקאַס האָט פלינק און געניט אויסגעפירט דעם באַפעל. קוים
אָבער האָט ער זיך עטוואָס דערווייטערט מיט זיין שיפל, האָט
זיך דערהערט אַ שטאַרק וואָיען, פונקט ווי אַ מחנה וועלף וואָלט
אין גרויס בהלה און שרעק געמאַכט פליטה.

—אַהאַ!—האָט דער יעגער באַמערקט.—די פּירפּיסיקע חיות האָבן
זיך דערשראָקן פאַר די צווייפיסיקע. די איראָקעזן זיינען געקומען
אַהער נאָך די שפּורן פון די וועלף! איצט וועט זיך אָנהויבן
אַ שטיקל אַרבעט. העי, אונקאַס, קער זיך אום צוריק!

אונקאַס אָבער האָט שוין אַליין פאַרשטאַנען, וואָס דאָ געשיט און
איז תיכף ומיד צוריק געקומען.

דרויסן איז שטיל געוואָרן. די ווילדע האָבן, ווי עס שיינט, באַ-
שלאָסן צו וואַרטן, ביז די זון וועט אויפגיין און ערשט דעמאָלט
צוקומען צו זייערע געגנער.

אונזערע פריינט האָבן אויך באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן ביז באַגינען.
אפשר וועט זיי דעמאָלט געלינגען צו אַנטלויפן שטיל און אומ-
באַמערקט.

גייאורד האָט זיך געלייגט שלאָפן אונטערן פעלז. זיינע חברים
זיינען געבליבן אויף דער וואַך. אַ פּאָר שעה האָט קיין שום זאַך
נישט געשטערט די נאַכטשטילקייט. די לבנה איז פאַרגאַנגען און
אין מזרח האָט זיך באַוויזן אַ שמאָלער, ראָזער פּאַס. דער יעגער
איז צוגעגאַנגען צו גייאורדן און האָט אים פאָרזיכטיק אויפגע-
וועקט.

—שוין צייט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין,—האָט ער אים שטיל
אַ שעפּטשע געטאָן.—וועקט אויף אייערע באַקאַנטע און לאָמיר
גיין צום שיפל. אָבער כ'פאַרשווער אייך, מאַכט נישט קיין טומל.
שטיל זאָל זיין.

גייאורד איז אַוועק צו די מיידלאַך און האָט זיי אויפגעוועקט.
זיי האָבן אָבער נאָך נישט באַוויזן זיך צו שטעלן אויף די פיס,

ווי אַרום זיי האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ וואָיען, שרייען און רי־
טשען, אַז מען האָט געקענט מיינען—פון גיהנם האָט זיך אַרויס־
געריסן אַ גאַנצער לעגיאָן שדים און רוחות, וואָס דריקן אויס
זייער שמחה דורך ווילדע געשרייען. ביידע שוועסטער זיינען
שיער נישט געפאַלן אין חלשות, און גייאָורד אַליין האָט גע־
שפּירט, ווי דאָס בלוט ווערט אים פאַרגליווערט אין די אָדערן.
אַמשטאַרקסטן האָבן די קולות געווירקט אויפן זינגער, וועלכער
האָט זיי נישט געקענט איבערטראָגן. ער איז אַרויס פון דער
הייל און זיך פאַרשפּאַרט די אויערן.
באַלד אָבער האָבן אַ בליץ געטאָן אַ צען פייערלאַך און אין דער
אייגענער רגע האָבן זיך דערהערט צען קנאַלן. דער אָרימער זינ־
גער האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לייננ. די ביידע
מאָהיקאַנער האָבן אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן געשריי. די שיסער
אָבער, זעענדיק ווי געמאַט איז געפאַלן, האָבן ממש צוטרייסלט
די לופט מיט נאָך ווילדערע קולות פון פרייד. באַלד אָבער האָט
זיך פון ביידע זייטן אָנגעהויבן אַ געוואַלדיקע שיסעריי. אָבער
ביידע צדדים האָבן, קענטיק, פאַרמאָגט געניטע, פעהיקע און
פלינקע מענטשן, אַזוי, אַז קיינער איז נישט פאַרוואונדעט גע־
וואָרן.
גייאָורד האָט מיט גרויס אומרוהיקייט געוואַרט אויפן יעגער.
באַלד האָט ער דערהערט אַ שאָס פון זיין ביקס, וועלכער איז
וואַרשיינלאַך, נישט געגאַנגען לאיבוד, ווייל פון צווישן די אָנפאַ־
לערס האָט זיך דערהערט אַ טויט־געשריי. נאָכדעם איז אַלץ ווי־
דעראַמאָל פאַרזונקען געוואָרן אין אַ טיפער שטילקייט. די שונאים
זיינען קענטיק, אָפּגעטראָטן אָדער זיך ערגיץ אויסבאַהאַלטן.

גייאָורד האָט זיך באַנוצט מיט דער רוהיקער מינוט און איז גע־
גאַנגען זען, וואָס מאַכט דער פאַרוואונדעטער זינגער. ער האָט
אים געפונען אַ געחלשטן און האָט אים אַריבערטראָגן אין אַ מער זי־
כערן אָרט, הינטער אַ גרויסן שטיין, וואו ס׳האָבן זיך אויך גע־
פונען די צוויי מיידלאַך. באַלד זיינען זיך דאָרט צוזאַמענגעקומען
אַלע איבעריקע.

דער יעגער האָט געהייסן אונקאַסן, וועלכער איז געווען געניט אין אַזוינע פאַלן, אַריבערטראָגן דעם פאַרוואונדעטן אין הייל און דאָרט איבערבינדן אים די וואונד. צוזאַמען מיטן זינגער זיינען אויך אַוועק די מיידלאַך אין הייל.

די ביידע מאָהיקאַנער האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די פעלזן, פונוואַנען זייער שאַרפער בליק האָט געקענט אַרומנעמען אַן אומגעהויערן שטח. אָדלעראויג און גייאורד זיינען שנעל אַוועק אין דערבייאיקן ווינקל, וואו זיי האָבן זיך באַהאַלטן צווישן בלעטער און שטיינער. איבער זיי איז געהאָנגען אַ רונדער, גלאַטער פעלז, וואָס ביי זיינע זייטן איז שטורמיש געפאַלן דאָס וואַסער.

אונזערע פריינט זיינען לאַנג געשטאַנען אויף דער וואַך און האָבן קיין שום פאַרדעכטיקע זאַך נישט באַמערקט. גייאורד האָט שוין גערעכנט, אַז די אינדיאַנער זיינען אַוועק, אָבער אָדלעראויג האָט זיך פלוצלונג אָנגערופן:

—איר זעט, איר זעט, אָט דאָרט אויפן וואַסער?... דאָס זיינען שדים אַ ביסל!... אָבער פאָרזיכטיקער, כ'בעט אייך, זאָלן זיי אייך נישט באַמערקן!

גייאורד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויפן וואַסער. ער האָט שיער נישט אויסגעשריען, אַזוי האָט אים איבערראַשט דאָס, וואָס ער האָט דערזען. פינף גוראָנען האָבן זיך דרייסט אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, נישט ווייט פון יענעם אָרט, וואו דער וואַסערפאַל האָט געטראָגן און געררישט מיט אַזאַ געוואַלטיקער אימפּעט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרעקשנטער קאַמף צווישן די מענטשן און דעם שטראָם. פיר גוראָנען זיינען באַלד אַרויסגעשוואומען און אַרויסגעקראָכן אויף די פעלזן, נישט ווייט פון אונזערע פריינט. דער פינפטער האָט שוין אויך געהאַט צוגעשוואומען זייער נאָענט, אָבער דאָס וואַסער האָט אים אַ שלעפּ געטאָן צוריק און באַלד דערויף באַדעקט מיט אַ קאָכיקן שוים. בלויז איינמאָל האָט ער זיך נאָך באַוויזן אויף דער אויבערפלאַך פונם טייך און איז תיכף ומיד פאַרשוואונדן געוואָרן אינם טאַנצנדיקן ווייסן שוים, ווי אַ שוואַרץ פּינטעלע.

אָדלעראויג האָט שניידיק אַ פייף געטאָן. באַלד האָט אים אַפּגע-

ענטפערט אַן ענלאַכער פייף פון יענער זייט, וואו די מאָהיקאַ-
נער האָבן זיך פאַרבאָרגן. הערנדיק דעם פייף, האָבן די פיר
גוראָנען פאָרזיכטיק אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון הינטער די פעלזן,
אָבער זיי האָבן דערזען דעם אָפיציר און זיך שנעל פאַרבאָרגן
צוריק.

גייאורד האָט דערהערט אַ שטילן שאָרך נעבן זיך. ער האָט זיך
אומגעקוקט און דערזען דעם יונגן מאָהיקאַנער. יענער האָט עפּיס
געשמועסט מיטן יעגער אויף דעלאַווארישׂ.

פונם צווייטן ברעג טייך האָט זיך דערהערט אַ משונהדיק וואָיען און
שרייען. דאָס האָט, קענטיק, באַדאַרפט דינען אַלס צייכן פאַר די
פיר גוראָנען, ווייל באַלד דערויף האָבן זיי פאַרלאָזן זייער באַ-
העלטעניש און געלאָפן אַהין, וואו אָדלעראויג און גייאָורד זיי-
נען געלעגן פאַרשטעקט. דער יעגער האָט אויסגעשאָסן און איי-
נער פון די פיר איז געפאַלן אויף דער ערד, קאָפּענדיק דעם
זאַמד מיט די פיס.

—איצט האָבן מיר נאָר מיט דריי צו טאָן,—האָט ער אויסגערופן
און אַרויסגעצויגן זיין יעגערמעסער.—העי, אונקאַס, נעם זיך נאָר
צו איינעם פון זיי, מיט די איבעריקע וועלן מיר זיך שוין אַן
עצה געבן!..

דער יונגער מאָהיקאַנער האָט אַ שאָקל געטאָן מיט זיין שיינעם
קאָפּ און דרייסט זיך געוואָרפן פאָרויס. באַלד האָט זיך אָנגע-
הויבן אַ טויט-געראַנגל צווישן אים און איינעם פון די גוראָנען.
אָדלעראויג האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט אַן אויסערגעוויינלאַך
שטאַרקן אינדיאַנער, וואָס האָט געהאַט אַ ווילד געזיכט.

גייאורד, ווידער, האָט זיך געשלאָגן מיט דעם סאַמע שוואַכסטן
פון זיי. אָדלעראויג און זיין שרעקלאַכער געגנער זיינען ביידע
געווען גלייך שטאַרק און געשיקט. ביידע האָבן זיי אָנגעכאַפּט
איינאַנדער מיט דער לינקער האַנט פאַר דער רעכטער, אין וועל-
כער יעדער פון זיי האָט געהאַלטן אַ מעסער. אַ מינוט צייט זיי-
נען זיי געשטאַנען אָן באַוועגונג און זיך שאַרף און טרוקן אָנ-
געקוקט. מיט אַלע זייערע כוחות און אָנשטריינגונגען האָט זיך

יעדער פון זיי געסטאַרעט צו צווינגען דעם געגנער, ער זאָל אַרויסלאָזן דעם מעסער פון האַנט. נאָך אַ לאַנגן, שווערן קאַמף האָט אָדלעראויג אָנגעהויבן צו זיגן. די רעכטע האַנט פון זיין געגנער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַלץ נידעריקער, און ווען יענער איז אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָט אָדלעראויג פּלוצלונג באַפרייט זיין רעכטע האַנט מיטן מעסער און אַריינגע-האַקט דאָס קאַלטע שטיק שטאָל אינם אינדיאַנערס ברוסט.

אַ ביסל אַנדערש האָט אויסגעזען גייאורדס קאַמף. אינם ערשטן אויגנבליק האָט דער אינדיאַנער אים אַרויסגעשלאָגן פון דער האַנט זיין לייכטן שווערד און גייאורד איז געבליבן אָן געווער. דאָס איז נאָך נישט געווען אַזאַ אומגליק, ווייל באַלד האָט ער אויך אַרויסגעשלאָגן ביי זיין געגנער דאָס מעסער און זיי האָבן זיך געכאַפּט פאַר די לענדן. איצט האָט יעדער פון זיי זיך געסטאַ-רעט אָפּצושוואַכן דעם צווייטן און אַריינצעוואַרפן אים אינם וואַ-סערפאַל. זיי האָבן זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט צום ברעג פונם וואַסערפאַל און ביידן האָט גלייך געדראָט די גע-פאַר אַראָפּצעפאַלן פונם פעלז און דערטרונקען צו ווערן אין דער וועלן-בהלה. ביידע האָבן דאָס פאַרשטאַנען און, מאַכנדיק די לעצ-טע אָנשטריינגונגען, זיינען זיי ביידע געפאַלן אויפן סאַמע ברעג פונם וואַסערפאַל. גייאורד האָט דערשפּירט, ווי זיין געגנערס האַנט דריקט אים פעסטער ביים האַלז, און גלייכצייטיק האָט ער אויך באַמערקט, ווי אויפן ווילדן פּרצוף פונם אינדיאַנער צוגיסט זיך אַ חיהשע שמחה: ער זיגט! פּלוצלונג אָבער האָט צווישן אים און דעם אינדיאַנער, וועלכער איז געלעגן אויף אים, אַ בליץ געטאָן אַ מעסער, און דעמזעלבן אויגנבליק האָבן זיך געעפנט זיינע פינגער און אָפּגעלאָזט גייאורדס האַלז. צוויי שטאַרקע הענט האָבן אים באַלד אַוועקגעשלעפּט פונם וואַסער-פאַל. גייאורד האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אונקאַסעס שלאַנ-קע געשטאַלט. גייאורד האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אים צו פאַרדאַנקען זיין לעבן, האָט ער זיך אויפגעהויבן און האָט אים

שטאַרק און האַרציק געדריקט די האַנט.

נאָכדעם האָבן זיך אַלע דריי פריינט פאַרבאָרגן הינטער אַ פעלז ניט ווייט פון הייל. דאָ האָבן זיי געקענט בעסער אויסהאַלטן דעם אָנפאַל, און ברענגען מער שאָדן דעם שונא.

קאַפּיטל אַכט.

די אינדיאַנער האָבן אָנגעהויבן צו באַשיסן אונזערע פריינט מיט אַ האָגל פון קוילן. אין אַ משך פון עטלאַכע מינוט האָבן זיי געשאָסן אָן אַן אויפהער. קיינעם אָבער האָט זייער שיסן נישט געשאַדט, ווייל די פעלזן האָבן אויסגעצייכנט געשיצט דעם יעגער און זיינע חברים. פּלוצלונג האָט איין קויל געטראָפן אַקוראַט אין דעם אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער אָפיציר, אָבער זי האָט געטראָפן אינם פעלז.

—אַהאַ, די קויל איז אויסגעשאָסן געוואָרן נישט פון דערווייטנס,— האָט אָדלעראויג זיך אָנגערופן און בעת-מעשה בעסער באַטראַכט די געגנט,—דאָ איז עפּיס נישט גלאַטיק...

דעמאָלט האָט אונקאַס אַ ווייז געטאָן דעם יעגער אויפן רעכטן ברעג טייך. פּונקט געגנאיבער איז געשטאַנען אַ גרויסער דעמב. אויפן סאַמע שפּיץ פונם בוים, צווישן די בלעטער, האָט זיך באַהאַלטן אַן אינדיאַנער, וואָס האָט גוט געזען דעם יעגער און זיינע חברים, און האָט זיי אַזויאַרום געקאָנט אויסשיסן ווי די קעלבער.

אָדלעראויג און דער יונגער מאָהיקאַנער האָבן ביידע אויסגעשאָסן אינם אינדיאַנער, אָבער זייערע קוילן האָבן אים נישט געטראָפן. פון זיין זייט האָט זיך דערטראָגן אַ ווילד פריילאַך געלעכטער, און אין דעמזעלבן אויגנבליק האָט אַ נייע קויל אַראָפּגעריסן דעם הוט פונם יעגערס קאָפּ. פונם צווייטן ברעג טייך האָט זיך אויפגעטאַן דערהערט אַ ווילדער געשריי און אַ נייער

האָגל פון קוילן האָט זיך אַ שאָט געטאָן איבער די קעפּ פון אונזערע באַהאַלטענע פריינט.

דער יעגער האָט צוגערופן צינגאַנגוקן און אים אָנגעוויזן אויפן אינדיאַנער, וואָס איז געזעסן אויפן בוים. יענער האָט גאָרנישט געזאָגט, אָבער ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דאָ געשיט. ביידע האָבן זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד און געוואַרט.

דער אינדיאַנער האָט ווייטער געשאָטן מיט קוילן. גייאורדס מונדיר איז שוין דורכגעלעכערט געוואָרן אין עטלאַכע ערטער און אויף איין אַרבל האָבן זיך אַפילו באַוויזן עטלאַכע טראָפּעלאַך בלוט...

דעם אינדיאַנער איז, קענטיק, נמאס געוואָרן צו וואַרטן אַזוי לאַנג, האָט ער זיך אַ ביסל אַרויסגערוקט, צו טרעפן בעסער אין ציל. דעמדאָזיקן מאָמענט האָבן אויסגענוצט ביידע מאָהיקאַנער און אויסגעשאָסן אינם אינדיאַנער. דער לעצטער האָט אַ געשריי געטאָן און זיך נאָכמער אַרויסגערוקט: די וואונד האָט אים, קענטיק, שטאַרק באַאומרוהיקט.

דעמאָלט האָט אָדלערראויג אויסגעשאָסן, און דער אינדיאַנער האָט אַרויסגעלאָזן דעם ביקס פון דער האַנט און געבליבן הייגען אויף אַ דיקן צווייג פונם בוים. די אינדיאַנער פון צווייטן ברעג האָבן אויפגעהערט צו שיסן און פיינלאַך זיך צוגעקוקט צו די שווערע יסורים פון זייער חבר. אָדלערראויג האָט געוואָלט נאָכאַמאָל אויסשיסן און מאַכן אַ סוף צו די ליידן פונם אומגליקלאַכן, נאָר אים איז אַ שאָד געווען זיין לעצטע קויל. סוף-כל-סוף אָבער האָט געזיגט דאָס געפיל פון באַרמהאַרציקייט און דער יעגער האָט אויסגעשאָסן. דער אינדיאַנער איז אַראָפּגעפאַלן פונם בוים אין וואַסער אַריין.

בישט די ווייסע און נישט אַפילו די מאָהיקאַנער האָבן טריאומפירט, בשעת זיי האָבן צוגעזען, ווי עס ענדיקט שנעל און פשוט אַ לעבן פון אַ העלדישן אינדיאַנער.

פונם צווייטן ברעג האָט זיך דערהערט אַ דראָענדיקער געשריי און באַלד דערויף איז אַלץ שטיל געבליבן.

— אַ שיינע מעשה! — האָט זיך אָנגערופן אָדלערראויג, — מיר זיינען

געבליבן אָן קוילן און אָן פּולווער. אונקאַס! זיי אַזוי גוט און ברייננ פונם שיפל מיין האָרן מיט פּולווער. קוילן וועלן מיר מאַכן פון דעם בליי, וואָס די איראָקעזן האָבן געבראַכט.

דער יונגער מאָהיקאַנער איז אַוועק נאָכן פּולווער, אָבער באַלד דערויף האָט ער אַזוי ווילד אויסגעשריען, אַז ביידע מיידלאַך, צוזאַמען מיטן פאַרוואונדעטן זינגער זיינען שטאַרק איבערגע-שראָקן, אַרויסגעלאָפן פון דער הייל.

—זעט נאָר, זעט נאָר, אויפן טייך!..—האָט אונקאַס געשריען.

אַלע האָבן אַ קוק געטאָן אויפן טייך און דערזען זייער שיפל, וואָס איז הענדום-פּענדום געפלויגן איבער די כוואַליעס, געפירט דורך איינעם פון די אינדיאַנער. אָדלעראויג האָט דער ערשטער אָפּגעשאַצט די נייע צרה מיטן שיפל. ער האָט געכאַפּט זיין ביקס, באַלד דערויף אָבער אַ וואָרף געטאָן אים מיט גרויס גרימ-צאָרן, דערמאָנענדיק זיך, אַז ער האָט נישט מער קיין קוילן.

—אַ ביטערע מעשה!—האָט ער געברענט פון כעס.—דער גזלן וועט אַוועקגיין מיט אונזער שיפל און מיט אונזער פּולווער. גיט מיר כאָטש אַ קויל, כאָטש אַ ביסעלע פּולווער! לאָמיר אים כאָטש אָנלערנען!

אָבער קיינער האָט מער נישט געהאַט קיין קוילן און קיין פּול-ווער.

דער אינדיאַנער, וואָס איז געזעסן אין שיפל, האָט זיך צוערשט געוואונדערט, וואָס מען שיסט אים נישט נאָך. שפּעטער אָבער האָט ער פלינק פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די ביקסן שווייגן, האָט ער זיך פריי און ווילד צעלאַכט און געדראָט די באַלאַגערטע מיט דער פויסט. די איבריקע אינדיאַנער האָבן אַרויסגעלאָזט זייער ווילדן, טריאומפירנדיקן געשריי, און אַ נייער האָגל פון קוילן האָט זיך אַ שאָט געטאָן פון זייער זייט.

דער יעגער האָט פאַרצווייפלט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך דוקא אַנידערגעזעצט אין אַזאַ אָרט, וואו די קוילן האָבן אים לייכט געקענט טרעפן. ער האָט שוין בעסער געוואָלט שטאַרבן, איידער לעבן אָן קוילן.

—צי דען מוזן מיר טאַקי אַלע אומקומען ?—האָט גייאורד געפרעגט, אַ פאַרצווייפלטער. —מיר מוזן געפינען עפּיס אַן אויסוועג !..

—פאַרפאַלן, כ'זע נישט קיין אַנדער אויסוועג,—האָט דער יעגער קאַלט געענטפערט.

—אָבער צו וואָס זאָלן אַלע שטאַרבן ?—האָט זיך קאָרע אָנגערופן.—ווער עס קען, דאַרף זיך ראַטעווען. איר און אייערע פריינט,—האָט זי זיך געווענדט צום יעגער,—קענט אייך ראַטעווען. לאָזט זיך אַוועק מיטן שטראָם.

—ניין, מיר וועלן אייך אַליין נישט לאָזן דאָ שטאַרבן,—האָט אָדלעראויג שאַרף אַ זאָג געטאָן.—בעסער צו שטאַרבן, איידער צו פאַרלאָזן אַ פריינט, וועלכן מיר האָבן צוגעזאָגט הילף.

קאָרע האָט אים געענטפערט:

—זייער שיין, אָבער אייער טויט וועט אונז גאָרנישט העלפן, אין דער צייט, ווען אייער לעבן קען אונז אפשר יאָ ברענגען הילף. גייט צו מיין פאָטער, זאָגט אים אין וואָס פאַר אַ לאַגע מיר געפינען זיך און ברענגט אונז וואָס שנעלער הילף. אויב איר וועט זיך שטאַרק צואיילן, וועט ער אונז נאָך ראַטעווען. אָבער אַזוי, צי אַזוי—גיט אים איבער אונזער גרוס און זאָגט אים, ער זאָל נישט צופיל קלאָגן, וואָרום אַ מענטש באַדאַרף זיך אונטערוואַרפן גאָטס ווילן.

אויף דעם יעגערס געזיכט, וואָס איז שטענדיק געווען ערנסט, שטריינג און האַרט איז איצט געפאַלן עפּיס אַ ווייכער שיין, און שטיל האָט ער זיך אָנגערופן:

—איר האָט קלוג געזאָגט... אונקאַס, צינגאַנגוק, האָט איר געהערט, וואָס דאָס שוואַרצאויגיקע מיידל האָט געזאָגט ?

אַ געוויסע צייט האָט ער גערעדט מיט זיי אויף דעלאַוואַריש. דערביי האָט ער געמאַכט זייער אַן ערנסטע און פייערלאַכע מינע. די אינדיאַנער האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זיינע ווערטער. צינגאַנגוק האָט אויפגעהויבן די האַנט און מיט אַ פייערלאַכן זשעסט, ווי דאָס טוען שטענדיק אינדיאַנער, ווען זיי ווילן זיין ערנסט, האָט ער אַ זאָג געטאָן אויף איינגליש:

—גוט!
דערנאָך איז ער רוהיק און זיכער צוגעגאַנגען צום ברעג, אויס-געזוכט אַן אָרט, וועלכן מען האָט נישט באַמערקט פון יענער זייט, אַזוי ווי ער וויל, דערט דעם יעגער אויפן וואַלד, אַז דאָרט וועט ער, הייסט עס, וואַרטן אויף אים און באַלד דערויף זיך דרייסט אַריינגעוואָרפן אינם וואַסער פונם הויכן פעלז.
אָדלעראויג האָט אים באַגלייט מיט אַ שאַרפן בליק, און ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין פריינט איז בשלום אַריבער דעם געפערלאַכסטן אָרט, האָט ער זיך אָנגערופן צו קאָרען מיט אַ שמייכל:
—איצט זע איך איין, אַז נישט בלויז אַלטע לייט, נאָר אויך יונגע מיידלאַך קענען געבן אַ גוטע עצה און מיר וועלן טאַקי אַזוי טאָן. מיר וועלן גיין צום פּאַלקאָווניק מונרא און אים דער-ציילן, אין וואָס פּאַר אַ געפאַר עס געפינען זיך זיינע טעכטער מיטן מאַיאָר. אויב די אינדיאַנער וועלן אייך דאָך באַפאַלן און אַוועקפירן מיט זיך אין וואַלד אַריין, זאָלט איך נאָר טאָן איין זאַך: איר זאָלט עפּטער אויפברעכן און פאַרבויגן די צווייגן פון די ביימער. אַזויאַרום וועט איר אונז איבערלאָזן אַ סך שפּורן און מיר וועלן אייך, נאַטירלאַך, לייכטער געפינען. אָבער טוט דאָס זייער פאָרזיכטיק, ווייל די אינדיאַנער זיינען זייער גוטע באַאָבאַכטער. פאַרלאָזט זיך אויף אונז און גלויבט, אַז מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס וועט נאָר מעגלאַך זיין, כדי אייך צו ראַטעווען. נו, דערווייל זייט מיר געזונט און שטאַרק! אויף ווידערזען!

אָדלעראויג האָט זיך געזעגנט מיט די וועגלייט און אַריינגע-שפּרונגען אינם וואַסער אויף דעמזעלביקן אָרט, וואו דער אינדיאַ-נער איז אַריינגעשפּרונגען.
אָבער דער יונגער מאָהיקאַנער איז געבליבן שטיין מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן, אָנגעשפּאַרט אויף זיין ביקס.
קאָרע האָט זיך ווייך אָנגענייגט צו אים און אַ זאָג געטאָן:

—אייער פאָטער און דער יעגער זיינען שוין, וואַרשיינלאַך, אויסער

יעדער געפאַר. אויף וואָס וואַרט איר?

—אונקאַס וועט דאָ בלייבן!—האָט דער אינדיאַנער פעסט געענט-פערט און בעת-מעשה אַ וואָרף געטאָן אויף קאָרען אַ פייערדיקן בליק.—איך וויל אייך באַשיצן און שטאַרבן צוזאַמען מיט אייך!

קאָרע האָט זיך דערנענט צו אים און האָט ווידעראַמאָל גע-זאָגט:

—דערמיט וועט איר נאָך פאַרגרעסערן די צאָל פון די געפאַנ-גענע און באַשווערן אונזער רעטונג. איר מוזט אַוועקגיין. איר הערט? כ'באַפעל אייך!

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט אונקאַס צוגעדריקט זיין רעכ-טע האַנט צו דער ברוסט און זיך טיף פאַרנויגט. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום פעלז און זיך אַריינגעוואָרפן אינם וואַסער. ער איז בשלום אַדורכגעשוואומען דעם געפערלאַכן אָרט און איז שנעל אַוועק מיטן שטראָם.

ביידע מיידלאַך מיט דונקאַנען זיינען אַוועק אין דער צווייטער הייל און דאָרט אָפּגעוואַרט די ווייטערדיקע פּאַסירונגען.

קאַפּיטל ניין.

דער פלוצלונגער איבערגאַנג פון בהלה צו פולשטענדיקער שטילקייט האָט זייער שווער געווירקט אויף אונזערע וואַנדערער. דאָס, וואָס זיי האָבן נישט לאַנג איבערגעלעבט אין דעם לעצטן מאָמענט, האָט זיי אויסגעזען, ווי אַ שווערער חלום.

הונדערטער פראַגן האָבן זיי געפּייניקט און נישט געלאָזט פשוט צו זיך קומען. וואָס איז געוואָרן מיט זייערע פריינט? צי וועלן זיי קומען בשלום צום פאָרט „וויליאַם-הענרי״ און באַצייטנס ברענגען הילף? קיינער האָט נישט געקענט געבן עפּיס אַ באַשטימטן ענטפער אויף דידאָזיקע פראַגן.
גייאורד האָט ממש געברענט פון אומגעדולט. ער איז אַרויסגעלאָפן פון הייל און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ זיך צוגעהערט צו הימל און ערד. עס איז געווען טויט-שטיל אין דרויסן, און גייאורדן האָט זיך געדאַכט, אַז די גוראָנען האָבן לחלוטין פאַרלאָזט דאָס אָרט.
ער האָט געמאַכט אַ פשוטן חשבון. די גוראָנען איז מסתמא נמאס געוואָרן צו וואַרטן, זיינען זיי געוויס אַוועק נאָך הילף. „מען באַדאַרף אָבער אַליין געפינען עפּיס אַ מיטל—האָט ער געטראַכט—ווי אַזוי זיך פונדאַנען צו ראַטעווען.״ מיט אַ לייכטערן געמיט איז ער צוריק אַריין אין הייל.
אין דער ערשטער הייל האָט ער באַלד פאַרשאָטן דעם איינגאַנג מיט שטיינער און גראָז, כדי מען זאָל פון אויסן וואָס ווייניקער

קענען באמערקן. דאן האט ער נאך פארהאנגען דעם איינגאנג, אזוי, אז אין דער ערשטער הייל איז געווען פולשטענדיק פינ-סטער. אלע זיינען אריבער אין דער צווייטער הייל, וואו עס איז שוואך אריינגעדרונגען דאס דרויסנליכט דורכן לאך אין באלקן.

אלע האבן לאנג געשוויגן. יעדער פון זיי איז געווען פארזונקען אין זיינע שווערע מחשבות. גייאורד האט זיך נאך אלץ געבראכן דעם קאפ איבער דעם, ווי אזוי זיך צו ראטעווען פונדאנען און האט גארנישט געקאנט אויסקלערן. אן א שיפל איז גארנישט גע-ווען צו מאכן. מען האט געמוזט ווארטן אויף מונראס הילף. ביידע מיידלאך האבן געקלערט איבער זייער פאטער און זיך פארגעשטעלט, ווי אזוי ער וועט זיך פייניקן און ליידן, ווען ער וועט דערהערן, אין וואס פאר א לאגע זיי געפינען זיך.
דער זינגער געמאט האט ארויסגענומען זיין קאמערטאן און גע-נומען ציען א מורה-שחורהדיקן ניגון, וואס האט אנגעכאפט ביי דער נשמה. דער אפיציר האט אים דאסמאל געלאזט זינגען, ווייל דער וואסערפאל האט פארטויבט די טענער און פון דרויסן האט מען גארנישט געקענט הערן. אלע זיינען אזוי ווי פארכשופט געווארן פון דער הארציקער מעלאדיע. נישט-געקוקט דערויף, וואס דידאזיקע מעלאדיע איז אנגעזאפט געווען מיט עצבות און מרה-שחורה, האט זי דאך בארוהיקט די געפאלענע געמיטער פון די וועגלייט.
אבער אקוראט ביי יענע ציטריקע קלאנגען, מיט וועלכע דער זינגער האט געוואלט נאכמער איבערראשן זיינע צוהערער, האט זיך דערהערט אזא שארפער שניידיקער געשריי, אז די טענער זיינען אים געבליבן שטעקן אין האלז. אלע זיינען אויפגעשפרונ-גען פון די ערטער.
—מיר זיינען פארלארן!—האט אליסע אויסגערופן און איז אני-דערגעפאלן אין קארעס ארעמס.
—בארוהיקט אייך, טייערע אליסע,—האט זיך גייאורד געבעטן,—ס'איז דאך נישט אזוי שרעקלאך. איך בין זיכער, אז די ווילדע האבן ארויסגעלאזט אזא געשריי, ווייל זיי האבן דערזעצ די קער-

-ערס פון זייערע טויטע חברים. אונזער באַהעלטעניש האָבן זיי נאָך נישט געפונען.

—ווען זיי עס באַלד געפינען,—האָט אליסע געזאָגט און בעת-מעשה געשווידערט מיטן גאַנצן קערפּער.

—אָבער זיי אַ מענטש, אליסע,—האָט איר קאָרע באַרוהיקט, צו-דריקנדיק זי צו דער ברוסט, ווי אַ קליין קינד,—די הילף קאָן נאָך קומען פריער פון די אינדיאַנער.

ווי שוואַך די האָפנונג איז נישט געווען, דאָך איז געלונגען גיי-אורדן און קאָרען צו באַרוהיקן עטוואָס אַליסען. זי האָט זיך אָפּגערוקט פון קאָרען און ביסלאַכווייז געקומען צו זיך.

באַלד אָבער האָט זיך דערהערט אַ צווייטער געשריי, אָבער שוין נענטער, ווי פריער, און גלייך נאָכדעם—איינציקע קולות פון אַ סך מענטשן. ס'האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט גערעדט סאַמע נעבן דער הייל. אליסע האָט זיך ווידעראַמאָל צוגעדריקט מיטן גאַנצן קערפּער צו קאָרען. די לעצטע איז אויך געווען שטאַרק באַאומ-רוהיקט.

די געשרייען האָבן זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט. די ווילדע האַלטן שוין אודאי ביי דעם איינגאַנג אין הייל. שרעקלאַ-כע קולות, וועלכע נאָר אַ אינדיאַנישער האַלז איז זיי מסוגל אַרויסצוברענגען, האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן און אָנגע-פילט די הייל מיט אימה און פּחד. צייטנווייז האָט מען געהערט אַ ווילד לאַכן מיט אַ וואָיען צוזאַמען. די אַלע קולות, געלעכטערס און וואָיעניש האָבן זיך געהערט אַזוי דייטלאַך, אַז דאָס הייפע-לע מענטשן, וואָס איז געזעסן איינגעשפּאַרט אין הייל, האָט גע-מיינט, אַז די ווילדע האָבן שוין איבערגעטראָטן די שוועל פון זייער באַהעלטעניש.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי פון טריאומף. די געפאַנגענע זיינען פאַרשטיינערט געוואָרן; דער לעצטער שוואַכער פונק פון האָפנונג, וואָס האָט נאָך געטליעט אין זיי, איז אויס-געלאָשן געוואָרן...

—אָט זיינען די אינדיאַנער!...—האָט יעדער געטראַכט.

זיי האָבן אָבער אַ טעות געהאַט. די ווילדע האָבן זיך געפריי-

און טריאומפירט, ווייל זיי האָבן געפונען דעם לאַנגן ביקס פון זייער פאַרביסענעם פיינט, דעם אָדלערואיג, און האָבן גערעכנט, אַז ער איז געוויס אומגעקומען אין דעם פריערדיקן געפעכט. נאָך אַ קורצער שטורמישער באַראַטונג, וועלכע איז אָפט געוואָרן אי-בערגעריסן געוואָרן דורך געשרייען און קולות פון נצחון, זיינען די ווילדע פאַרשוואונדן אין פאַרשידענע ריכטונגען. גייאורד האָט זיך איינגעהערט, וואָס זיי ריידן און האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי גייען זוכן דעם קערפער פונם יעגער. אויף אַ מינוט איז ווידער די געפאַר פאַרשוואונדן.

—אויב די ווילדע וועלן נישט געפונען אונזער באַהעלטעניש וועלן מיר זיך אפשר קענען ראַטעווען...—האָט ער שטיל אַ שעפטשע געטאָן צו זיינע פריינט.—איצט זיינען זיי אַוועק נאָך דעם טויטן גוף פון אָדלעראויג און דאָס באַווייזט, אַז ער האָט דורכגעמאַכט בשלום זיין וועג. ער וועט מסתמא בשלום אָנקומען אין פאָרט „וויליאַם-הענרי" און באַווייזן אונז צו ברייגגען הילף.

אליסע האָט געזיפצט:

—ניין, דונקאַן, מיר מוזן אומקומען. די הילף וועט שוין קומען צו-שפעט.

גייאורד האָט געשוויגן.

עס איז ווידעראַמאָל געוואָרן טויט-שטיל. די ווילדע האָבן, ווייזט-אויס, זיך דערווייטערט פון דער הייל, זוכנדיק דעם קערפער פונם יעגער. אַ לאַנגע פיינלאַכע שעה האָט זיך אַדורכגעצויגן פאַר אונזערע פריינט, ווי אַ שוואַרצע אייביקייט.

איצט האָבן זיך ווידער דערהערט טריט, איין שטיין פון די, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם איינגאַנג, איז אַראָפּגעפאַלן; אימי-צער האָט אויפגעהויבן אַ ברעג פונם פאָרהאַנג און אין דער ער-שטער הייל איז ליכטיקער געוואָרן. אין הייל זיינען אַריינגע-גאָסן געוואָרן אַ סך קולות מיט אַ טופּעניש פון אַ סך פיס. אונ-זערע געפאַנגענע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די ערשטע הייל איז אַנטדעקט און אַז באַלד וועט מען אויך זיי געפינען. גייאורד האָט פאַרדעקט מיט זיך זיינע פריינט און האָט פעסט באַשלאָסן, צו שיצן זיי ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. ער האָט פאַרזיכטיק אויפ-

געהויבן אַ ברעג פונם פּאָרהאַנג, וואָס האָט פאַרדעקט דעם איינגאַנג אין דער ערשטער הייל, און פּאַוואָליע אַרייַנגעקוקט אַהין.

אומגעקערט מיטן רוקן צו אים, איז געשטאַנען אַ ריזיקער, ברייטבייניקער אינדיאַנער. לויט זיין הויכער באַפעלערישער שטים האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז דאָס איז דער אָנפירער פון דער באַנדע. אַ ביסל ווייטער האָט זיך געפּאָרעט אַ גרופּע אינדיאַנער, וואָס האָבן באַטראַכט די איינפאַכע ווירטשאַפט פונם יעגער און זיינע פריינט. איינער פון זיי האָט באַמערקט אויפן שטרוי שפּורן פון בלוט, וואָס איז פאַרבליבן נאָך דעם זינגערס וואונד. די ווילדע זיינען געווען זיכער, אַז דאָס בלוט שטאַמט פון אָדלעראויג, און זיי האָבן זיך שטאַרק געפרייט. דער אָנפירער האָט עפּיס שטאָלץ באַפוילן, און דער ערשטער אינדיאַנער האָט געכאַפּט אַ הויפן שטרוי, באַפלעקט מיט בלוט און עס אַ וואָרף געטאָן צו די פיס פון זייער הערשער. די אַנדערע אינדיאַנער האָבן נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל און באַלד האָבן זיי דעם גאַנצן דורכגאַנג, וואָס האָט געפירט אין דער צווייטער הייל, פאַרשאָטן מיט גראָז און בלעטער. דאָס איז געווען אַ גרויס גליק פאַר אונזערע איינגעשלאָסענע פריינט. דער דורכגאַנג איז אַזוי־אַרום פאַרשאָטן געוואָרן, און אַפילו אַזוינע געניטע זוכער, ווי די אינדיאַנער, האָבן זיך איצט נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָ געפינט זיך אַ צווייטע הייל.

גייאורד האָט עס באַלד מיטגעטיילט די צוויי פריילנס. זיי האָבן פרייער אָפּגעעטעמט.

אַ ביסל שפּעטער האָבן די אינדיאַנער איינער נאָכן צווייטן פאַרלאָזן די הייל. די מיידלאַך האָבן ווידעראַמאָל אויפגעלעבט און גייאורד האָט זיך געפרייט, ווי אַ קינד.

אָבער זייער פרייד האָט לאַנג נישט געדויערט. אַליסע האָט פּלוצלונג אויפגעציטערט: מיט אַ שוואַכער האַנט האָט זי גייאורדן אָנגעוויזן אויפן דורכגאַנג. גייאורד האָט אַ קוק געטאָן און דאָס האַרץ איז אים קאַלט געוואָרן: דורכן אויפגעהויבענעם פאָרהאַנג האָט אַרייַנגעקוקט דער בייזער בלוטדורשטיקער פּרצוף פונם

שאַרפאויגיקן פוקס.
ער איז, קענטיק, פאַרבליבן אַליין אין דער הייל נאָכדעם, ווי אַלע אינדיאַנער זיינען אַוועק און האָט אַזוי לאַנג געזוכט, ביז ער האָט געפונען די צווייטע הייל.
ווי נאָר ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אין דער צווייטער הייל געפינען זיך מענטשן, הגם ער האָט נאָך נישט געקענט וויסן, ווער זיי זיינען, האָט ער באַלד אַרונטערגעלאָזט דעם פאַרהאַנג פון דער האַנט, אַרויסגעשפּרונגען אין דרויסן און אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן, שניידיקן פייף. באַלד זיינען ביידע היילן פאַרהילכט געוואָרן פון די אינדיאַנער. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט אונזערע פריינט פון זייער באַהעלטעניש און מיט ווילדע פריידגעשרייען גענומען אַרומטאַנצן אַרום זיי.

קאַפּיטל צען.

די גוראָנעו האָבן זיך דוקא באַצויגן גוט צו די יונגע מיידלאַך, צו גייאורדן און צום זינגער. זיי האָבן געקוקט אויף אונזערע געפאַנגענע מיט דרך-ארץ און פאַרוואונדערונג. אמת, עטלאַכע יונגע אינדיאַנער האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט די גלאַנציקע טיילן פון גייאורדס מונדיר, מיט די קנעפּלאַך, שנירלאַך און בלעכלאַך. זייערע אויגן האָבן געברענט פאַר לוסט צו דידאָזיקע טייערע זאַכן. אייניקע דרייסטערע האָבן זיך אַפילו דערלויבט צוצוגיין און אָנצורירן דעם מונדיר, אָבער באַלד פלעגן זיי אָפּשפּרינגען, פאָלגנדיק דער שאַרפער, פעסטער שטים פון זייער אָנפירער.

גייאורד האָט זיך אַרומגעקוקט און צום ערשטן מאָל איז אים איינגעפאַלן, אַז די אינדיאַנער האָבן נישט בדעה צו דערהרגענען די געפאַנגענע באַלד אויפן אָרט. אַ שוואַכע האָפנונג האָט ווידער אויפגעלעבט אין זיין האַרץ. ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ שמועס מיטן שאַרפאויגיקן פוקס און זיך אַזוי־אַרום אָריענטירן בעסער אין דער לאַגע.

— שאַרפאויגיקער פוקס איז אַ באַרימטער און גרויסער קריגער,—האָט ער אָנגעהויבן,—און געוויס וועט ער זיך נישט אָפּזאָגן צו דערקלערן דעם נישט-באַוואָפנטן ווייסן אָנפירער, וועלכער האָט אים נישט געטאָן קיין שום בייז, וואָס ווילן פון אים די אינדיאַנער.

דער אָנפירער האָט געענטפערט:

—די אינדיאַנער ווילן וויסן, וואו ס׳געפינט זיך דער בלאָסער יעגער, וועלכער קען אַלע שטעגעלאַך אין וואַלד און וואָס זיין ביקס טרעפט אַלעמאָל, וואו ער צילט. וואָס איז געוואָרן מיט דעם לאַנגן ביקס, וואָס זיין קויל האָט געמאַכט אַ וואונד אינם לייב פון דעם אינדיאַנער-אָנפירער?—און שאַרפאויגיקער פוקס האָט אָנגעוויזן אויף זיין וואונד אין פלייצע און בעת-מעשה האָבן זיינע אויגן אַ בליץ געטאָן מיט אומבאַשרייבלאַכן האַס.

גייאורד האָט ווייטער געזאָגט:
—געדיינקט דען אַזאַ דרייסטער קריגער, ווי שאַרפאויגיקער פוקס, די וואונדן, וועלכע ער האָט באַקומען אין שלאַכט?
דער שאַרפאויגיקער פוקס האָט זיך אַ צאַפל געטאָן, ווי אַ שלאַנג.

—האָט ער דען באַקומען די וואונד אין אַ שלאַכט?—האָט ער זיך צושריען.—איז ער דען נישט געזעסן פרידלאַך אונטער אַ בוים? האָט ער דער ערשטער אויפגעהויבן די האַנט? איז זיין צונג דען געווען אַ צווייעדיקע, ווי די צונג פון די בלאַספנים-דיקע? אָ, מאַגוא וועט דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן!!
און זיינע אויגן האָבן געברענט מיט אַזאַ האַס, אַז גייאורד האָט נישט געוואוסט, וואָס אים צו ענטפערן.
דערהערט די דאָזיקע ווערטער פון זייער אָנפירער, האָבן די אינ-דיאַנער גענומען שרייען אָן אַן אָפהאַלט: „דער לאַנגער ביקס! דער לאַנגער ביקס״!
—וואָס ווילן זיי?—האָט גייאורד געפרעגט.
דער אינדיאַנער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און געזאָגט:
—זיי פאָדערן, איר זאָלט זיי מיטן גוטן ווילן אַרויסגעבן דעם בלאַסן יעגער, אויב נישט, וועלן זיי אייך נויטן דערצו.
גייאורד האָט צוגעלייגט זיין האַנט צו דער ברוסט און געזאָגט:

—ער איז אַוועק פון אונז!
—מאַכט אייך נישט קיין שפּאַס מיט אונז. די גוראָנען זיינען נישט אַזוינע נאַראָנים.

—כ'שפּאַס גאָרנישט. ער איז אַוועקגעשוואומען מיטן שטראָם.

—ער האָט דאָך אָבער באַקומען אַ וואונד?
גייאורד האָט אַ שמייכל געטאָן.
—ניין, ער איז נישט פאַרוואונדעט. דאָס בלוט איז אָט פון דעם זינגערס וואונד—גייאורד האָט אָנגעוויזן אויף געמאַטן.—צוזאַמען מיטן יעגער זיינען אויך אַוועק זיינע צוויי רויטהויטיקע פריינט.

דער אינדיאַנער האָט שווייגנדיק גוט באַטראַכט דעם פעלז, פון וועלכן דער יעגער און די מאָהיקאַנער זיינען אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער אַריין, און זיך איבערצייגט, אַז גייאורד זאָגט דעם אמת. ער אַליין וואָלט אויך געקענט באַווייזן אַזאַ מין שפּיצל. איצט איז ער שוין געווען מער ווי זיכער, אַז זיינע פאַרביסנסטע שונאים זיינען אַנטרונען געוואָרן פון זיינע הענט. דאָס האָט אים שטאַרק וויי געטאָן. אין דערזועלביקער צייט אָבער האָט ער זיך באַרוהיקט, ווי די טבע איז פון אַן אינדיאַנער און האָט באַשלאָסן זיך צו באַנוגענען דערמיט, וואָס איז אים אַריינגעפאַלן אין האַנט אַריין.
דער אינדיאַנער האָט אַ וואונק געטאָן, און באַלד האָבן אַלע אַרומגערינגלט די געפאַנגענע. שאַרפאויגיקער פוקס האָט אַ וואָרף געטאָן זיין שאַרפן בליק אויף דער מחנה אינדיאַנער און האָט זיי מיטגעטיילט, אַז זייערע פאַרביסנסטע שונאים, דער יעגער און די מאָהיקאַנער, זיינען אַנטלאָפן. דערהערט דידאָזיקע ידיעה, זיינען די אינדיאַנער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ גרימצאָרן, אַז די אויגן זיינען זיי פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט און פייער. מאַנכע פון זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן מיט זייערע סקאַלפּ-מעסערס אויף די אומבאַוואָפנטע געפאַנגענע. גייאורד האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרייגונגען זיך אַרויסצורייסן פון זייערע אייזערנע הענט. איינער אַן אינדיאַנער האָט אַ כאַפּ געטאָן אליסען פאַר אירע פּרעכטיקע האָר און אויפגעהויבן דעם מעסער איבער איר קאָפּ. דאָס אומגליקלאַכע מיידל איז מיט אַ שרעקלאַכן געשריי אַנידערגעפאַלן אין חלשות. גייאורד האָט גאָרנישט געקענט העלפן און

צוגעמאַכֿט די אויגן פֿון אינערלאַכן אַנגסט: ער האָט נישט געקאָנט זען, ווי מען פּייניקט דאָס צאַרטע מיידל.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט די באַפעלנדיקע שטימע פֿונם אָנפֿירער.

די אינדיאַנער זיינען אָפּגעטראָטן און אָפּגעלאָזט די געפֿאַנגענע.

דער אָנפֿירער האָט אַרויסגערופֿן עטלאַכֿע עלטערע קריגער אָן אַ זייט, זיך אַנידערגעזעצט און זיי אויך געהייסן טאָן דאָס אייגענע. נאָכֿדעם האָט אים איינער פֿון זיי דערלאַנגט אַ ליולקע מיט טאַבאַק. ער האָט אָנגעריבן פֿייער, לאַנגזאַם פֿאַררויכֿערט די ליולקע, זיך פֿאַרצויגן עטלאַכֿע מאָל און איבערגעגעבן די ליולקע זיין שכן. אַזוי האָט די ליולקע אַרומגעשפּאַצירט דעם גאַנצן קרייז. דער לעצטער האָט פֿאַוואָליע אויסגעקלאַפּט דעם אַש און פֿאַרשטעקט די ליולקע הינטערן גאַרטל. נאָך דערדאָזיקער אומבאַדינקטער צערעמאָניע, איז מען צוגעטראָטן צו דער באַראַטונג.

די באַראַטונג איז געווען זייער אַ קורצע. גערעדט האָט אַממערסטן דער אָנפֿירער. זיין באַשלוס איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, ווייל אַלע אָנטיילנעמער האָבן מיט גרויס יראה געשוויגן.

נאָך דער באַראַטונג האָט דער שטרייכגער אָנפֿירער אַ וואונק געטאָן צו די געפֿאַנגענע, זיי זאָלן זיך אַריינזעצן אין אַן אינדיאַנערשיפֿל, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג. גייאורד, דער זינגער און ביידע ציטערדיקע מיידלאַך האָבן זיך אָן אַ ווידערשטאַנד אַריינגעזעצט אינם שיפֿל.

אינם שיפֿל איז אויך אַריין אַן אינדיאַנער, וועלכֿער האָט פֿלינק און געניט אַריבערגעפֿירט דאָס שיפֿל איבער דעם געפֿערלאַכֿן אָרט, וואו דאָס וואַסער האָט שטענדיק געקאָכֿט ווי אין אַ קעסל. אַלע איבעריקע אינדיאַנער זיינען אַריבערגעשוואומען דעם טייך אָן שיפֿלאַך און זיינען אָנגעקומען אויפֿן צווייטן ברעג נאָך אַ ביסל פֿריער, ווי די געפֿאַנגענע.

אויפֿן צווייטן ברעג האָבן זיך די אינדיאַנער ווייטער צונויפֿגעקליבן אין אַ קרייז און זיך ווידעראַמאָל באַראַטן. דאָסמאָל האָט די באַראַטונג נאָך ווייניקער געדויערט. נאָכֿדעם האָט זיך

די מחנה צעטיילט אויף צוויי אָפּטיילונגען. איין מחנה, וואָס איז באַשטאַנען פון זעקס מאַן צוזאַמען מיטן אָנפירער, זיינען געבליבן היטן די געפאַנגענע, די צווייטע אָפּטיילונג, אונטער דער אָנפי-רונג פון אַן עלטערן אינדיאַנער, וועלכער האָט צוגענומען גיי-אורדס פערד, איז אַריבערגעגאַנגען דעם טייך און איז באַלד אַנטרונען געוואָרן פון די אויגן.

גייאורד האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס די אינדיאַנער רע-כענען צו טאָן מיט זיי. אפשר וועט מען זיי אַוועקפירן צו מאַנקאַל-מען. פאַר די געפאַנגענע וואָלט עס געווען אַ גרויסע טרייסט, ווייל עס איז דאָך בעסער אַריינצופאַלן אין די הענט פון די ציוויליזירטע פראַנצויזן, איידער צו זיין אָפּהייגיק פון די ווילדע אינדיאַנער. גייאורד איז צוגעגאַנגען צום אינדיאַנישן מושל און ווידעראַמאָל געפּרובט פאַרפירן אַ שמועס מיט אים.

—איך האָב מיט אייך עפּיס צו ריידן, מאגוא,—האָט ער זיך אָנ-גערופן צום אָנפירער רוהיק און פריינטלאַך.

דער אינדיאַנער האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גלייכ-גילטיק געענטפערט:

—מאגואס אויערן זיינען אָפן.

—יאָ, אָבער דערפאַר זיינען אויך די אויערן פון זיינע קריגער אָפן. דאָס, וואָס איך וויל איצט זאָגן, קאָנען בלויז הערן די אויערן פון אַזאַ גרויסן און קלוגן אָנפירער, ווי מאַגוא, אָבער נישט די אויערן פון איינפאַכע קריגער. אייגנטלאַך, אויב מאַגוא וויל נישט הערן, דאַרף מען נישט. אַן אייגגלישער אָפיציר קען שווייגן.

מיט דידאַזיקע ווערטער האָט זיך גייאורד שטאָלץ אָפּגעקערט און געוואָלט אַוועקגיין. דעמאָלט האָט זיך מאַגוא אויפגעהויבן, אַוועק טיפער אינם וואַלד און געגעבן גייאורדן אַ צייכן, ער זאָל מיט-גיין מיט אים. דערוויטערט זיך אויף אַוויפיל פון דער אינדיאַ-נער-מחנה, אַז קיינער האָט שוין נישט געקענט הערן, וואָס זיי ריידן, האָט זיך דער אינדיאַנער אָפּגעשטעלט און מיט אַ קאַלטער גלייכגילטיקייט אַרויסגעזאָגט:

—שאַרפאויגיקער פוקס הערט זיך צו, ער גיט אייך אָבער אָנצו-

הערן, אַז זײַנע אויערן זײַנען אָפֿן נאָר פֿאַר װיכטיקע װערטער:

גײַאורד האָט אַרױפֿגעלײגט די האַנט אויף דער ברוסט און געזאָגט:

—װי קאָן זײַן אַנדערש? װער װאָלט עס זיך דערװעגט צו באַשװערן אַזאַ הויכן מאַן מיט נאַרישע רײד? אָ, איצט פֿאַרשטײ איך שוין, פֿאַרװאָס אונזער אָנפֿירער הײסט „שאַרפֿאויגיקער פֿוקס”. איך האָב מיך שוין גוט איבערצײַגט אין זײַן קלוגשאַפֿט און שאַרפֿזין און מוט. אַזאַ גרויסן אָנפֿירער איז אַפֿילו צװישן אינדיאַנער שװער צו געפֿינען. קײנער װאָלט נישט געקענט אַזױפֿיל טאָן פֿאַר אונז, װי ער. שוין-זשע האָט ער נישט באַמערקט, אַז דער װאַלד איז פֿול מיט גוראַנען און אַז אַפֿילו אַ שלאַנג װאָלט נישט געקאָנט זיך אַדורכשמוגלען פֿאַרבײַ זײ? צי דען האָט ער זיך נישט אומישנע פֿאַרבלאָנדזשעט, כּדי אָפּצונאַרן די גוראָנען, װעלכע האָבן אים פֿאַרטריבן פֿון זײער דאָרף, װי אַ געװײנלאַכן הונט? איך װײס, מאַגואַ מײנט נאָר אונזער טובֿה און אַז ער האָט שטענדיק מיט גרויס שׂכל געאַרבעט פֿאַר אונזער זיכערקײט און גליק. און איך װײס אויך זײער גוט, אַז די גוראָנען זײַנען מאַגואַס גרעסטע שׂונאים, װאָס שפּילן מיט אים אַ פֿאַלש שפּיל. אָ, איצט האָב איך שוין גענוי פֿאַרשטאַנען דעם שאַרפֿאויגיקן פֿוקס. עס פֿעלן מיר אויס װערטער, אויסצודריקן מײַן ענטציקן. כ׳בין איבערצײַגט, אַז דער אַלטער פֿאָלקאָװניק װעט רײַך באַלוינען שאַרפֿאויגיקן פֿוקס. אָנשטאָט דעם בלײַענעם מעדאַל װעט ער באַקומען אַ גאָלדענעם. זײַן האָרן װעט זײַן שטענדיק פֿול מיט פּולװער. דאָלאַרן װעט ער באַקומען אַזױפֿיל, װיפֿיל ס׳איז דאָ פּערלבעכערס אויפֿן ברעג פֿונם הײליקן געאָרג. מען װעט אים געבן אַזאַ ביקס, װאָס פֿון זײַנעם אַ שאָס װעלן אַװעקפֿאַלן אַלע הירשן און סאַרנעס אינם װאַלד. זײַן נאָמען װעט קלינגען צװישן אַלע שבֿטים, װאָס באַװאוינען דעם ברעג פֿונם ים. און איך, װאָס װעל איך אים געבן? אָ, איך װײס שוין. כ׳װעל דורכפֿירן אַ טײַך פֿון ברענענדיקן װאַסער גלײַך צו זײַן װיגװאַם, ער זאָל קענען דערקװיקן די נשמה שטענדיק, װען

ער וועט רוען ביי זיך אינם דאָרף. דערווילדער האָט זיך אויפ־מערקזאַם צוגעהערט צו גייאורדס ווערטער. פאַר דערדאָזיקער צייט האָט זיין געזיכט אויסגעדריקט פאַרשידענע געפילן. ווען גייאורד האָט לכתחילה דערמאָנט, אַז דער אינדיאַנער האָט אָפּ־געגאַרט די גוראָנען, האָט זיך אויף זיינע ליפּן באַוויזן אַ בייז שמייכעלע. ביי די ווערטער, אַז די גוראָנען האָבן אים אַמאָל פאַריאָגט, ווי אַ הונט, האָבן זיינע בליקן אויסגעדריקט אַזויפיל האַס און גרימצאָרן, אַז גייאורד האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זייער געלונגען באַרירט אַ וואונד. צום סוף, ריידנדיק וועגן דעם טייך פון בראָנפן, וואָס וועט זיך ציען צו זיין געצעלט, איז גייאורד כמעט געוועזן זיכער, אַז ער האָט געווירקט אויפן ווילדן און יענער וועט אָפּטאָן אַ שפּיצל זיינע חברים.

ווען גייאורד האָט געענדיקט, האָט זיך דער אינדיאַנער שטאַרק פאַרקלערט. דער אָפיציר האָט באַשיינפערלאַך געזען, אַז דער אינדיאַנער ווייס דערווייל נישט וואָס פאָרצונעמען. פּלוצלונג האָט ער זיך אָנגערופן:

—גענוג! שאַרפאויגיקער פוקס איז נישט אַזוי נאַריש, ווי דער ווייסער אָנפירער רעכנט. שאַרפאויגיקער פוקס וועט קיינמאָל גאָרנישט נישט טאָן בשתיקה פון זיינע חברים. דער ווייסער הער באַדאַרף זיך גרייטן אין וועג אַריין. ווען שאַרפאויגיקער פוקס וועט געפינען פאַר נויטיק, וועט דער ווייסהויטיקער אָנפי־רער איבערחזרן, וואָס ער האָט געזאָגט.

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט דער אינדיאַנער זיך אַרומגעקוקט מיט חשד. גייאורד האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וויל נישט אַרויס־רופן עפּיס אַ פאַרדאַכט ביי זיינע חברים און איז באַלד אַוועק־געגאַנגען מיט אַן אָנשטעל פון אַן אומצופרידענעם מענטשן.

מאַגוואַ האָט עפּיס אַ זאָג געטאָן צו זיינע אינדיאַנער. זיי האָבן זיך באַלד גענומען גרייטן אין וועג אַריין. מען האָט אָנגעזאָטלט צוויי פערד פאַר די ביידע מיידלאַך. די אינדיאַנער און די איבעריקע זיינען געגאַנגען צופוס. פאָרויס איז געגאַנגען מאַגוואַ און הינטער אים האָט זיך געשלעפּט דער פאַרוואונדעטער זינגער,

ווייטער זיינען געפאָרןביידע מיידלאַך, כמעט נעבן זיי איז גע-גאַנגען דער אָפיציר. צולעצט האָבן מאַרשירט די ווילדע. די מחנה האָט זיך געצויגן צו דרום, און אַקוראַט אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג פונם פאָרט „וויליאַם-הענרי". דאָך האָט גייאורד נישט פאַרלאָרן די האָפנונג, און ער האָט אַלץ גערעכנט, אַז שאַרפ-אויגיקער פוקס האָט אומישנע אויסגעקליבן אַן אַנדער וועג, כדי צו פאַרפירן זיינע חברים.

קאָרע האָט זיך דערמאָנט, אַז ביים געזעגנען זיך מיטן אָדלער-אויג, האָט איר יענער געראַטן, זי זאָל איבערלאָזן אויפן וועג וואָס מער שפּורן: פאַרבויגן אָדער איבערברעכן צווייגן און אַז. וו. איצט האָט זי אויסגענוצט יעדע מעגלעכקייט און וואו זי האָט נאָר געקענט, האָט זי איבערגעלאָזט אַ שפּור, ביז די וואַך האָט דאָס נישט באַמערקט. אין איין אָרט האָט זי איינגעבויגן אַ גרויסן צווייג און אַראָפּגעלאָזט איר הענטשקע. איינער פון דער וואַך האָט עס באַמערקט, האָט ער איר באַלד דערלאַנגט די הענטשקע און בעת-מעשה אַ וואָרף געטאָן אויף איר אַזאַ בייזן בליק, אַז דאָס בלוט האָט איר גענומען קילן אין די אָדערן. דערנאָך האָט ער צובראָכן עטלעכע צווייגן פונם זעלבן בוים, כדי מען זאָל זיך טועה-זיין און מיינען, אַז אַ הירש האָט מיט זיינע הערנער צובראָכן די צווייגן. מען האָט, אַלזאָ, געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק, און קאָרע האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם יע-נערס עצה: איבערצעלאָזן שפּורן הינטער זיך.

קאַפּיטל עלף.

גייאורד האָט אַלץ געהאָפּט, אַז סוף כּל סוף וועט מאַגוּאַ ענדערן די ריכטונג און וועט אַרויף אויפן וועג, וואָס האָט געפירט צום פאָרט „וויליאַם-הענרי״. דער אינדיאַנער אָבער האָט זיך פעסט געהאַלטן ביים אַלטן מאַרשרוט. אַזוי זיינען אַריבער אַ פּאָר שעה. די וואַנדערער האָבן זיך אויפגעהויבן אויפן שפּיץ פון אַ הויכן משופּעדיקן באַרג און דאָ האָט דער אָנפירער געהייסן זיך אָפּרוען. מאַכן אַן אָנפאַל אויפן באַרג איז געווען אוממעגלאַך, ווייל ער איז געווען צו־הויך, מיט גלייכע גלאַטע זייטן.

די גאַנצע מחנה האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. איינער פון די אינדיאַנער האָט אונטערוועגס דערהרגעט אַ הירש. איצט האָבן די איבעריקע אויסגעשניטן פון אים די בעסטע שטיקער פלייש און זיי אויפגעגעסן רויערהייט. שאַרפאויגיקער פוקס איז די גאַנצע צייט געלעגן שטום, אָן באַוועגונג, פאַרטיפט אין שוואַרצע מחשבות און האָט גאָרנישט געוואָלט עסן.
גייאורד האָט גערעכנט, אַז שאַרפאויגיקער פוקס קלערט איצט איבער די מיטלען, ווי אַזוי אָפּצונאַרן זיינע חברים; ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַ פרעג געטאָן ביי אים:
—שוין-זשע איז שאַרפאויגיקער פוקס ווייניק געגאַנגען קעגן דער זון? האָט ער נאָך אַלץ מורא פאַר די קאַנאַדער איינוואוינער?

גייאורד האָט עס געפרעגט מיט אַזאַ קאַלטבלוטיקייט, פונקט ווי־

זיי ביידע וואָלטן געשלאָסן עפּיס אַ געהיימען פאַרשווערונגסאָפּ-מאַך.
—שאַרפאויגיקער פוקס טוט דאָס, וואָס ער געפינט פאַר נויטיק,—האָט שאַרף אָפּגעענטפערט דער אינדיאַנער.
—אָבער וואָס פריער דער פאָלקאָוניק מונרא וועט זיך טרעפן מיט זיינע טעכטער, אַלץ גרעסער וועט זיין מאַגואַס באַלוינונג.

—אָ, מאַגואַ געדיינקט די ברייטהאַרציקייט פונם גרויען קאָפּ,—האָט דער אינדיאַנער געזאָגט. אין זיין שטימע האָט זיך געשפּירט אַ פאַרבאָרגענע איראָניע. דערפאַר אָבער האָבן זיינע אויגן אויפ-געבליצט מיט אַזאַ האַס, אַז גייאורד וואָלט זיך זיכער דערשראָקן, ווען זיין בליק וואָלט פאַלן אויף דעם אינדיאַנערס געזיכט. ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז מיט קיין שום הבטחות אין דער וועלט וואָלט ער נישט געקענט מילדערן דעם האַס פונם שאַרפאויגיקן פוקס.
—זאָל דער וויסער אָנפירער גיין צו דער שוואַרצאויגיקער טאָכ-טער פונם גרויען קאָפּ און איר זאָגן, אַז שאַרפאויגיקער פוקס וויל מיט איר ריידן,—האָט ער צוגעגעבן מיט אַ באַפעלנדיקן טאָן.

גייאורד איז געווען איבערצייגט, אַז דער גיריקער און איינגע-שפאַרטער אינדיאַנער וויל הערן נאָך אַ פעסטערע פאַרזיכערונג פון אַלע געפאַנגענע און וויל מסתמא אויסבעטלען נאָך עפּיס. ער איז אַוועק צו די מיידלאַך און האָט איבערגעגעבן קאָרען, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. ער האָט איר דערציילט פון זיין שמועס מיטן אינדיאַנער, און האָט איר אָנגעוויזן, ווי אַזוי זי זאָל מיט אים ריידן און האַנדלען.
גייאורד האָט צוגעפירט קאָרען צום שאַרפאויגיקן פוקס און האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן נעבן זיי. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַזויאַרום וועט ער זיך אויך קאָנען באַטייליקן אין זייער געשפּרעך. אָבער מאַגואַ האָט זיך שאַרף אָנגערופן.
—ווען שאַרפאויגיקער פוקס וויל עפּיס זאָגן, טאָרן דאָס זייטיקע אויערן נישט הערן.

גייאורד האָט געמוזט אָפּטרעטן און קאָרע האָט מיט ווירדע גע-פרעגט דעם אינדיאַנער:

—וואָס וויל שאַרפאויגיקער פוקס זאָגן דער טאָכטער פונם פּאַל-קאָווניק מונרא?

—ער האָט איר אַ סך צו זאָגן,—האָט מיט אַ נישט קלענערער ווירדע געענטפערט דער אינדיאַנער, דראַפּירנדיק זיך אין זיינע שמאַטעס,—אַכטאונצוואַנציק מאָל האָט מאַגוואַ געזען, ווי נאָך אַ ווינטער קומט דער פרילינג און אַ לאַנגע צייט האָט ער געלעבט אַלס אַנפירער פון די גוראָנען, ביז ער האָט זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט די ווייספּנימדיקע. אַכטאונצוואַנציק יאָר האָט ער נישט געוואוסט פון פיין און בזיונות, ביז די ווייספּנימדיקע זיי-נען נישט געקומען. דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן צו טרינקען דאָס ברענענדיקע וואַסער און פון אַ דרייסטן, ערלאַכן אַנפירער, האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מאוסן הונט. די גוראָנען האָבן אים אַרויסגעיאָגט פון זיין דאָרף, וואו ער איז געווען מושל און אָנ-פירער. ער איז אַוועק אין דער שטאָט פון האַרמאַטן און דאָ האָט ער זיך דערגערט פון געיעג און פישפאַנג, ביז ער איז אַריינ-געפאַלן צו זיינע שונאים, די מאַגאַאוקן אין די הענט. מאַגוואַ, וואָס איז לויט זיין יחוס און מעלות געווען אַן אַנפירער, האָט געמוזט ווערן אַ פּשוטער קריגער.

דער ווילדער האָט זיך עטוואָס פאַרהאַלטן אונטער דער ווירקונג פון זיינע פיינלאַכע ערינערונגען. עטלאַכע מינוט האָט ער גע-שוויגן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, דערנאָך אָבער האָט ער וויי-טער גערעדט מיט טרוקן-ברענענדיקע אויגן:

—צי דען איז מאַגוואַ שולדיק, וואָס זיין קאָפּ איז נישט פון שטיין? ווער האָט אים געגעבן בראָנפן און ווער האָט אים אויסגעלערנט צו טרינקען דאָס ברענענדיקע וואַסער? ווער האָט אים פאַר-וואַנדלט אין אַ שמוציקן הונט? ווער, אויב נישט די ווייספּנים-דיקע?

ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און באַלד דערויף ווייטער גע-זאָגט:

—ווען די קאַנאַדישע טאַטעס האָבן אויסגעגראָבן זייערע טאָמאַ-

האַוועקס פון דער ערד און געגאַנגען אויף מלחמה געגן איינאַבדער, איז מאַגוּאַ אַריינגעטראָטן אין די רייען פון די מאַגאַאוקן און געקעמפט געגן זייער אייגענעם שבט. באַלד אָבער האָבן די ווייספּנימדיקע פאַרטריבן די רויטהויטיקע פון די וועלדער און פעלדער און זיי צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע עקן פון אונזער לאַנד. אייער פאָטער איז דעמאָלט געווען אָנפירער פון אונזערע הילות, ער האָט פאַרבאָטן צו טרינקען דאָס ברענענדיקע וואַסער און האָט געמאָלדן, אַז דער, וואָס וועט קומען צו אים אַ שכורער, וועט שטרייַנג באַשטראָפט ווערן. מאַגוּאַ איז בכיון אָנגעשיכורט געוואָרן... דאָס ברענענדיקע וואַסער האָט אים צומישט די רעיונות און אין אַזאַ צושטאַנד איז ער אַוועק צום וויגוואַם פונם גרויען קאָפּ. און דער גרויער קאָפּ האָט באַפוילן... אָבער זאָל שוין בעסער די טאָכטער אַליין זאָגן, וואָס איר טאַטע האָט געטאָן מיט מאַגוּאַ.

—יאָ, איך געדיינק!—האָט אויסגעשריען דאָס יונגע מיידל,—דער פאָטער האָט באַשטראָפט דעם שולדיקן, אָבער ער האָט דאָך עס געטאָן מיט יושר.

—מיט יושר!—האָט מאַגוּאַ אַ געשריי געטאָן און אַ ווילדער גרימצאָרן האָט אַ בליץ געטאָן אין זיינע אויגן.—איז דאָס רעכט אַזוי—פריער צוגעוויינען אַ מענטשן צו שלעכטע מעשים און שפּעטער באַשטראָפן אים דערפאַר? מאַגוּאַ איז נישט געווען שולדיק, ווייל ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. דאָס ברענענדיקע וואַסער האָט גערעדט אין אים. דער גרויער קאָפּ האָט דאָס נישט געוואָלט פאַרשטיין, ער האָט זיך גאָרנישט געוואָלט רעכענען דערמיט, אַז מאַגוּאַ איז אַן אַלטער אָנפירער און האָט אים געהייסן... דערשיסן, ווי אַ שמוציקן הונט... אָ, מאַגוּאַ וועט דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

דעם ווילדנס גרימצאָרן האָט שוין איצט נישט געוואוסט פון עפּיס אַ מאָס, מאַגוּאַ האָט געריסן די קליידער אויף זיך און געשריען:

—אָט זיינען צייכנס פון וואונדן!—האָט ער געוויזן מיט דער האַנט אויף דער ברוסט,—אָבער איך האָב זיי באַקומען אין שלאַכט.

פאַר אַזעלכע צייכנס דאַרף זיך נישט שעמען קיין שום ערלאַ-כער קריגער און דאַרף זיי נישט פאַרדעקן און באַהאַלטן... אָבער אייער פאָטער, האָט איבערגעלאָזט אויף מאַגואַס קערפּער אַזעלכע סימנים, וועלכע זיינען אַ חרפּה פאַר אַן אָנפירער און מען מוז זיי באַהאַלטן... מאַגואַ מוז זיך איצט קליידן ווי אַ ווייסער, די חברים זיינע זאָלן נישט זען די שענדלעכע סימנים. צי פאַרשטייט אָבער דאָס יונגע מיידל, מיט וואָס עס צאָלט אַן אינדיאַנער פאַר אַזעלכע באַליידיגונגען? צי ווייס זי, אַז מען קאָן זי ריין-וואַשן נאָר מיט בלוט?

מאַגואַ האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און ווייטער גערעדט.

—ווען די ציפּעוואַסן האָבן צוגעבונדן מאַגואַ צו אַ סלופּ און אים געשונדן דאָס לייב,—ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן וואונד-צייכן אויף זיין ברוסט,—האָט ער זיי געלאַכט אין פּנים אַריין און געזאָגט, אַז נאָר שוואַכע פרויען קענען פילן אַזעלכע וואונדן. אָבער אַז מונראָס דינער האָבן אים גענומען שלאָגן מיט שטעקנס—אָ, דעמאָלט האָט ער נישט געלאַכט, נאָר געוויינט פאַר חרפּה. אָבער אַן אינדיאַנער שווייגט נישט. אַן אינדיאַנער צאָלט אַלע-מאָל מיט גוטס פאַר גוטס און מיט שלעכטס פאַר שלעכטס!

—אויף אַזאַ אופן,—האָט זיך קאָרע אָנגערופן,—וויל מאַגואַ זיך נוקם זיין אין די שוואַכע אומשולדיקע טעכטער פונם פּולקאָווניק: צי פּאַסט עס פאַר אַ פרייען, ערלאַכן אָנפירער?—צי וועט מען דען נישט זאָגן, אַז מאַגואַ איז נאָר אַ בריה אין אַ מלחמה מיט שוואַכע פרויען? צי וואָלט נישט געווען שענער און איידעלער אָפּצולאָזן די אומ-שולדיקע און פאָדערן אַ פאַרגיטיקונג ביים פּאָלקאָווניק מונראָ?

—מאַגואַ איז נישט קיין נאַר, ער זאָל טאָן אַזאַ נאַרישקייט. די ווייסע האָבן טאָפּעלע צינגער, לאַנגע ביקסן און שאַרפע מע-סערס,—האָט זיך מאַגואַ ביטערע צעלאַכט.

—וואָס אָבער וויל מאַגואַ טאָן מיט אונז?—האָט קאָרע אַ פרעג געטאָן מיט אַן אינערלאַכער אומרוהיקייט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די סכּנה איז זייער גרויס.

—איך קאָן אָפּלאָזן די שוואַרצאויגיקע פרוי, אָבער מיט איין תנאי.

—מיט וואָס פאַר אַ תנאי?—האָט קאָרע אַ פרעג געטאָן און דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן צו קלאַפּן פאַר פרייד.
דער אינדיאַנער האָט אַ ווײַלע געוואַרט און נאָכדעם זיך אָנגערופן:
—מאַגואַ האָט זיך איצט איבערגעבעטן מיט זיין שבט און וועט זיך צוריקקערן צו די קברים פון זיינע אבות, אויפן ברעג פון דער גרויסער אָזיערע. נאָר זאָל די שוואַרצאויגיקע פרוי גיין מיט אים אין זיין וויגוואַם און ווערן זיין פרוי. מאַגואַ האָט באַשלאָסן,—האָט ער פעסט צוגעגעבן,—אַז די שיינע טאָכטער פונם גרויען אָנפירער זאָל וואוינען אין זיין וויגוואַם, טראָגן אים וואַסער פונם טייכל, באַאַרבעטן זיין פעלד, קאָכן אים עסן און זיין, באַטירלאַך, זיין פרוי. שוואַרצאויגיקע, דערמיט האָט מאַגואַ שוין אַלץ געזאָגט!
ער האָט געגעבן אַ צייכן, אַז דער שמועס איז געענדיקט. קאָרע האָט געוואָלט עפּיס זאָגן, אָבער ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן און איז צוגעגאַנגען צו די ווילדע, וועלכע האָבן זיך צעלייגט אויפן גראָז און זיך אָפּגערוט, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעפרעסן מיט רויען פלייש. קאָרע האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן, און האָט זיך אומגעקערט צו אירע חברים.
—נו, קאָרע, וואָס האָט איר געמאַכט מיטן ווילדן?—האָט גייאורד געפרעגט, לויפנדיק איר אנטקעגן פון דערווייטן.
—אָ, דונקאַן, פרעגט שוין גאָרנישט. די לאַגע איז זייער אַ שווערע...—האָט קאָרע געענטפערט. אירע נערוון האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן און, כליפּענדיק, איז זי אַרייַנגעפאַלן אין די אָרעמס פון איר שוועסטער.
אַז זי האָט זיך עטוואָס באַרוהיקט, האָט זי זיי איבערגעגעבן דעם שמועס מיטן אינדיאַנער. גייאורד האָט געוואָלט לויפן צום ווילדן און אים צערייסן אויף שטיקער. קאָרע אָבער האָט אים אָנגעוויזן, אַז ער קען גאָרנישט אויפטאָן איינער געגן זעקס. גייאורד האָט נישט-ווילנדיק געמוזט איינשטימען דערמיט און

האָט זיך טרויעריק אַנידערגעזעצט אָן אַ זייט.

שאַרפאויגיקער פוקס האָט בעת מעשה עפּיס גערעדט צו די ווילדע. באַלד ביי די ערשטע ווערטער זיינען זיי אויפגעשטאַנען פון די ערטער און האָבן אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון אים די אויגן.

לכתחילה האָט דער רעדנער גערעדט זייער רוהיק; די ווערטער האָבן זיך שטיל געגאָסן. נאָכדעם אָבער איז זיין קול געשטיגן אַלץ העכער און העכער און בעת מעשה האָט מאַגוּאַ אָנגעוויזן ערגיץ ווייט מיט זיין רעכטער האַנט. גערעדט האָט ער זייער לאַנג און מסתּמא זייער גוט און קלוג, ווייל די צוהערער זיינען געוואָרן אַלץ מער באַגייסטערט מיט זיינע ווערטער. ס'האָבן זיך געהערט אויסרופן: „אָי, גוי!”

פּלוצלונג האָבן די ווילדע אָנגעהויבן צו שרייען און זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אויפגעהויבענע טאָמאַהאַווקען אויף די אומבאַוואָפנטע געפאַנגענע. גייאורד האָט פאַרדעקט מיט זיין קערפּער די צוויי מיידלאַך, כּדי דער ערשטער צו פאַלן אַלס קרבן. אין איין אויגנבליק וואָלט, נאַטירלאַך, פאַרבליבן אַ הייפל צופליקטע ביינער פון די ווייסע, ווען שאַרפאויגיקער פוקס וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט. ער האָט זיך געוואָרפן צווישן די געפאַנגענע און די אָנפאַלער און האָט געזאָגט די לעצטע, אַז איידער צו טויטן דאָ אויפן אָרט די געפאַנגענע, איז אַ סך גלייכער מען זאָל זיי פריער אַ ביסל צופּייניקן מיט פאַרשידענע מיטלען.

דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן מיט התלהבות. די ווילדע זיינען באַלד צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. צוויי געזונטע, שטאַרקע אינדיאַנער האָבן זיך געוואָרפן אויף גייאורדן, דער דריטער אויף געמאַטן. אָבער נישט דער ערשטער און נישט דער צווייטער האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן אָן אַ קאַמף. דער שוואַכער געמאַט איז אפילו באַלד געבונדן געוואָרן, אָבער גייאורד האָט זיך נאָך לאַנג געראַנגלט און ערשט דאַן האָט מען אים געקענט באַזיגן, ווען די צוויי אינדיאַנער האָבן גענומען צו הילף אַ דריטן. זיי האָבן אים אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, געבונדן די הענט און די פיס און נאָכדעם צוגעבונדן צו אַ בוים. דאָס-

זעלבע האָבן זיי אויך געטאָן מיט דיביידע מיידלאַך. קאָרען האָבן זיי צוגעבונדן צו אַ בוים רעכטס פון גייאורדן. זי איז געווען בלאַס, אָבער אין אירע אויגן האָט געברענט אַ פייערל פון מוט. אליסע איז געשטאַנען האַלב־פאַרחלשט און בלויז די צווייגן, מיט וועלכע זי איז צוגעבונדן געוואָרן צום בוים, האָבן נישט דערלאָזט, זי זאָל אומפאַלן. געמאַט איז געבליבן ליגן אַ געבונדענער אויף דער ערד.

נאָכדעם האָבן די ווילדע צוגעטראַכט די מיטלען, ווי אַזוי צו פייניקן די ווייסע. איינער האָט געקליבן טרוקענע צווייגן. מען האָט באַשלאָסן צו פאַרלייגן אַ פייער און פאַרברענען די געפאַנגענע נאָכן פייניקן. אַנדערע, ווידער, האָבן צוגעגרייט פיילן צו שיסן אין די קרבנות. צוויי אינדיאַנער האָבן צוגעבויגן צוויי ביימער צו איינאַנדער און זיי פעסט צוזאַמענגעבונדן ביי די שפיצן. צו די ביימער האָבן זיי געזאָלט שפּעטער צובינדן גייאורדן און נאָכדעם איבערהאַקן די שפיצן. די ביימער וואָלטן דאַן אָפּגעשפּרונגען איינער פון צווייטן און דער אומגליקלאַכער אָפיציר וואָלט אַזויאַרום צוריסן געוואָרן אויף צווייען. די אַלע הכנות האָבן די אינדיאַנער דורכגעפירט זייער לאַנגזאַם, כדי צו פייניקן און צו שרעקן דערמיט די געפאַנגענע. שאַרפאויגיקער פוקס איז באַלד צוגעגאַנגען צו קאָרען. מיט אַ פאַרביסענעם שמייכל האָט ער איר אָנגעוויזן אויף איר גורל, און האָט זיך אָנגערופן:

—נו, וואָס וועט איצט זאָגן די טאָכטער פונם בייזן אָנפירער? וויל זי נאָך אַלץ נישט זיין דאָס ווייב פונם שאַרפאויגיקן פוקס? וויל זי נאָך אַלץ בעסער שטאַרבן? די ווייסע קאָן איצט ראַטעווען איר לעבן, ווען זי וועט האַנדלען קלוג...

—לאָז מיך אָפּ...—האָט קאָרע מיד און שטיל אַרויסגעזאָגט. זי האָט זיך עפּוואָס געוואַקלט און נאָכדעם זיך אָנגערופן צו אירע וועגחברים:—אליסע, גייאורד! איר האָט געהערט, וואָס דער גוראָן האָט געזאָגט. ווילט איר אפשר אַזויאַרום באַפרייט ווערן? איך בין גרייט...

—ניין, ניין!—האָט זיך דערהערט אַן ענטפער פון די געבונדע-

בע—בעסער דער טויט, איידער אַזאַ חרפה...

קאָרע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דעם ווילדן:

—דו האָסט געהערט, גוראָן?—האָט זי אַ פרעג געטאָן דעם אינ־דיאַנער.—דאָס איז אונזער ענטפער. איצט קאָנסטו טאָן מיט אונז, וואָס דו ווילסט...

—טאַ שטאַרב די ערשטע!—האָט דער אינדיאַנער ווילד אויסגע־רופן, ביי דידאָזיקע ווערטער האָט ער מיט אַלע כוחות אַ וואָרף געטאָן זיין טאָמאַהאַווק אין קאָרען. נישט-געקוקט אָבער אויפן נאָענטן שטח, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון קאָרען, האָט ער דאָך נישט געטראָפן אינם מיידל, ווייל זיין גרימצאָרן האָט אים פאַרנעבלט די אויגן. דער טאָמאַהאַווק איז דורכגעפלויגן אַ ביסל ווייטער און זיך אַריינגעהאַקט אין אַ נאָענטן בוים. אין דער איי־גענער רגע האָט גייאורד צוריסן די צווייגן, וואָס האָבן אים צו־געבונדן צום בוים און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַן אינ־דיאַנער, וועלכער האָט געהאַט בדעה צו לאָזן זיין טאָמאַהאַווק אין אליסען. ביידע דם-שונאים האָבן זיך פעסט אַרומגעכאַפּט און זיינען אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. דער ווילדער אָבער איז געווען כמעט נאַקעט און זיין גלאַטער קערפּער האָט זיך אַרויס־געגליטשט פון גייאורדס הענט, ווי אַ שלאַנג. דער אינדיאַנער איז אויפגעשפּרונגען אויף גייאורדן און אים צוגעדריקט מיט דער קני די ברוסט. גייאורד האָט שוין געזען, ווי אין דער לופט האָט אַ בליץ געטאָן אַ מעסער. האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און געוואַרט אויפן קלאַפּ... פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שאָס און גייאורד האָט דערפילט, ווי זיין ברוסט ווערט באַפרייט. ער האָט געעפנט די אויגן. דער אינדיאַנער איז געווען בלאַס און דער־שראָקן. באַלד דערויף האָט ער אָנגעהויבן צו כאָרכלען און איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד.

קאַפּיטל צוועלף.

דער פּלעצלאַכער שאָס און דער טויט פון איינעם פון זייערע חברים האָט שטאַרק איבערראַשט די אינדיאַנער. פאַרבליפט און צומישט האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט. באַלד אָבער האָבן זיי גענומען שרייען משוגענערווייז:

—דער לאַנגער ביקס! דער לאַנגער ביקס!—דאָס איז זיין אַרבעט!

די ווילדע האָבן אָנגעהויבן יאָמערלאַך צו וואָיען: זיי האָבן נישט געוואוסט, וואָס דאָ געשעט. פונם נאָנטסטן וועלדל, וואו די ווילדע האָבן איבערגעלאָזט זייערע ביקסן צוזאַמען מיטן יעגערס לאַנגן ביקס, האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער קאַמפּסרוף. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אויך באַוויזן דער יעגער גופא מיט זיין ביקס אין דער האַנט, און דערדאָזיקער ביקס האָט שוין באַוויזן אַזוי געלונגען אויסצושיסן.

מיטן ביקס אין איין האַנט און מיט אַ גראָבן שטעקן אין דער צווייטער איז דער יעגער שנעל געלאָפן צו די פאַרבליפטע אינדיאַנער. הגם ער איז געלאָפן זייער שנעל, דאָך האָט אים אייבערגעיאָגט די שלאַנקע און גראַציעזע פיגור פון אונקאַס. דער יונגער מאָהיקאַנער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער אינדיאַנער-מחנה, זיינע אויגן האָבן בייז געבליצט און ווי אַ צורייצטער לייב האָט ער געפאָכעט מיט זיין מעסער און טאָמאַהאַווק. באַלד דערויף האָט זיך באַוויזן צינגאַנגוק. דער אַלטער מאָהיקאַנער איז געווען אַזוי גוט באַוואָפנט, ווי זיין זון. דערזען אַזוי אומגעריכט

דידאָזיקע דריי מענטשן, וואָס זייער דרייסטקייט איז זיי אַזוי גוט באַקאַנט געווען, האָבן זיי זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן און גענו־מען שטאַמלען מיט שרעק:
—דער לאַנגער ביקס! דער שנעלפיסיקער הירש! די גרויסע שלאַנג!

אָבער איין שאַרפאויגיקער פוקס האָט זיך נישט פאַרלאָרן. ער האָט באַלד באַמערקט, אַז ער האָט פאַר זיך בלויז דריי שונאים, אויב מען זאָל נישט רעכענען דעם אומבאַוואָפנטן גייאורדן. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ הילכיקן קאַמפסרוף און זיך בליצשנעל אַ וואָרף געטאָן אויף ציגגאַנגוקן. באַלד האָט זיך צווישןביידע גלייך שטאַרקע און פאַרביסענע געגנער, אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. דער ביישפּיל פונם אָנפירער האָט אויפגעמונ־טערט די אינדיאַנער־מחנה, און זיי האָבן זיך אויך געוואָרפן אויף די עטלאַכע מענטשן. אַזוי ווי קיינער האָט נישט געהאַט קיין הייס געווער, האָט מען זיך געשלאָגן מיט מעסערס און טאָמאַ־האַווקן.
אָדלעראויג און אונקאַס זיינען ממש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לייבן.
גייאורד האָט זיך דערווייל אינגאַנצן באַפרייט פון די צווייגן, וואָס האָבן געבונדן זיינע פיס, און ער האָט זיך אויך באַטייליקט אינם קאַמף. פון ביידע זייטן האָבן זיך געשאָטן פלינקע און גע־נימע קלעפּ. דער יעגער האָט שנעל פאַרענדיקט מיט זיין געג־נער. צוערשט האָט ער מיט עטלאַכע קלעפּ אַרויסגעשטויסן פון זיין געגנערס האַנט דאָס מעסער און שפּעטער האָט ער אים גע־שפּאָלטן דעם קאָפּ. דאָסזעלביקע האָט געטאָן אונקאַס. צוערשט האָט אים זיין געגנער לייכט פאַרוואונדעט, דערנאָך אָבער האָט ער אים געשפּאָלטן דעם קאָפּ אויף דער העלפט. אַנדערש האָט זיך גייאורד געראַנגלט. דער היציקער יונגערמאַן, וואָס האָט נישט געוואוסט, ווי מען באַגייט זיך מיטן טאָמאַהאַווק, וועלכן ער האָט אויפגעהויבן פון דער ערד, האָט ער אים בלויז געוואָרפן דעם געגנער אין קאָפּ אַריין. ער האָט זיין געגנער טאַקי געטראָפן, אָבער נישט פאַרוואונדעט, נאָר אויף אַן אויגנבליק צוטומלט.

ווען דער אינדיאַנער איז געקומען צו זיך און האָט דערזען, אַז גייאורד האָט נישט קיין געווער, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ פרייד-געשריי, נאָכדעם זיך דרייסט געוואָרפן אויף אים און אים לייכט פאַרוואונדעט. גייאורד איז אויך אַריינגעפאַלן אין אַ מין צושטאַנד פון אַ ווילדן. נישט האָבנדיק די מעגלאַכקייט צו ענטפערן אויף די קלעפּ, האָט ער געכאַפּט דעם אינדיאַנער ביי די זייטן און אים פעסט געהאַלטן מיט זיינע שטאַרקע הענט. דער אינדיאַנער האָט זיך מיט אַלע זיינע כּוחות געריסן פון זיינע אָרעמס און גייאורד האָט געפילט, אַז באַלד וועט ער אים מוזן אָפּלאָזן. אין דער אייגענער רגע אָבער האָט ער דערהערט אַ מונטערן געשריי:

—שטאַרקט זיך, סער! דרייסטער! דרייסטער, סער!—און באַלד האָט זיך אויף זיין געגנער אַראָפּגעלאָזט דעם יעגערס שווערער שטעקן. דער אינדיאַנער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד מיט אַ צושמעטערטן שאַרבן.

פאַרענדיקט מיט זיין געגנער, האָט זיך אונקאַס אומגעקערט און איז אַזוי ווי פאַרגליווערט געוואָרן פאַר שרעק: דער פינפטער אינדיאַנער, וועלכער האָט נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו ראַנגלען, האָט געוואָלט זיך אַ ביסל פריילאַך מאַכן מיט די געפאַנגענע מיידלאַך. מיט אַ ווילדן געשריי האָט ער געוואָרפן זיין טאָמאַהאַווק אין קאָרען. דער טאָמאַהאַווק אָבער האָט נאָר באַרירט דאָס מיידל ביי דער פּלייצע און האָט איבערגעשניטן די צווייגן, מיט וועלכע זי איז געווען צוגעבונדן צום בוים. זיך דערפילט פריי, איז קאָרע שנעל צוגעלאָפן צו אליסען. דער ווילדער אָבער האָט זי באַלד דעריאָגט און געכאַפּט פאַר די שיינע האָר. מיט אַ ווילדן, ברוטאַלן געלעכטער האָט ער איר אויסגעבויגן דעם קאָפּ אַזוי, אַז דאָס מיידל האָט געמוזט פאַלן אויף די קני. און דעמאָלט האָט דער ווילדער אויפגעהויבן איבער איר קאָפּ זיין לאַנג מעסער... דערזען דאָס מיידל אין אַן אומגליק, איז אונקאַס הענדום-פענדום צוגעלאָפן און אַרויסגעקלאַפּט אים דאָס מעסער פון דער האַנט. דער גוראָן האָט זיך אומגעקוקט מיט בליצנדיקע ווייסלען, אָפּגעלאָזט קאָרען און זיך געוואָרפן אויף אונקאַסן.

ביידע האָבן זיך אַרומגעכאַפּט ווי חיות, זיי האָבן זיך אָבער נישט לאַנג געראַנגלט. אונקאַס האָט אַריינגעשטאָכן דאָס מעסער זיין געגנער אין האַרצן אַריין. אין דעמדאָזיקן מאָמענט האָט אָדלער־אויג אין איין זייט און גייאורד אין אַ צווייטער זייט פאַרענדיקט זייער געפעכט מיט די אינדיאַנער. די לעצטע זיינען געפאַלן אונטער זייערע הענט.

אין אַן אַנדער ווינקל האָט זיך נאָך געראַנגלט שאַרפאויגיקער פוקס מיט דער גרויסער שלאַנג. ביידע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער קאַמף וועט זיך ענדיקן מיטן טויט פאַר איינעם פון זיי און ביידע האָבן אָנגעווענדט די לעצטע כוחות צו באַזיגן דעם געג־נער.

ביידע האָבן געוויזן, אַז נישט אומזיסט זיינען זיי אָנפירערס פון זייערע שבטים.

צוערשט זיינען זיי ביידע געשטאַנען, ווי צוגעשמידטע און שאַרף געקוקט איינער אויפן צווייטן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן ביי־דע צוגלייך געוואָרפן זייערע טאָמאַהאַווקן און ביידע האָבן גלייך געשיקט אויסגעמידן דעם קלאַפּ. דעמאָלט האָבן זיי זיך איינציי־טיק געוואָרפן אויף אייגאַנדער און זיך צונויפגעפלאָכטן מיט די הענט און פיס. דער קאַמף האָט לאַנג געדויערט. ס׳איז נישט מעגלאַך געווען פאָרויסצוזאָגן, ווער עס וועט זיגן, ווען אונקאַס, אָדלעראויג און גייאורד זיינען פריי געוואָרן, האָבן זיי געוואָלט אַרויסהעלפן צינגאַנגגוקן. דאָס איז אָבער געווען אוממעגלאַך. ביידע געגנער האָבן זיך צוזאַמענגעקנוילט, ווי אַ שטיק אומטיילבאַרע מאַסע. אומזיסט האָט אונקאַס געזוכט אַריינצושטעכן דעם מעסער אין דער בריוסט פון זיין פאָטערס געגנער! אומזיסט האָט דער יעגער געלויערט אַראָפּצולאָזן זיין שטעקן אויפן גוראָנס קאָפּ. אומזיסט האָט גייאורד געוואָלט פּאַקן דעם אינדיאַנער פאַר אַ פוס אָדער אַ האַנט. דער געדיכטער שטויבוואָלקן, וועלכער האָט איינגעהילט די געגנער, האָט נישט דערלאָזט אונטערצושיידן דעם פיינט פונם פריינט. אויב אַמאָל פלעגט זיך אַרויסווייזן פונם שטויב מאַגוואַס קאָפּ מיט די קליינע שפּיציקע אויגעלאַך, און אונקאַס אָדער דער יעגער האָבן זיך מכין געווען אַ קלאַפּ צו טאָן דערויף, פלעגט

באַלד דערדאָזיקער קאָפּ פאַרשווינדן אינם שטויב און אויף זיין אָרט פלעגט זיך באַווייזן צינגאַנגוקס פּיין און ערנסט געזיכט. ביידע ראַנגלענדיקע קערפּער האָבן זיך דערנענט, ווי אַ קנויל, אַלץ מער און מער צום אָפּגרונט. צינגאַנגוקן איז אָבער געלונגען אַ שטאָך צו טאָן זיין געגנער מיטן מעסער. דער גוראָן האָט באַלד אַוועקגענומען זיינע הענט, זיך אויסגעצויגן און געבליבן ליגן אָן באַוועגונג. דער מאָהיקאַנער איז אויפגעשפּרונגען און פאַרהילכט די געגנט מיט אַ נצחון-אויסגעשריי.

—הוראַ! הוראַ! זאָל לעבן דער מאָהיקאַנער!...—האָט אָדלערראויג אויסגערופן מיט גרויס התלהבות.

דאָ אָבער האָט זיך דערהערט אונקאַסעס אַ געשריי. דער יעגער האָט זיך אומגעקוקט און ברייט געעפנט דאָס מויל פון פאַרוואונדערונג. דער גוראָן איז נישט געווען טויט, ער האָט זיך נאָר פאַרשטעלט אַזוי קונציק פאַר געפערלאַך פאַרוואונדעט. איצט האָט ער אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען אַלע האָבן אָן אים פאַרגעסן און איז מיט איין שפּרונג פאַרשוואונדן געוואָרן אינם וועלדל. דער ערשטער האָט דאָס באַמערקט אונקאַס און זיך באַלד געלאָזט לויפן נאָך אים. נאָך אים איז געלאָפן דער פאַטער.

ביידע אָבער זיינען באַלד צוריקגעקומען מיט גאָרנישט.

—לאָמיר נאָר זען, אַז די אַנדערע גוראָנען זאָלן נישט אויפשטיין קיין תחית-המתים...—האָט אָדלערראויג באַמערקט.

מיט דידאָזיקע ווערטער איז דער יעגער צוגעגאַנגען צו די טויטע גוראָנען און אַריינגעשטאָכן זיין מעסער יעדן גוראָן אין האַרץ אַריין. ער האָט דאָס געטאָן אַזוי גלייכגילטיק, פּונקט ווי ער וואָלט נישט געהאַט צו טאָן מיט מענטשן, נאָר מיט שטיקער האָלץ.

צינגאַנגוק האָט דערווייל סקאַלפּירט די דערהרגעטע און באַהאַנגען זיין גאַרטל מיט זייערע האָר. אונקאַס ווידער האָט שנעל אָפּגעבונדן אַליסען און זי צוגעפירט צו קאָרען. ביידע שוועסטער האָבן זיך געוואָרפן איינאַנדער אין די אָרעמס.

שפּעטער זיינען ביידע מיידלאַך צוגעגאַנגען צום אָדלערראויג, וועלכער האָט הייס געשמועסט מיט צינגאַנגוקן.

זיי האָבן אים געוואָלט באַדאַנקען, אָבער ער האָט עס נישט געוואָלט הערן און איז געגאַנגען באַפרייען געמאַטן. די ווילדע האָבן אים געלאָזן אָן שום אַכט און ער אַליין האָט זיך גאָרנישט גערירט פון אָרט.

דערנאָך האָט זיך דער יעגער באַראַטן מיט צינגאַנגוקן, זיי האָבן באַדאַרפט וויסן, וואָס ווייטער צו טאָן. נאָכדעם האָבן זיי אַרומגעזוכט דאָס פעלד און געפונען אַ סך מעסערט, טאָמאַהאַווקן, ביקסן און קוילן. האָבן זיך אַלע באַוואָפנט, אַפילו געמאַט האָט איצט קריגעריש אויסגעזען און די גאַנצע געזעלשאַפט האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די מיידלאַך האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף זייערע פערד, די מאַנסלייט זיינען געגאַנגען צו פוס.

דער יעגער און די מאָהיקאַנער האָבן געוויס גוט געקענט די ערטער, ווייל זיי זיינען זיכער געגאַנגען פאָרויס. אַדורכגעגאַנגען אַ שמאָלן טאָל, וועלכן זיי זיינען שוין פריער פאַרבייגעגאַנגען מיט די גוראָנען, האָט אָדלעראויג פאַרקירעוועט רעכטס. אין אַ שעה אַרום זיינען זיי געקומען אין אַ קליינעם גרינעם טאָל. דאָרט איז געלאָפן אַ קליין טייכל, מיט געדיכטע ביימער אויף די ברעגן. אָדלעראויג האָט פאָרגעלייגט דאָ אָפּצורוען.

—ווי אַזוי האָט איר אונז געראַטעוועט?—האָט גייאורד אַ פרעג געטאָן, ווען זיי האָבן שוין געהאַט אַ ביסל זיך אויסגערוט און אָפּגעגעסן.

—מיר זיינען באַלד נישט געגאַנגען אין קיין שום פאָרט,—האָט דער יעגער געענטפערט, נאָר מיר האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די ביימער און דאָרט אָפּגעוואַרט, וואָס מיט אייך וועט געשען. לויט די געשרייען און וואָיען פון די גוראָנען האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן אייך געפאַקט. האָבן מיר זיי נאָכגעשפירט אויף אַזאַ שטך, אַז זיי זאָלן אונז נישט קענען דערשפירן. געפונען זייערע שפורן, איז געווען נישט שווער פאַר אונז. אין אַ קליין ספק זיינען מיר אַריינגעפאַלן בשעת מיר זיינען צוגעקומען צום טייך, ווייל דאָרט האָבן די שפורן געפירט אין צוויי ריכטונגען, די גוראָנען האָבן זיך צעטיילט אין צוויי מחנות. האָבן

מיר צוערשט נישט געוואוסט, אין וואָסער גרופּע עס געפינען זיך די געפאַנגענע, אָבער אַ דאַנק אונקאַסן, זיינען מיר געפאַלן אויף די אמתע שפּורן. ער האָט באַמערקט, אַז די פערד פון די מיידלאַך האָבן איבערגעלאָזט אַן אויסטערלישן שפּור און לויט דעמדאָזיקן שפּור זיינען מיר אייך נאָכגעגאַנגען. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ביידע מיידלאַך רייטן אויף זייערע פערד, און אַז איר מיטן זיגער מוזט אויך מיטגיין מיט זיי צופוס. צוערשט האָבן מיר זיך געוואונדערט, וואָס מיר געפינען נישט קיין שפּורן פון אייערע שטיוול און דעם זינגערס שיך, נאָר באַלד האָבן מיר פאַשטאַנען, אַז געוויס האָבן די אינדיאַנער אייך געצווּנגען אָנצוטאָן די מאַקאַסינען, איר זאָלט נישט איבערלאָזן קיין שפּורן אויפן וועג. דעמאָלט זיינען מיר אייך נאָכגעגאַנגען ביזן באַרג, וואו די נאַרישע איראָקעזן האָבן איבערגעלאָזט מיין ביקס צוזאַמען מיט אַ קויל. נו, און וואָס ווייטער איז געשען, ווייסט איר שוין אַליין. נאָך אַ זאַך האָט אונז אַרויסגעהאָלפן, בשעת מיר האָבן אייך אַרומגעזוכט. אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן אַ בוים, וואָס איינער פון זיינע צווייגן איז געווען לייכט פאַרבויגן און די איבעריקע שטאַרק צובראָכן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איין צווייג האָט איינגעבויגן דאָס שוואַרצאויגיקע פריילן—איך האָב עס איר געראַטן צו טאָן, בשעת מיר האָבן זיך צעשיידט—און די איבעריקע האָט מסתמא צובראָכן איינער פון די ווילדע, וועלכער האָט געוואָלט צוגעבן דעם בוים אַזאַ אויסזען, פונקט ווי אַ הירש וואָלט דאָ אַדורכגעגאַנגען. דעמאָלט זיינען מיר שוין איינגאַנצן זיכער געווען, אַז זיינען אויפן ריכטיקן וועג.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָבן די אויסגעהונגערטע אינדיאַנער מיט פאַרגעניגן געגעסן דערפון, וואָס דער יעגער האָט זיי אויפגעקאָכט. אַז זיי האָבן זיך אויסגערוט אַ ביסל, איז מען ווייטער געגאַנגען אין וועג אַריין.

קאפיטל דרייצען.

די וועגלייט זיינען אריין אין א געדיכטן וואלד. די היץ איז באלד קלענער געווארן, אגב האט די זון שוין אויך נישט געברענט אזוי שטארק. איצט איז מען שוין געגאנגען א סך שנע־לער און ביזן זון־אונטערגאנג האט מען דורכגעמאכט א שטיק וועג. עס איז צוגעפאלן די נאכט, און דער יעגער האט זיך אנ־גערופן:

—נישט ווייט פונדאנען געפינט זיך אן אלטע צושטערטע פעסטונג. מיר שיינט, אז מיר וואלטן דארט געקענט אפרוען א פאר שעה, ביז די זון וועט אויפגיין. לאנג אבער וועלן מיר נישט רוען, ווייל מיר מוזן וואס פריער אנקומען אינם פארט „וויליאם־הענרי".

אדורכגעגאנגען ביי א וויארסט, זיינען די וואנדערער ארויס אין אן אפענעם פעלד. נישט ווייט האט זיך געהויבן א בערגל און דערביי איז געשטאנען עפיס א האלב־צושטערטער בנין.

דער יעגער האט זיך ווידעראמאל אנגערופן:

—דאס איז אן איינגעפאלענע פעסטונג. אויסגעבויט האט מען זי מיט א יאר צוואנציק צוריק, ווען ס'איז אויסגעבראכן א בלוטיקע מלחמה צווישן די דעלאווארן און מאגאאוקן.ביידע צדדים האבן העלדיש געקעמפט, מער אבער די דעלאווארן. א סך מענטשן זיי־נען דא געפאלן. אט דאס בערגל איז, אייגנטלאך, א גרויסער ברדוער־קבר. פון אלע דעלאווארן זיינען פארבליבן נאר צוויי. אט זיינען זיי!—און דער יעגער האט אנגעוויזן אויף די ביידע

אינדיאַנער, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט אָראָפּגעלאָזענע קעפּ, פאַרטיפט אין שווערע מחשבות.
די צוהערער האָבן מיט טיפן מיטלייד געקוקט אויף די פיינע געזיכטער פון די מאָהיקאַנער. זיי האָבן געפילט, אַז דאָ ליגט פאַרבאָרגן אַ שווערער סוד, וועלכן דער יעגער וויל נישט אָדער קען נישט אַנטפּלעקן פאַר עמיצן.
— און פאַרוואָס האָט מען מיר דערציילט, אַז די דעלאַוואַרן פלעגן בעטן ביי די פרעמדע שבטים, מען זאָל שיצן זייער ערד פאַר די אָנפאַלער? — האָט גייאורד געפרעגט.
— דאָס איז אַ געמיינער ליגן! — האָט דער יעגער אויסגערופן. — איינמאָל איז נאָר געשען אַזאַ פאַקט, און דאָס צופעליק, אַ דאַנק די האָלענדער, וועלכע האָבן געוואָלט אַרויסשטופן די איינגעבוירענע באַפעלקערונג פונם לאַנד, אָבער דער באַרימטער דור פון די מאָהיקאַנער, וועלכע האָט אויך געהערט צו די דעלאַוואַרן, האָט שטענדיק געהאַט צו טאָן נאָר מיט איינגלענדער און קיין שום אָנטייל נישט גענומען אין די שענדלאַכע אָפּמאַכן מיט פראַנקרייך אָדער האָלאַנד. אַלע פאָרשטייער פון דעמדאָזיקן דור זיינען געווען אָנפירער. זיי האָבן פאַרמאָגט גרויסע שטכים ערד אויף די ברעגעס פון הודזאָן. איצט אָבער זיינען פונם גאַנצן דור פאַרבליבן צוויי מענטשן, און זיי פאַרמאָגן נישט אַפילו די זעקס איילן ערד, וואָס זאָלן קאָנען דינען פאַר אַ קבר, ווען זיי וועלן שטאַרבן!.. — האָט אָדלעראויג טרויעריק פאַרענדיקט.
צוזאַמען מיט זיינע רויטהויטיקע פריינט האָט ער גענומען צוגרייטן אַ נאַכטלעגער פאַר די וועגלייט. מען האָט אויסגעקליבן אַ שטיל ווינקעלע, געמאַכט דערויף אַ מין דאַך און אויסגעלייגט אויף דער ערד פריש מחיהדיק גראָז. די מיידלאַך האָבן זיך באַלד געלייגט שלאָפן און טאַקי גלייך איינגעשלאָפן מיט אַ געזונטן, רוהיקן שלאָף.
גייאורד האָט זיך געגעבן אַ וואָרט, ער זאָל נישט שלאָפן, נאָר באַוואַכן זיינע פריינדינס. די מידקייט אָבער איז גובר געווען און ער איז אויך שטאַרק איינגעשלאָפן. אויף דער וואַך איז פאַרבליבן צינגאַנגוק.

אויפגעכאַפּט האָט זיך גייאורד ערשט דאַן, ווען צינגאַנגוק האָט אים גענומען וועקן, אַז ס'איז שוין צייט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין.
גייאורד האָט זיך אויפגעהויבן.
—גייט, וועקט אויף די איבעריקע,—האָט ער אַ זאָג געטאָן צו צינגאַנגוקן,—און איך וועל אויפוועקן די פריילנס.
—באַמיט זיך נישט, דונקאַן, מיר זיינען שוין אויפגעשטאַנען,— האָט זיך דערהערט אַליסעס צאַרט און זילבערן שטימעלע.
באַלד אָבער איז זי שטיל געוואָרן, ווייל צינגאַנגוק האָט עפּיס דערהערט און געגעבן אַ צייכן, מען זאָל זיין שטיל. ביידע אינ-דיאַנער זיינען אַרויס און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט.
—יאָ, דאָס גייען מענטשן,—האָט זיך דער יעגער אָנגערופן. ער איז שוין אויך געווען אויפגעשטאַנען און האָט זיך איצט צוגע-הערט צוזאַמען מיט די אינדיאַנער.—איך פאַרשטיי אַפילו, ווער די מענטשן זיינען. דער גוראָן, וואָס איז אַנטלאָפן, האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט אַן אַנדער גוראָנען-באַנדע. צענדליקער באַנ-דעס וועט איר דאָ טרעפן—און איצט פירט ער זיי לויט אונזע-רע שפּורן. אַפילו אַ שלעכטע מעשה, אָבער פאַרפאַלן! מיר וועלן זיך פריער פּרובן אויסבאַהאַלטן! הער, אונקאַס, פיר אַוועק די פערד אין דער פעסטונג און זע, זיי זאָלן דאָרט שטיין רוהיק. איר גייט אויך אַהין—האָט ער אַ זאָג געטאָן צו די ווענגלייט— און זעט עס זאָל זיין שטיל. איך און צינגאַנגוק וועלן קומען צו אייך ביי דער קלענסטער געפאַר. די פעסטונג איז אַפילו אַן אַלטע חורבה, דאָך אָבער קען זי אונז באַשיצן אין אַ פאַל פון אַ סכנה.
אַלע באַפעלן זיינען תיכף אויסגעפירט געוואָרן. די פערד האָט מען אָפּגעפירט צווישן די רואינען. דאָרט האָט מען זיי געגעבן צו עסן, בכדי זיי זאָלן נישט מאַכן קיין גערודער. די ווענגלייט האָבן זיך אויך פאַרבאָרגן און צינגאַנגוק מיטן יעגער זיינען אַ ביסל שפּעטער געקומען צו זיי.
אין עטלאַכע מינוט אַרום האָט מען דייטלאַך געקאָנט הערן די טריט צוזאַמען מיט מענטשלאַכע קולות. אָדלעראויג האָט זיך

צוגעהערט און געזאָגט, אַז דאָס זיינען גוראָנען. אַלץ, וואָס ער האָט פאָראויסגעזען, איז שפּעטער מקוים געוואָרן.
ווען די ווילדע זיינען צוגעקומען צו דעם אָרט נעבן דעם פעסטונגל, וואו די פערד האָבן זיך אויסגעקערעוועט אין וואַלד אַריין, האָבן זיי פאַרלאָרן די שפּורן. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ בהלה און אַ רעש. לויט די קולות, זיינען עס געווען אַ פּאָר מגינים אינדיאַנער.
אָדלעראויג האָט באַמערקט:
—זיי וועלן אונז געפינען, מיינע ליבע, ווייל אַזאַ געניטער פויגל, ווי שאַרפאויגיקער פוקס, וועט זיך נישט לאָזן גענאַרן.—אַלע האָבן זיך צוגעהערט מיט אַ הייסן אָטעם. דער עולם איז אַנטשוויגן געוואָרן און געהערט האָט זיך בלויז די פעסטע שטימע פונם אָנפירער. די ווילדע האָבן זיך צוטיילט אין צוויי מחנות און זיינען אַוועק זוכן די שפּורן. דאָס איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע, ווייל דער שיין פון דער לבנה איז נישט אַריינגעדרונגען אינם געדיכטן וואַלד און, אויסערדעם, איז דאָס שמאָלע שטעגעלע, וואָס האָט געפירט צו דער פעסטונג, געלעגן פאַרבאָרגן צווישן די קוסטעס.
אין די אַלטע ווענט פון פון פעסטונג זיינען געווען אַ סך גרויסע שפּאַרונעס. גייאורד האָט אַרויסגעקוקט דורך איינער פון זיי און איז דערציטערט געוואָרן: אויפן שטיין פאַרן פעסטונג, צווישן די קוסטעס, האָט זיך באַוויזן אַ באַוואָפנטער גוראָן.
ער האָט באַמערקט די צושטערטע פעסטונג און געגעבן אַ פייף. באַלד נאָכדעם איז פון די קוסטעס אַרויסגעשפּרונגען אַ צווייטער ווילדער.
איינער האָט אָנגעוויזן דעם צווייטן אויף דעם אויסטערלישן בנין. מיט פאָרזיכטיקע טריט האָבן זיי זיך גענומען דערנענטערן. צוגעקומען ביז צום קבר-בערגל, זיינען זיי געבליבן שטיין. דער יעגער האָט אַוועקגעשטעלט דעם ביקס און אַרויסגעצויגן דאָס מעסער. ער האָט געוואָלט אָן שום רעש דערהרגענען די גוראָנען.

די ווילדע האָבן זיך געפונען אַזוי נאָנט פון די פעסטונג-ווענט,

אַז די קלענסטע באַוועגונג פון אַ פערד אָדער אַ צו הייסער זיפץ פון אַ מענטשן וואָלטן געקענט אַלעמען אויסגעבן. די ווילדע אָבער האָבן זיך פאַראינטערעסירט בלויז מיטן קבר. זיי האָבן באַלד איינגעזען, וואָס דאָס איז אַזוינס, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, צוזאַמענגעלייגט די הענט און אַזוי געשטאַנען אומבאַוועגט אַ שפּאָר ביסל צייט. נאָכדעם האָבן זיי זיך דערווייטערט מיט שטילע שריט.

צינגאַנגוק איז זיי שטיל נאָכגעגאַנגען. אַז ער איז געקומען צוריק, האָט ער געמאָלדן, אַז דער וועג איז פריי. די ווילדע זיינען אַוועק.

באַלד האָבן אויך די וועגלייט פאַרלאָזט דאָס פעסטונגל, וואָס האָט זיי געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

קאַפּיטל פערצען.

פאָרויס איז ווידער געגאַנגען דער יעגער. דאָסמאָל אָבער איז ער נישט געווען אַזוי זיכער, ווי נעכטן. עפטער פלעגט ער זיך אָפּשטעלן און זיך בּאַראַטן מיט די מאָהיקאַנער. דערבּיי פלעגט ער אָנווייזן אויף דער לבנה, שטערן און בּיימער. שפּע־טער האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון כוואַליעס. אָבער דע־רויף האָט דער יעגער, ווי עס שיינט, געוואַרט. ער האָט זיך בּאַלד זיכער פאַרקירעוועט צום טייכל.

זיינען די וואַנדערער צוגעקומען צו אַ קליינעם שנעלן שטראָם. דער יעגער און די מאָהיקאַנער האָבּן זיך אויסגעטאָן בּאָר־וועס און זיינען אַריין אינם וואַסער. גייאורד און דער זינ־גער האָבּן געטאָן דאָס אייגענע. אַזוי זיינען די וואַנדערער בּיי אַ קנאַפּער שעה געגאַנגען איבּערן דנאָ פונם טייכל, נישט אי־בּערלאָזנדיק קיין שום שפּורן. זיי זיינען אַרויס אין אַ זאַמדיקן טאָל, שיטער בּאַוואַקסן מיט בּיימלאַך. די לבנה האָט זיך בּאַ־האַלטן אונטער אַ שווערן וואָלקן, און ס'איז געווען שטאָק פינ־סטער. אָבּער דער יעגער האָט זיך געפילט, ווי בּיי זיך אינדער־היים און זיכער געפירט זיינע וועגחברים פאָרויס.

די וואַנדערער זיינען אַלץ נענטער צוגעקומען צו אַ בּאַרג־געגנט. עס האָט אָנגעהויבּן צו טאָגן, די לופט איז געוואָרן דורכזיכטיק און קיל.

—איצט געפינען מיר זיך נישט ווייט פון דער פראַנצויזישער אַרמיי,—האָט דער יעגער זיך אָנגערופן צו זיינע פריינט.—בּיז

צום פּאָרט „וויליאַם-הענרי״ איז נאָך גאַנץ ווייט. מיר האָבן נאָך אַ שטיק וועג דורכצומאַכן. כ׳ווייס נישט אַפילו, פון וואָסער זייט מיר זאָלן אַריינגיין אינם פּאָרט. אָ—אָ—אָ! ס׳גייט שוין עמיצער! אָט דאָרט זעט זיך אַ מענטש...

—ווער גייט עס?—האָט עמיץ שאַרף אַ פרעג געטאָן אויף פראַנצויזיש, און פאַר אונזערע וועגלייט איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן אַ געשטאַלט אין אַ מונדיר מיט אַ באַגנעט אין דער האַנט.

—פראַנקרייך,—האָט גייאורד רוהיק געענטפערט אין דערזעלבער שפּראַך און זיך דרייסט אַרויסגערוקט פאָרויס.

—ווער זענט איר און וואוהין גייט איר אַזוי פרי?—האָט דער זעלנער געפרעגט, פאַרשטעלנדיק דעם וועג מיטן ביקס.

—איך קער זיך אום אין מיין געצעלט פון אַן אויספאָרשונגס-נסיעהלע.

—יאָ! אָבער ווער זענט איר?

—אָבער וואָס טוט זיך מיט דיר, פריינט? צו דען זעסטו נישט, אַז כ׳בין אַ קאַפּיטאַן פונם שיסער-פּאָלק.

—אַנטשולדיקט, קאַפּיטאַן,—האָט דער זעלנער סאַלוטירט פאַר גייאורדן,—אָבער איר טראָגט אַזאַ אויסטערלישן מונדיר.

—אַך, אין דעם גייט דיר!—האָט זיך גייאורד צולאַכט, באַטראַכטנדיק זיין שמוציק און צוריסן מונדיר.—יאָ, ווירקלאַך, דער מונדיר זעט אויס אַזוי, אַז ס׳איז שווער אין מיר צו דערקענען אַן אָפיציר. אָבער איך בין געווען אין אַזאַ באָד, וואָס ס׳איז נאָך אַ וואונדער, אַז איך בין פאַרבליבן גאַנץ!

—גוט. אָבער ווער גייט מיט אייך?—האָט דער זעלנער ווייטער געפרעגט מיט עפּיס אַן אומצוטרוי, באַטראַכטנדיק גייאורדס באַגלייטער.

—אָט די צוויי פריילנס זיינען מונראָט טעכטער. איך האָב זיי צופעליק געגומען געפאַנגען אַ דאַנק דידאָזיקע לייט, וועלכע האָבן מיר געדינט אַלס אויספאָרשער. איצט פיר איך זיי צום הויפּט-קאָמאַנדיר.

—אַזוי!—האָט דער זעלנער אויסגערופן מיט גרויס צוטרוי אין טאָן.—האָט אייך אַ גליקלאַכן וועג, קאַפּיטאַן!

ער האָט זיי דורכגעלאָזט מיט אַ העפלאַכער באַגריסונג און זיי נאָכגעשריען: „אַ גוטע נאַכט, מיינע הערן און דאַמען!"
שפּעטער האָט זיך דער יעגער אָנגערופן:
—אָ, אָנקומען אין פּאָרט איז נישט אַזאַ לייכט שטיקעלע אַרבעט! די פּראָנצוויזן האָבן געדיכט באַלאַגערט דעמדאָזיקן פּאָרט און מיר מוזן זיך דורכרייסן דורך זייער קייט. זאָלן אונזערע דאַמען אַראָפּגיין פון די פערד. מיר וועלן זיי אָפּלאָזן, ווייל זיי וועלן אונז שטערן. דאַן וועלן מיר זיך אומקערן. איך האָב אַן אָרט, וואו מיר וועלן קענען זיכער און רוהיק פאַרברייינגען אַ געוויסע צייט, ביז עס וועט זיך אונטעררוקן עפּיס אַ גוטע מעגלאַכקייט אַריינצודרינגען אין פּאָרט.
מיט דידאָזיקע ווערטער האָט אָדלעראויג שאַרף אַ קירעווע געטאָן צוריק.
זיי זיינען געגאַנגען כמעט מיטן זעלבן וועג, וואָס פריער. באַלד אָבער איז דער יעגער אַראָפּ פונם וועג און איז אַוועק אין דער ריכטונג פון די נאָנטע בערג. דער יעגער איז געגאַנגען זייער פאָרזיכטיק, באַהאַלטנדיק זיך אינם שאָטן, וואָס איז געפאַלן פון אַ באַרג. דער וועג איז געווען זייער אַ שווערער צוליב די שטיינער און שטראָמען, וואָס האָבן דאָ אויף יעדן שריט און טריט געטריבן זייערע וואַסערלאַך. די וואַנדערער זיינען געגאַנגען אונטער שווערע, שוואַרצע פעלזן אָבער זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס דידאָזיקע ריזן וועלן זיי ווייניגסטנס שיצן פאַר אַ געפאַר.

באַלד האָבן די מידע וואַנדערער גענומען קלעטערן אויף אַ משופּעדיקן, הויכן באַרג, דאָס שמאָלע שטעגעלע, איבער וועלכן זיי זיינען געגאַנגען, האָט זיך קאַפּריז געדרייט צווישן די פעלזן און אומגעהוירע, אַלטע ביימער, וועלכע האָבן נאָך מער באַשווערט דעם אַזוי אויך שווערן וועג. דער געדיכטער נעפּל איז געוואָרן שיטערער און זיי האָבן געקענט זען וויאָרסטנווייז אַרום זיך. צולעצט זיינען זיי אַרויפגעקראָכן אויפן סאַמע שפּיץ פונם באַרג. דער יעגער האָט קודם באַפרייט די פערד.
דער באַרג, אויף וועלכן זיי האָבן זיך געפונען, האָט געהאַלטן ביי

אַ פּאָר טויזנט פוס די הויך. די גאַנצע געגנט איז געלעגן פאַר זיי ווי אויף דער האַנט.

אויפן סאַמע ברעג פונם הייליקן געאָרג איז געלעגן דער פאָרט „וויליאַם-הענרי". אין מזרח פונם פאָרט האָט זיך געצויגן אַ באַ-פעסטיקטער לאַגער פון יענע פאָלקן, וועלכע זיינען געשיקט גע-וואָרן דעם פאָרט „עדוואַרד" צו הילף. אין מערב ווידער איז געלעגן אַ גרויסער, ברייטצושפרייטער, פראַנצויזישער לאַגער פון צען טויזנט מאַן מיט מאַסן האַרמאַטן.

דער יעגער האָט זיך אַלץ געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי זיך אַריינצוקריגן אינם פאָרט „וויליאַם-הענרי", ווייל דער פראַנצויזי-שער לאַגער האָט אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען און געזאָגט:

—לאָמיר גיין! איך האָב אַ מיטל! איר זייט נאָר פאָרזיכטיק און האָט גאָט אין האַרצן!!

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך שנעל אַראָפּגעלאָזט פונם באַרג. גייאורד איז אים נאָכגעגאַנגען און בעת-מעשה אונטערגע-האַלטן ביידע מיידלאַך. פון הינטן זיינען געגאַנגען די מאָהיקאַ-נער און האָבן געפירט דעם זינגער, וועלכער האָט אַ ליאַדע מי-גוט געקאָנט אַרונטערפאַלן אין אָפּגרונד אַריין.

באַלד זיינען זיי אַראָפּ אין אַ טאָל, נישט ווייט פון די טויערן פונם פאָרט. דער יעגער, וואָס האָט זיך מישב געווען מיטן אַלטן מאָהיקאַנער, האָט זיך אָנגערופן:

—לאָמיר דאָ וואַרטן אַ ביסל. ווי נאָר דער נעבל וועט גע-דיכטער ווערן, וועלן מיר זיך, אונטער זיין שוץ, אַריינקריגן אינם פאָרט.

דער יעגער האָט איבערגעלאָזט די וועגלייט און איז אַוועק מיט די מאָהיקאַנער אויספאָרשן די געגנט. באַלד איז ער געקומען צוריק מיט פאַרשטיקטע געשרייען:

—מיר זיינען אַריינגעפאַלן! דאָ גייט אַ פראַנצויזישער פּאַטרול גלייך אויף אונז? מיר מוזן זיך פאַרבאָרגן וואָס שנעלער.

אין דער אייגענער מינוט האָט זיך דערהערט אַ שאָס פונם פאָרט און פאַרביי אונזערע וואַנדערער איז אַדורכגעפלויגן אַ האַרמאַטנ-

באָמבע. אַלע זיינען דערשראָקן אָפּגעשפּרונגען.

—איצט לאָמיר גיין,—האָט באַמערקט דער יעגער,—דער נעבל ווערט געדיכטער, אפשר וועט אונז געלינגען זיך אַדורכצעשמוג-לען אומבאַמערקט פאַרן פּאַטראָל.

דער יעגער האָט געמאַכט שנעלערע טריט. דער קליינער עולם איז אים נאָכגעגאַנגען. דער נעבל איז שוין געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט ווירקלאַך נישט געזען איינער דעם צווייטן. גייאורד, וואָס האָט געפירט די ביידע מידע מיידלאַך, האָט קוים געזען די הויכע פיגור פון זייער פירער. נאָך זיי האָט זיך געשלעפּט דער אומגליקלאַכער געזאַנג-לערער, וואָס האָט ווײַלעוויַיז זיך אויסגעגליטשט און אָפּגעקרעכצט.

זיי האָבן זיך שוין געפונען נישט ווייט פונם פּאָרט, ווען גיי-אורד האָט דערהערט אַ שאַרפן קול:

—ווער גייט?

—פראַנקרייכס פריינט!—האָט גייאורד געענטפערט, כמעט נישט וויסנדיק, וואָס ער רעדט פאַר מידקייט.

די אייגענע שטימע האָט ווידעראַמאָל געקלונגען:

—מיר שיינט, אַז דו ביזט גיכער פראַנקרייכס אַ שונא, איידער אַ פריינט, אויב דו ווייסט נישט דעם פּאַראָל. ביסטו ווירקלאַך אַ פריינט, טאָ בלייב שטיין! אַ, דו אַנטלויפסט! שיסט!

באַלד דערויף האָבן זיך דערהערט אַ פּאָר צענדליק שאָסן. צום גליק פאַר אונזערע וואַנדערער האָבן די פראַנצויזן שלעכט גע-צילט צוליבן נעבל, די קוילן זיינען פאַרבייגעפלויגן און האָבן קיי-נעם נישט געשאַדט. ווי נאָר אָבער די פראַנצויזן האָבן דערהערט די שאָסן, איז דער גאַנצער טאָל אָנגעפילט געוואָרן מיט באַוואָפנטע מענטשן און הונדערטער זאָלפן האָבן פאַרהילכט די לופט.

—מיר טוען זייער שלעכט!...—האָט גייאורד געערדט אַן אויפ-געקרעגטער.—אינם פּאָרט וועט מען מיינען, אַז דער שונא באַ-פאַלט די פעסטונג און זיי וועלן אויך אָנהויבן צו פייערן. אַזוי-אַרום וועלן מיר זיך געפינען צווישן צוויי פייערן. האָט רחמנות, פירט אונז שנעלער צום פּאָרט.

—ס׳איז לייכט צו זאָגן, פירט אונז שנעלער...—האָט דער יעגער

געמורמלט.—דעם וועג האָב איך פאַרלוירן! שאַ! איך האָב אים שוין! לאָמיר לויפן ווייטער!

באַשאָטן מיט אַ האָגל פון קוילן דורכגענומען פון שווייס און איינגעצן באַדעקט מיט שטויב, זיינען אונזערע וועגלייט דאָך צוגעקומען צום פּאָרט.

זיי האָבן אָנגעהויבן הויך צו רופן און צו שרייען. מען האָט געעפנט דעם טויער און אין אַ מינוט אַרום האָט דער געריריטער פאַלקאָוניק געדריקט זיינע טעכטער צום האַרצן.

קאַפּיטל פופצען.

פאַר די פאַרטיידיקער פון דער פעסטונג האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע טעג, צוליב דער באַלאַגערונג. מאנקאלמס מיליטער האָט צערומגערינגלט די פעסטונג מיט אַ שטאַרקער קייט, און די ווילדע—זיינע פאַרבינדעטע—זיינען אַרומגעלאָפן מיט שרעקלאַכע קולות און געוואַלדן.

דער קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג, פאָלקאָווניק מונראָ, האָט געטאָן אַלץ, וואָס מעגלאַך, כדי צו שיצן דעם פאָרט. ער האָט אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס, פון צייט צו צייט געמאַכט קאָנטער-אַטאַקעס, אָבער אַרויסגיין אין אָפענעם פעלד אויף אַ קאַמף, האָט ער זיך נישט דערלויבט צוליב זיינע שוואַכע קרעפטן.

דערווייל איז נישט אָנגעקומען קיין שום הילף, דער פּראָוויאַנט האָט געהאַלטן ביים אויסגיין, די ענערגיע פון די זעלנער איז געפאַלן. דער פאָלקאָווניק האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן, כדי צו ראַטעווען דעם פאָרט פון דעם שונאס שטאַרקע הענט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט בשום אופן נישט אויסהאַלטן און פריער אָדער שפּעטער וועט ער מוזן אָפּגעבן דעם פאָרט.

אויפן פערטן טאָג נאָך גייאורדס אָנקומען אינם פאָרט, האָט מען געשלאָסן אַ קורצן וואָפנשטילשטאַנד.

נאָכמיטאָג זיינען צוויי מענטשן צוגעגאַנגען צו די טויערן פון דער פעסטונג: אָדלערדאויג און אַ פראַנצויזישער אָפיציר. צוויי איינגלישע שיסער האָבן זיי אָפּגעפירט צו דער קוואַרטיר פונם קאָמענדאַנט.

אָדדעראָויג האָט אויסגעזען זייער פאַרשעמט און גידערגעשלאָגן. זיינע אויגן זיינען מיט פּחד אומגעלאָפן אין אַלע זייטן. זיין טרייען ביקס האָט ער נישט געהאַט ביי זיך, די הענט זיינען אים געווען געבונדן מיט גראָבע רימענס.

מען האָט אים אָריינגעפירט צום קאָמענדאַנט. פאַלקאָוויניק מונראָ איז געווען אַ פעסטגעבויטער, הויכער מאַן פון איבער זעכציק יאָר, הגם ער האָט אויסגעזען מיט אַ צען יאָר ייִנגער. זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט ענערגיע און מוט. די האָר זיינען געווען ווייס ווי מילך, אָבער ער איז נאָך געווען גענוג שיין און באַוועגלאַך.

אויסגעהערט דעם פראַנצויזישן אָפיציר, האָט דער פאַלקאָוויניק געשיקט רופן דעם מאַיאָר גייאורד.

—מען האָט נאָר וואָס געבראַכט צו מיר אונזער זעלנער, דעם יעגער, וואָס האָט אייך צוזאַמען מיט מיינע טעכטער געבראַכט אין פאָרט אַריין. איך האָב אים געהאַט געשיקט מיט אַ וויכטיקן בריף צום גענעראַל אועב. דער יעגער האָט דעם בריף פינקט-לאַך צוגעשטעלט און באַקומען אַן ענטפער. צוריקוועגס אָבער האָבן אים די פראַנצויזן פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט צום הויפּט-קאָמאַנדיר. יענער האָט צוגענומען דעם בריף און דעם יעגער פריי געלאָזט. דערווייל אָבער ווייס איך נישט, וואָס אועב האָט מיר געשריבן. אויב ער וועט מיר נישט העלפן, וועל איך זיין געצוואונגען איבערצוגעבן דעם פאָרט. מיר האָבן נישט קיין פּראָ-וויאַנט, און דער גייסט פון די זעלנער איז שטאַרק געפאַלן.

—קען איך אייך מיט עפּיס העלפן?—האָט גייאורד געפרעגט.

— יאָ, איך האָב אייך טאַקי געוואָלט עפּיס בעטן, — האָט דער פאַלקאָוויניק געענטפערט.—ס'האַנדלט זיך וועגן דעם: דער מאַרקיז האָט מיר צוגעשיקט אַן איינלאַדונג, איך זאָל קומען צו אים. איך וואָלט עס געוואָלט מאַכן פּשוטער און דריבער וואָלט איך געוואָלט, אַז איר זאָלט גיין אָנשטאָט מיר. איר רעדט פראַנ-צויזיש, איר זענט נישט קיין נאַר, און וועט זיך קענען אַן עצה

געבן מיטן מאַרקיז. דערלאָזט נישט צו קיין שום ערנסטע אָפּ-מאַכן, זעט נאָר וואָס מער צו פאַרלייגערן דעם וואָפנשטילשטאַנד. איר ווייסט דאָך, ווי ס׳איז וויכטיק פאַר אונז.

—כ׳פאַרשטיי, הער פאָלקאָווניק,—האָט גייאורד געזאָגט,—ווען קאָן איך גיין צו אים?

—אויב איר ווילט, קענט איר שוין איצט גיין. וואָס גיכער איר וועט זיך זען מיטן פראַנצויז, איז עס אַלץ בעסער.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז גייאורד אַוועק צו מאַנקאַלמען. פאַר אים איז געגאַנגען אַ פאָנען-טרעגער מיט אַ ווייסער פאָן, נאָך אים פיר קאַפּראַלן אַלס סוויטע. ביים פראַנצויזישן לאַגער האָט זיי באַגעגנט אַן איינגלישער אָפיציר, וואָס האָט זיי געפירט אינם געצעלט פונם הויפּט-קאָמאַנדיר.

דער מאַרקיז דע-מאַנקאַלם האָט געטראָפן גייאורדן אין זיין געצעלט, אַרומגערינגלט מיט אַ סך אָפיצירן און רויטהויטיקע אָנפירער. ער איז געווען אַ שיינער, עלעגאַנטער מאַן אין די מיטעלע יאָרן. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אויסגעצייכנטן מלחמה-פירער און דיפּלאָמאַט.

ער האָט זיך העפלאַך באַגריסט מיט גייאורדן און האָט אַ זאָג געטאָן אין פראַנצויזיש:

—דער פאָלקאָווניק מונרא איז זייער אַ דרייסטער און חשובער מאַן און איך בין גליקלאַך, וואָס איך האָב צו טאָן מיט אַזאַ העלדישן פיינט. וואָלט אָבער צומאָל נישט גלייכער געווען, צו פאַרוואַנדלען אונזער געגנזייטיקע שנאה אין אַ מער מענטשלאַכן געפיל, וואָס זאָל זיך בעסער פּאַסטן פאַר אַזוינע ציוויליזירטע פעלקער, ווי די איינגלענדער און פראַנצויזן זיינען? גייען מיר אָבער איבער צו דעם עצם פון דער זאַך. האָט איר נישט מורא פאַר מיין גרויס מיליטער?

—ניין, גענעראַל—האָט! גייאורד פעסט געענטפערט.—מיר האָבן ווייניקער מיליטער, דערפאַר אָבער געפינען מיר זיך אין אַ פעסטונג. דאָס האָט פיל צו זאָגן. פראָוויאַנט און געווער פעלט אונז נישט. אויסערדעם, וואַרטן מיר אויף הילף.

—לאָזט צורו,—האָט אים מאַנקאַלם מיט אַ שמייכל איבערגעהאַקט—

לאָמיר בעסער באַטראַכטן די זאַך, ווי זי איז אין דער ווירקלאַכ־קייט. אייער פּאָרט איז זייער שוואַך און קליין. אין אַ פּאָר שעה קען איך אים איינעמען און אַלע זיינע מוטיקע באַשיצער וועלן אומקומען, נישט ברייגנדיק קיין זאַכלאַכע הילף זייער פאָטערלאַנד. אָבער איך שעץ זייער דרייסטע מענטשן און דעריבער בעט איך, איר זאָלט איבערגעבן דעם פאָלקאָווניק מונראָ מיין דרינגענדיקע בקשה, ער זאָל וואָס שנעלער קומען צו מיר.
גייאורד האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ נישט מער וואָס צו טאָן. האָט ער זיך צוזעגנט מיט מאַנקאַלמען און איז שנעל אַוועק צוריק אין פּאָרט אַריין, וואו דער קאָמענדאַנט האָט אים אָפּגע־וואַרט מיט גרויס אומגעדולט.

קאַפּיטל זעכֿצען.

גייאורד האָט געווי איבערגעגעבן דעם פּאָלקאָווניק, וואָס ער האָט גערעדט מיטן פראַנצויזישן הויפּטקאָמאַנדיר. ער האָט דערמאָנט וועגן דעם גוטן איינדרוק, וואָס דער פראַנצויזישער הויפּטקאָמאַנדיר האָט אויף אים געמאַכט און אויך איבערגעגעבן מאַנקאַלמס דרינגלאַכֿע בקשה, אַז דער פּאָלקאָווניק זאָל וואָס שנעלער קומען צו אים.

—אַזוי?—האָט דער פּאָלקאָווניק פאַרטראַכֿט אַ זאָג געטאָן.—וואָס וויל ער פון מיר? אויב ער וועט מיר פאָרלייגן, איך זאָל קאַפּיטולירן, גיב איך מיין ערנוואָרט, אַז כ׳וועל דאָס נ י ש ט טאָן. איך וועל פאַרטיידיקן דעם פאָרט ביזן לעצטן זעלנער, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

דער פּאָלקאָווניק איז געווען זייער אויפגערעגט. צולעצט האָט ער זיך אָנגערופן:

—גוט, גייאורד, איך וועל גיין צו דעם פּאַצעט! איך פאַרהאָף, אַז איר וועט זיך נישט אָפּזאָגן צו זיין מיין באַגלייטער. איר פאַרשטייט, אַז מיט אונז זאָלן מיטגיין פויקער און אַ אַנגעזעענע סוויטע. אַ העלפט פון אונזער גאַרניזאָן באַדאַרף זיין גרייט אַרויסצוטרעטן אויפן ערשטן וואונק. די וואַך זאָל גוט אויספּאַרשן די געגנט. דאָס אַלץ באַדאַרף שנעל געמאַכט ווערן, ווייל די צייט איז קורץ.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז שוין אַ האַלבער גאַרניזאָן געשטאַנען ביי די טויערן פונם פאָרט, גרייט צום קאַמף. גייאורד האָט

געשיקט איינעם פון די אָנגעזעענסטע אונטעראָפיצירן אינם פראַנ-צויזישן לאַגער, צו מעלדן, אַז באַלד וועט קומען דער איינגלי-שער קאָמענדאַנט אונטערצוהאַנדלען מיט מאַנקאַלמען. ווען גיי-אורד האָט אַלץ דערפילט, וואָס דער פּאָלקאָווניק האָט געהייסן, איז ער שנעל אַוועק צום טויער, וואו עס האָט געוואַרט דער קאָמענדאַנט מיט אַלע אָפיצירן, וועלכע האָבן געזאָלט בילדן זיין סוויטע.

אַרומגערינגלט מיט געשיקטע גלאַנצפולע אָפיצירן, אין דער באַ-גלייטונג פון אַ שטאַרקער וואַך, איז דער פּאָלקאָווניק אַוועק צו מאַנקאַלמען. זיין מענלאַך געזיכט און דער קריגערישער שטעל האָבן אים צוגעגעבן אַ סך ווירדע און ביי יעדערן נישט-ווילנדיק אַרויסגערופן גרויס אַכטונג און דרך-ארץ. די סוויטע האָט מיט ליבע און התלהבות געקוקט אויף איר אָנפירער.

ביי אַ פּאָר הונדערט טריט ווייטער פון דער פעסטונג האָבן זיי באַמערקט אַ גרופּע אָפיצירן, וואָס זיינען זיי געגאַנגען אַנטקעגן. באַלד האָבן זיך ביידע גרופּעס אָפּגעשטעלט און געגעבן אַ צייכן די פּויקערס און טרומייטערס זיך געגנזייטיק צו באַגריסן.

גענעראַל מאַנקאַלם איז אַרויס אַנטקעגן דעם פּאָלקאָווניק מונראָ, וואָס איז געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון גייאורדן. זיי האָבן זיך העפלאַך באַגריסט.

מאַנקאַלם האָט זיך פאַרנויגט און האָט זיך אָנגערופן:

—איך האָב געבעטן דעם הער פּאָלקאָווניק, ער זאָל אַזוי גוט זיין און קומען צו מיר, ווייל איך מיין, אַז איך וועל אים קאָ-נען איבערצייגן, אַז ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס נאָר מעגלאַך, כדי צו ראַטעווען דעם פאָרט, און איצט מוז ער זיך אונטער-וואַרפן דער טרויעריקער נויטווענדיקייט און אָפּגעבן דעם פאָרט אָן אַ ווייטערדיקער בלוט-פאַרגיסונג, וואָס וואָלט אים קיין שום נוצן נישט געבראַכט. איך בין גרייט אַלעמאָל איבערצוחזרן, אַז דער פּאָלקאָווניק מונראָ האָט זיך העלדיש און קלוג פאַרטיידיקט, ווי אַ טרייער און גוטער סאָלדאַט.

גייאורד, וואָס האָט געדינט אַלס איבערזעצער, האָט דידאָזיקע ווערטער איבערגעגעבן דעם פּאָלקאָווניק, און דער לעצטער האָט

מיט גרויס ווירדע געזאָגט:

—איך בין זייער דאַנקבאַר דעם גענעראַל פאַר זיין גוטער מיי-בונג וועגן מיר. איך וויל מיך אָבער נישט אונטערגעבן. מיין פּאָרט וועל איך פאַרטיידיקן ביז דער לעצטער מעגלאַכקייט. דערווייל איז נאָך די לאַגע גאָרנישט אַזוי שלעכט.

—זייט נישט אַזוי זיכער ביי זיך, הער פאָלקאָווניק!—האָט מאַנ-קאַלם אויסגערופן.—אויף קיין הילף האָט איר נישט וואָס צו האָפן. איר קענט אייך איבערצייגן, אויב איר ווילט...

און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער דערלאַנגט דעם פאָלקאָוו-ניק דעם בריף פון גענעראַל אועב. דעמדאָזיקן בריוו האָט ער פריער איבערגענומען ביים אָדלעראויג.

דער פאָלקאָווניק האָט האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן דעם בריף און שנעל אים אַדורכגעלאָפן מיט די אויגן. וואָס ווייטער ער האָט געלעזן, אַלץ געפאַלענער איז ער געוואָרן. דער שטאָלצער אויס-דרוק פונם פּנים איז פאַרשוואונדן געוואָרן, די ליפּן האָבן אָנ-געהויבן צו ציטערן און אַז ער האָט איבערגעלייענט דעם בריף, איז ער אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. אינם בריף האָט גע-נעראַל אועב שטרייננג באַפוילן דעם פאָלקאָווניק, ער זאָל קאַפּי-טולירן און נישט פאַרגיסן מער קיין אומזיסט בלוט. קיין הילף קאָן ער אים נישט שיקן.

—מיינט נישט,—האָט זיך מאַנקאַלם אָנגערופן נאָך אַ קורצער פּוי-זע,—איך קאָן אייער לאַגע, אָבער איך וויל זי נישט אויסנוצן, קיין שווערע באַדינגונגען וועל איך אייך נישט פאָרלייגן. איך וועל אייך זאָגן...

דער גענעראַל האָט גערעדט מיט אַן אויפריכטיקן טאָן, און דער פאָלקאָווניק, גערירט פון דעמדאָזיקן טאָן, האָט אַ זאָג געטאָן:

—איך בין גרייט אייך אויסצוהערן, גענעראַל!

מאַנקאַלם האָט זיך פאַרנויגט.

—איר זעט אַליין,—האָט ער געזאָגט,—אַז איר קענט נישט איינ-האַלטן דעם פאָרט און איך מוז אים באַזעצן, ווייל דאָס פאָדערן די אינטערעסן פון מיין פאָטערלאַנד. אָבער די דרייסטע פאַר-

טײַדיקער פֿון דער פֿעסטונג װעל איך פֿרײַלאָזן. איר קענט מיטנעמען מיט זיך אײַערע פֿאַנעס און אײַער געװער, און אײַער אַרױסטריט פֿון דער פֿעסטונג װעל איך באַגלײטן מיט דעם גע-העריקן מיליטערישן כּבֿוד, װעלכן איר האָט באמת פֿאַרדינט.

פֿאַלקאָװניק מונראָ האָט זיך פֿײַנלאַך פֿאַרטראַכט.

—איך נעם אָן אײַערע באַדינגונגען, גענעראַל,—האָט ער שטיל געזאָגט.

אין אַ שעה אַרום האָט מען אונטערגעשריבן אַ שריפֿטלאַכן אָפּמאַך װעגן דעם, אַז די פֿעסטונג װערט איבערגעגעבן דעם זיגער.

צומאָרגנס אינדערפֿרי האָט דער פֿאַלקאָװניק מיטן גאַנצן גאַרני-זאָן געמוזט פֿאַרלאָזן דעם פֿאָרט.

קאַפּיטל זיבעצן.

דער פאָרט האָט געדאַרפט איבערגעגעבן ווערן דעם 10-טן אויגוסט 1757. דער גאַנצער גאַרניזאָן האָט געדאַרפט פאַרלאָזן די פעסטונג, מיטנעמענדיק מיט זיך די פאָנעס, דאָס געווער און אַלע טראַנספּאָרטמיטלען. אויף אַזאַ אופן איז נישט אָנגעגריפן געוואָרן דער כבוד פון די פאַרטיידיקער.

דעמזעלבן טאָג, באַגינען, איז פון זיין שיינעם געצעלט אַרויסגעגאַנגען גענעראַל מאַנקאַלם, איינגעווילקט אין אַ שווערן מאַנטל, די וואַך האָט אים אומעטום דערקאָנט און אַדורכגעלאָזט.

ער איז צוגעגאַנגען נאָנט צו דער פעסטונג און זי אויפמערקזאַם באַטראַכט. אַ קנאַפּע שעה צייט איז ער אַזוי געשטאַנען באַהאַלטן אינם שאָטן פון אַ גרויסן בוים. אויף דער פעסטונגסוואַנט האָט זיך באַוויזן די דערשלאָגענע, מרה-שחורהדיקע געשטאַלט פונם פאָלקאָוניק מונראָ.

פלוצלונג האָט דער גענעראַל באַמערקט די שלאַנקע פיגור פון אַן אינדיאַנער. מיט שנעלע טריט האָט דער אינדיאַנער זיך דערנענטערט צום בוים, וואו דער גענעראַל איז געשטאַנען. נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבן זיין ביקס און זיך גענומען צילן אינם פאָלקאָווניק מונראָ. דער גענעראַל האָט זיך אָנגעבויגן און האָט שווער אַראָפּגעלאָזט זיין האַנט אויף דעם אינדיאַנערס קאַרק.

—גו!—האָט דער אינדיאַנער אַ געשריי געטאָן, אַראָפּגעלאָזט דעם

ביקס און זיך שנעל אויסגעדרייט צום גענעראַל מאַנקאַלם.
דער מאַרקיז האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם און מיט כּוח אַוועקגעשלעפּט טיפער אין וואַלד אַריין. דאָרט האָט ער אים שטרייִנג און ערנסט געפרעגט:
—וואָס זאָל עס באַדייטן, מאַגוּאַ? צי דען ווייסטו נישט, אַז פון נעכטן אָן האָבן די איינגלענדער און די פראַנצויזן באַגראָבן זייערע מלחמה-מכשירים אין דער ערד? פאַרוואָס האָט מאַגוּאַ געוואָלט שיסן דעם גרויען איינגלישן אָנפירער?
—וואָס דען האָט געזאָלט טאָן שאַרפאויגיקער פוקס?—האָט דער ווילדער מיט גרויס גרימצאָרן געפרעגט.—די גוראָנען האָבן נאָך נישט באַוויזן צו סקאַלפּירן כאָטש איין שאַרבן, ווי די בלייכפּנימדיקע האָבן שוין געשלאָסן שלום. מאַגוּאַ האָט נישט אויסגעגראָבן זיין האַק פון דער ערד, כּדי זיך מיט איר צו שפּילן, נאָר כּדי זי צו באַפאַרבן מיטן בלוט פון די נייע שונאים. דערווייל איז די האַק נאָך ריין, און מאַגוּאַ וועט זי אַזוי לאַנג נישט אַוועקלייגן, ביז זי וועט נישט ווערן רויט פון בלוט.
—מאַגוּאַ אָבער האָט דאָך געשוואָרן דעם קאַנאַדישן פאָטער, אַז די שונאים פון זיינע אבות—זיינען אויך זיינע שונאים, און די פריינט—זיינע פריינט.
—מאַגוּאַס פריינט!—האָט דער אינדיאַנער אויסגערופן מיט פייער און האַס.—זאָל מיין פאָטער ווייזן זיין האַנט!
דער אינדיאַנער האָט גענומען מאַנקאַלמס איידעלע האַנט און זי צוגעלייגט צו זיין ברוסט. איין פינגער פון דערדאָזיקער האַנט האָט ער אַריינגעלייגט אין דער טיפער וואונד און האָט געפרעגט מיט אַ מין ווילדער גאוה:
—צי ווייס מיין פאָטער, וואָס פאַר אַ סימן דאָס איז?
—געוויס ווייס איך: דאָס איז אַ סימן פון אַ וואונד דורך אַ מעסער, אָבער זעלנער שטאָלצירן דערמיט.
—גוט, נו, און דאָס?—און מיט די ווערטער האָט ער געוויזן מאַנקאַלמען זיין רוקן.
—דאָס?—האָט דער גענעראַל געגאַפט, באַטראַכטנדיק די סימנים פון קלעפּ, וועלכע האָבן באַדעקט מאַגוּאַס רוקן.—יאָ, דאָס זיינען

שוין נישט אַזוינע שיינע צייכנס. ווער האָט עס דיך אַזוי באַפּוצט מיט זיי?..

—דער, וואָס איז איצט געוואָרן דער פריינט פון מיין פאָטער! מאַגוואַ האָט איצט געוואָלט פון אים נקמה נעמען, האָט אים אָבער דער קאַנאַדישער פאָטער אָפּגעהאַלטן! גוט, ס'שאַדט נישט! פריער אָדער שפּעטער, נאָר מאַגוואַ וועט מוזן נקמה נעמען, אַזוי ווי ס'פּאַסט זיך פאַר אים. זאָל מיין פאָטער זאָגן זיינע יונגע זעלנער, אַז ער האָט געשלאָסן פריינטשאַפט מיט די איינגלענדער און זאָל ער באַגראָבן זיין האַק אין דער ערד. מאַגוואַ גייט עס שוין נישט אָן! ער וועט גיין צו זיינע גוראָנען און וועט טאָן דאָס, וואָס ער דאַרף טאָן.

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט זיך דער ווילדער שאַרף אויסגעדרייט און איז שנעל אַוועק צום וואַלד, וואו ס'האָט זיך געפונען דער לאַגער פון די גוראָנען.

די זון איז שוין אויפגעגאַנגען. מאַנקאַלם איז אַוועק אין געצעלט און האָט געהייסן אויפוועקן דעם לאַגער.

די פראַנצויזישע אַרמיי האָט זיך אויסגעשטעלט אין לאַנגע, שיינע רייען און מאַנקאַלם האָט באַטראַכט זיין מיליטער מיט אַ צופרידענעם בליק. ער האָט געמאָלדן זיינע סאָלדאַטן, אַז די פעסטונג גיט זיך אונטער און זיי זיינען היינט די באַלעבאַטים איבער איר. פריילאַכע אויסגעשרייען האָבן תיכף פאַרהילכט די גאַנצע געגנט.

גאָר אַנדערש האָט אויסגעזען ביי די איינגלענדער. צער און טרויער האָבן אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקעלע. ביי אַ סך זעלנער האָט געבלוטיקט דאָס האַרץ. זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן דעם אָרט, צו וועלכן זיי האָבן זיך שוין צוגעוווינט און איינגעלעבט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז פאָלקאָווניק מונראָ געשטאַנען פאַר די קליינע רייען פון זיין מיליטער. פאַר דערדאָזיקער צייט איז ער עלטער געוואָרן אויף אַ פאָר יאָר, כאָטש ער האָט זיך געסטאַרעט אויסצעווייזן מוטער.

גייאורד איז אַוועק צום פאָלקאָווניקס וואוינונג, וואו ער האָט זיך געוואָלט זען מיט זיינע טעכטער. ביידע מיידלאַך זיינען געשטאַנען, אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה ווייבער און קינדער, וואָס

האָבן הויך געכליפּעט. קאָרע איז געווען בלאַס, אָבער רו-היק, נאָר אליסע האָט געהאַט רויטע, געשוואָלענע אויגן, וואָס האָבן עדות-געזאָגט, אַז זי האָט שלעכט פאַרבראַכט די לעצטע נאַכט אינם פאָרט.

—איך מוז מיך באַדאַנקען, ווי אַזוי צו באַזאָרגן אייך,—האָט זיך גייאורד אָנגערופן צו זיי,—אייער פאָטער, איך און נאָך אייניקע עלטערע אָפיצירן מוזן אַ געוויסע צייט פאָרן פאָרויס. אַזוי פאָדערט דער מנהג. איר וועט, נאַטירלאַך, פאָרן צוזאַמען מיט די פרויען און קינדער. אָבער איך מוז פריער געפינען אַזאַ איינעם, וואָס זאָל אייך אָפּהיטן און באַזאָרגן אין וועג.

—אויב איר געפינט איין, אַז איר מוזט אונז דורכויס אימיצן אָנפאַרטרויען,—האָט קאָרע באַמערקט,—טאָ רופט אַהער אונזער זינגער. אויב ער וועט אונז נישט באַשיצן אַזוי גוט, וועט ער אונז ווייניקסטנס ווײלן מיט זיין זינגען.

גייאורד איז באַלד אַוועק נאָכן זינגער. ער האָט אים געפונען ביי זיך אין צימער, גרייט צו געבן אַ קאָנצערט כאָטש אין דעמ-דאָזיקן שווערן מאָמענט. גייאורד האָט זיך אָנגערופן צו אים:

—די טעכטער פונם פאָלקאָווניק מונראָ האָבן אייך געבעטן, אַז איר זאָלט זיין אַ קורצע צייט זייער באַגלייטער און באַשיצער...

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער זינגער אויסגערופן:

—אָ, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! אָט שוין! אָט די מינוט!...

דער זינגער האָט תיכּף אַריינגעלייגט אין קעשענע זיין גאַנץ פאַר-מעגן, ד. ה. דאָס געזאַנגבוך, דעם קאַמערטאָן און די ברילן.

גייאורד האָט אים אַוועקגעפירט צו די מיידלאַך, וועלכע ער האָט פאַרשפּראָכן, אַז ער וועט זיך אומקערן צו זיי ביי דער ערשטער מעגלאַכקייט. נאָכדעם איז ער אַוועק צום פאָלקאָווניק מונראָ, וואו די מיליטערגרייען צוזאַמען מיטן פאָלקאָווניק זיינען שוין געשטאַנען גרייט אין וועג אַריין. באַלד האָבן אַלע פאַרלאָזט די פעסטונג מיט לאַנגזאַמע, אָבער פעסטע טריט.

אַלע פורן זיינען געווען פאַרנומען מיט קראַנקע, קינדער און מעבל, דעריבער האָט קאָרע באַשלאָסן צו גיין מיט איר שוועסטער צופוס, בייביידע זייטן פון וועג, איבער וועלכן עס האָבן מאַרשירט די איינגלענדער, זיינען געשטאַנען די פראַנצויזישע זעלנער. זיי האָבן סאַלוטירט פאַר דעם אַרויסמאַרשירנדיקן מיליטער און זיי באַגלייט מיט שווייגנדיקע בליקן.

ווען די איינגלענדער זיינען אַריין אין וואַלד, האָבן זיי דאָרט געטראָפן ווילדע אינדיאַנער-מחנות, וואָס האָבן זיי נאָכגעקוקט מיט בייזע פייערלאַך אין די אויגן. די נאָענטקייט פונם פראַנצויזישן מיליטער האָט געשטערט די אינדיאַנער צו באַפאַלן דאָס אומבאַשיצטע איינגלישע מיליטער. אָבער וואָס טיפער זיי זיינען אַריין אין וואַלד, אַלץ דרייסטער זיינען געוואָרן די ווילדע. נאָך די איינגלישע מיליטער־רייען זיינען געגאַנגען אַ סך פרויען מיט קליינע קינדער אויף די הענט און אַ סך קראַנקע זעלנער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אָרט אויף די פורן. צווישן די פרויען זיינען אויך געגאַנגען אליסע מיט קאָרען און זייער שוואַכער באַשיצער, דוד געמאַט.

קאָרע האָט געפילט עפּיס אַ נישט-זיכערקייט אין וואַלד. זי האָט זיך עפּטער אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און האָט צו איר גרויס שרעק באַמערקט דעם ווילדן מאַגוּאַ. ער איז געגאַנגען מיט אַ מחנה אינדיאַנער און בעת-מעשה עפּיס גערעדט צו זיי, אָנווייזנדיק אויף די פרויען און די קראַנקע זעלנער, וועלכע זיינען שוין ביסלאַכווייז אָפּגעשטאַנען פון די מיליטערישע רייען.

אַ שוואַכע פרוי מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנט איז כמעט געגאַנגען די לעצטע און באַלד איז צוגעשפרונגען צו איר אַ ריזיקער אינדיאַנער מיט אַ גזלנישן פּרצוף און געוואָלט איר אַראָפּרייסן דעם בונטן שאַרף, וועלכן זי האָט געטראָגן אויף די אַקסלען. די פרוי האָט אַרונטערגעכאַפּט פון זיך דעם שאַרף, שנעל אַרומגעוויקלט מיט אים דאָס קינד און עס צוגעדריקט צום האַרץ. דער אינדיאַנער איז תּיכּף ומיד אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן, האָט ער אַראָפּגעכאַפּט דעם שאַרף פונם קינד און אַ צווייטער אינדיאַנער האָט דעמדאָזיקן שאַרף צעפּליקט...

די אינדיאַנער האָבן אָנגעהויבן שלאָגן די פרויען, די קינדער האָבן זיך הויך צעוויינט.

די הינטערשטע מיליטערדייען האָבן זיך באַלד אויסגעדרייט צו די אָנפאַלער. יענע זיינען אָבער געווען אַ קליינע צאָל און זיינען תיכּף אָפּגעטראָטן. באַלד האָט זיך אַדורכגעטראָגן אין וואַלד דער באַקאַנטער גוראָנישער מלחמה-פייף, און פון אַלע זייטן האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצולויפן ווילדע אינדיאַנער-מחנות אונטער דער אָנפירונג פון מאַגוואַ. די אינדיאַנער-מחנות זיינען פון מינוט צו מינוט געוואַקסן און די איינגלישע זעלנער האָבן גאָרנישט געקענט טאָן מיט זייערע אויסגעלאָדענע ביקסן. זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט די קאָלבעס און זיינען מאַסנווייז געפאַלן אונטער די פלינקע און געניטע קלעפּ פון די אינדיאַנישע טאָמאַהאַווקעס.

עס איז פאָרגעקומען עפּיס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט באַשרייבן. בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער און די געשרייען האָבן ממש צעטרייסלט די לופט. מונראָ, גייאָורד און נאָך אַ פּאָר אָפיצירן האָבן זיך ווי-עס-איז אַרויסגעראַטעוועט פון דעם בלוטבאָד אַ דאַנק אָדלעראויגן און זיינע נאָענטע פריינט, די מאָהיקאַנער. אָבער כּמעט אַלע זעלנער, פרויען און קינדער זיינען געפאַלן אונטער די רציחה-הענט פון די אינדיאַנער.

קאָרע, אַליסע און דוד געמאַט זיינען נעלם געוואָרן. און אַז אונזערע פריינט, דער פאָלקאָווניק, גייאָורד, אָדלעראויג און די ביידע מאָהיקאַנער האָבן צונויפגעגנס באַקוקט די גאַנצע געגנט, האָבן זיי קיין זכר נישט געפונען פון די צוויי מיידלאַך מיטן זינגער. אָדלעראויג האָט דערפון אַרויסגעדרונגען, אַז אַלע דריי—אַליסע, קאָרע און זייער „באַשיצער" זיינען מסתּמא געפאַנגען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט אָדער אַוועקגעפירט געוואָרן אין איינעם פון די גוראָנער דערפער.

קאפּיטל אַכצען.

צומאָרגנס האָבן די פּראַנצויזן צושטערט דעם פאָרט, אויף זיין אָרט זייגען פאַרבליבן נאָר קופּעס מיסט און האַלב־צו־שטערטע אָקאָפּעס. אויפן דריטן טאָג האָבן די פּראַנצויזן צוזאַמען מיט די גוראָנען אינגאַנצט פאַרלאָזן די געגנט. דאָרט איז געוואָרן שטיל און וויסט.

אויפן פערטן טאָג נאָך דער שחיטה האָבן זיך אויפן וועג, וועלכער האָט געפירט צום פאָרט, באַוויזן פינף פאַרשוין. זיי זיינען געגאַנגען זייער לאַנגזאַם און האָבן זיך אָפט אָפּגעשטעלט, ווי זיי וואָלטן עפּיס געזוכט. פאָרויס איז געגאַנגען אַ יונגער אינדיאַנער, וואָס פלעגט פלינק ווי אַ קאַץ אַרומקריכן איבער אַלע בערגלאַך און אָנזאָגן זיינע לייט, אַז דער וועג איז פריי. אַ צווייטער אינדיאַנער, אַ ביסל עלטער, האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם ברעג וואַלד, כדי צו געפינען דאָרט פרישע שפּורן פון מענטשן. די איבעריקע דריי זיינען געווען ווייסע, כאָטש זייער אָפּגעברענטע הויט האָט זיך נישט קיין סך אונטערגעשיידט פון די רויטהויטיקע אינדיאַנער. אַלע האָבן געטראָגן איינפאַכע מלבושים, געמאַכט פון שטאַרקע שטאָפן, צוגעפּאַסט צו אַ לאַנגער, שווערער נסיעה, און אַלע זיינען געווען גוט באַוואָפנט.

ווען מיר זיך צוקוקן נענטער צו זיי, וועלן מיר באַלד איינזען, אַז דאָס זיינען געווען אונזערע אַלטע פריינט: דער פאַלקאָווניק, גייאורד, אָדלעראויג און די צוויי מאָהיקאַנער. זיי זיינען געגאַנגען זוכן די פאַרפאַלענע טעכטער פונם פאַלקאָווניק.

די וואַנדערער האָבן לאַנג געבלאָנדזשעט איבער וויסטע בערג און טאָלן, איבער וועגן און שטעגן און אַלץ נישט געפונען קיין שום שפּורן, וועלכע זאָלן קאָנען עדות-זאָגן, אַז נישט לאַנג זיי־נען דאָ דורכגעגאַנגען מענטשן און וואוהין זיינען אָפּגעפירט גע־וואָרן די מיידלאַך.

דער פּאָטער האָט שרעקלאַך געליטן און גייאורד, וואָס האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי אים צו העלפן, האָט מיט טיפן מיטלייד און אַנגסט געקוקט אויף דעם ליידנדיקן פּאַלקאָווניק. אפילו אָדלער־אויג האָט נישט געקענט קוקן אויפן אַלטן אָן צער.ביידע מאָ־היקאַנער האָבן אים אויך הייס מיטגעפילט.

דער פּאַלקאָווניק האָט שוין פאַרלוירן די האָפנונג צו געפינען זיינע טעכטער. איינמאָל האָט אונקאַס אויסגעשריען און באַלד דערויף זיך אָנגערופן צו זיינע וואַנדער-חברים:

—איר זעט? איר זעט?

און ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ קוסט אַ גרין שטיקעלע זייד.

—דאָס איז מיין קאָרעס וואואַל...—האָט דער פּאַלקאָווניק אויפ־געציטערט פון פרייד.

—זעט איר, דאָס איז גוט... דאָס איז זייער גוט...—האָט דער יעגער געשטאַמלט.—נו! מיינע פריינט, לאָמיר ווייטער זוכן, אפשר וועלן מיר געפינען נאָך עפּיס אַ צייכן פון די הערלאַכע מייד־לאַך.

דאָס הייפל וואַנדערער האָט געזוכט און גענישטערט צווישן די קוסטעס, און באַלד האָבן זיך דערהערט צוויי אויסגעשרייען:

—שפּורן!—האָט צינגאַנגוק אויסגעשריען און אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער אויפן שטעגל, נישט ווייט פון אַ קוסט, וואו דאָס גראָז איז געווען צוקנייטשט און איינגעטראָטן.

—און נאָך אַ שפּור!—האָט אונקאַס פאַרהילכט די לופט און האָט אַרויסגעשלעפּט נאָך אַ גרין שטיקעלע זייד.

דער יעגער האָט רוהיק זיך אָנגערופן:

—לאָמיר אַקאָרשט זען, וואָס באַדייט דאָס איינגעטראָטענע גראָז...

און דער יעגער מיט צינגאַנגוקן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און געגוי באַטראַכט און באַקוקט די שוואַכע שפּורן. באַלד זיינען ביידע אויפגעשטאַנען און דער יעגער האָט אָנגעקוקט צינ-גאַנגוקן מיט פרעגנדיקע אויגן.

—שאַרפאויגיקער פוקס!—האָט אַרויסגעזאָגט דער אינדיאַנער מיט אַ זיכערער שטימע.

—ריכטיק, ריכטיק!!—האָט אונטערגעכאַפּט דער יעגער.—דאָס זיי-נען שפּורן פון זיינע מאָקאַסינען. יעדער מענטש האָט אַנדערע פיס, דעריבער זיינען דאָ פאַרשידענע מאָקאַסינען און דערפאַר קענען מיר אונטערשיידן די שפּורן. דערוויייל אָבער ווייסן מיר, אַז די שוואַרצאויגיקע דאַמע געפינט זיך אין דער האַנט פונם שאַרפאויגיקן פוקס.

אונקאַס האָט ווידעראַמאָל אויסגעשריען, און אַז אָדלעראויג איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט ער אים באַוויזן עפּיס אַן אויסטערלישע זאַך, וועלכע ער האָט געפונען צווישן די קוסטעס.

—באַ!—האָט דער יעגער פריילאַך אויסגערופן.—דאָס איז דאָך דאָס פייפל פון אונזער זינגער!

—דאָס באַווייזט, אַז דוד געמאָט געפינט זיך אויך אין געפאַנ-גענשאַפט, צוזאַמען מיט די פריילנס. פאָרט אַן אייגענער מענטש מיט זיי,—האָט גייאורד געזאָגט.

—איצט ווייסן מיר שוין אויף זיכער,—האָט דער יעגער באַ-מערקט,—אַז די שוואַרצאויגיקע דאַמע מיט איר איידעלן „באַשי-צער" געפינען זיך אין די הענט פונם שוואַרצאויגיקן פוקס. דער לעצטער איז שוין שלום געוואָרן מיט זיין שבט, און געוויס האָט ער אָוועקגעפירט די געפאַנגענע אין איינעם פון די גוראָנישע דערפער.

—קאָנען מיר נאָך האָפן, אַז מיר וועלן זיי באַפרייען?—האָט דער פאַלקאָווניק פיינלאַך אַ פרעג געטאָן.

—בלי שום ספק, סער!—האָט דער יעגער געענטפערט מיט אַ זי-כערן קול.—איך האָב אייך געגעבן מיין ערנוואָרט אויסצוזוכן אייערע טעכטער, טויטע אָדער לעבעדיקע, און וועל מיין וואָרט האַלטן. שאַ, שאַ! זעט נאָר! איי, אונקאַס, וואָס גלאַנצט דאָרט

געבן דעם קוסט?
אונקאַס האָט געוואָלט אויפהויבן דעם אָנגעוויזענעם געגנשטאַנד, אָבער גייאורד האָט אים אויסגעכאַפּט: ער האָט אויפגעהויבן עפּיס אַ קליינע גלאַנציקע זאַך.
—אַ מעדאַליאָן!—האָט דער אָפיציר אויסגערופן.
—דעם מעדאַליאָן האָב איך געשיינקט אליסען צו איר געבורטס-טאָג,—האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט.—הייסט דאָס, אַז אויך זי...

—הייסט דאָס, אַז אויך די בלאָנדע דאַמע איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט צוזאַמען מיט די שוועסטער און זייער באַ-שיצער. נו, סער, מיר שטייען גוט! מיר וועלן זיי געפינען, ווי כ'בין אָדלעראויג אָדער שפּורנזוכער, ווי מען רופט מיך אויף יענעם ברעג פון דער אָזיערע. צו די גוראָנען וועל איך טרעפן, ווייל אין יענע געגנטן בין איך כמעט אויסגעהאָדעוועט געוואָרן. געוואוינט האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט מיט די גזלנים גוראָ-נען, נאָר מיט גאָר אַן אַנדער שבט. נישט ווייט פון די גוראָנען וואוינט אַ מעכטיק, דעלאַוואַריש שבט. צווישן זיי האָב איך פאַר-בראַכט עטלאַכע יאָר, זיך באַקאַנט מיט זייערע מנהגים, שפּראַך און מדות. דאָרט האָב איך זיך אויך באַפריינדעט מיטן עלטערן מאָהיקאַנער, דער יונגערער איז נאָך דאַן געווען אַ קינד...
—אַ, איך פאַרשטיי שוין,—האָט אים גייאורד איבערגעהאַקט,—ווי אַזוי זשע איז געקומען דערצו, אַז צינגאַנגוק מיטן זון...
—וואוינען נישט מיט זייער שבט, ווילט איר פרעגן? דאָס איז אַן אַלטע, טרויעריקע געשיכטע. איצט מוז איך שווייגן וועגן דעם. אפשר וועט אייך אַמאָל אַנטפּלעקט ווערן דער סוד. איצט האָבן מיר וויכטיקערס צו טאָן. מיר מוזן אויסקלערן אַ מיטל, ווי מען זאָל צוקומען צו די גוראָנען. דאָס וועט זיין זייער אַ שווע-רע נסיעה...
—וואָס רעכנט איר אָבער צו טאָן?—האָט גייאורד געפרעגט.

—עס ווערט שוין טונקל און באַלד פאַלט-צו די נאַכט. דעמאָלט איז אַ גוטן טאָג מיט די שפּורן און מיטן וועג, מיר וועלן זיי

נישט באַמערקן. איצט וועלן מיר גיין אין דעם חרוב-געוואָרע-נעם פאָרט, דאָרט וועלן מיר עפּיס עסן און זיך אויסשלאָפן און דאָרט וועל איך מיך אויך באַראַטן מיט מיינע מאָהיקאַנער. אין דעם פּרט געפעלן מיר זייער די אינדיאַנישע מנהגים. זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט באַראַטן, וואו זיי וועלן פריער נישט אויסרויכערן אַ באַראַטונגס-ליולקע ביים פייער. דאָס געפעלט מיר זייער, כאָטש איך בין אַ ווייסער. מיר וועלן אויך אַזוי טאָן. מאָרגן וועלן מיר ווייטער גיין אין וועג אַריין מיט פרישע כוחות, און כ׳האָף, אַז מיר וועלן דערגרייכן אונזער ציל.

די וואַנדער-מחנה איז אַוועק אין פאָרט, און אין אַ שעה אַרום איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט.

קאַפּיטל ניינצען.

אינם פאָרט האָט דער יעגער מיט זיינע פריינט צוגעגרייט אַ נאַכטלעגער פאַרן פאָלקאָווניק מיט גייאורדן. זיי האָבן אויסגעבויט אַ מין געצעלט און געבראַכט פרישן שטרוי.
דער יעגער מיט די מאָהיקאַנער האָבן פאַרלייגט אַ פייער און האָבן מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן זייער איינפאַכן אָוונטברויט.

גייאורד איז אַרויס פון געצעלט און האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ האַלב-צושטערטן אָקאָפּ. די נאַכט איז אַ שטאָק-פינסטער געווען.

ער איז לאַנג געזעסן, פאַרטיפט אין זיינע רעיונות. פלוצלונג האָט ער דערהערט אַ שוואַכן שאָרך נישט ווייט פון די רואינעס. ער האָט זיך צוגעהערט, אָבער דער שאָרך האָט זיך נישט איבערגעחזרט. האָט ער זיך באַרוהיקט און אויפסניי זיך אָפּגעגעבן זיינע רעיונות. שפּעטער אָבער האָט ער ווידעראַמאָל דערהערט אַ שאָרך, שוין עטוואָס דייטלאַכער ווי פריער. גייאורד איז שנעל און פאָרזיכטיק אַרויס פונם אָקאָפּ און איז צוגעגאַנגען צום יעגער, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסן ביים האַלב-פאַרלאָשענעם פייער צוזאַמען מיט די מאָהיקאַנער.
—איך הער עפּיס אַ מאָדנעם שאָרך...—האָט ער זיך אָנגערופן צום יעגער.—איר הערט?
—איך הער, איך הער,—האָט דער יעגער געענטפערט מיט גרינגשעצונג.—דאָס זיינען וועלף אָדער היענעס. זיי גייען אונז נישט

אַן. לאָמיר בעסער גיין שלאָפן, סער.
—אָבער הערט זיך נאָר צו, איצט הערט מען נאָך דייטלעכער,— האָט גייאורד געשעפטשעט.
דער יעגער האָט צוגעלייגט דעם אויער:
—זאָל אונקאַס גיין אויספאָרשן,—האָט ער אַרויסגעזאָגט.--וואָס אַ ווייסער וועט פאַר קיין פאַל נישט זען און נישט הערן, דאָס וועט דערזען און דערהערן אַן אינדיאַנער.
דער יעגער האָט נאָכגעמאַכט דעם וויינענדיקן געשריי פון אַ סאָווע. מיט דעמדאָזיקן געשריי פלעגט ער שטענדיק צורופן אונקאַסן. דער לעצטער האָט זיך באַלד באַוויזן און דער יעגער האָט אים געזאָגט אַ פּאָר ווערטער אויף דעלאַוואַריש. אונקאַס האָט זיך שטיל אַרויסגעגליטשט פונם אָקאָפּ און גייאורדן האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז געבליבן ליגן אויפן אָרט. גייאורד האָט זיך געוואונדערט, וואָס אונקאַס רירט זיך נישט אַזוי לאַנג, אָבער אַז ער איז צוגעגאַנגען צו דעם פּלאַץ, וואו אונקאַס האָט געדאַרפט ליגן, האָט ער אים דאָרט נישט געפונען צו זיין גרויס פאַרוואונדערונג.
—וואו איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן?—האָט גייאורד געפרעגט דעם יעגער,—איך האָב אַליין געזען, ווי ער איז דאָ אומגעפאַלן און איך קאָן געבן מיין קאָפּ, אַז ער האָט זיך נישט גערירט פונם אָרט.
—דערויף איז ער אַן אינדיאַנער,—האָט דער יעגער געענטפערט מיט אַ שמייכל.—דערווייל זייט שטיל, ווייל דאָ וואַנדערט אַרום אַ באַנדע גוראָנען, מען מוז אָנזאָגן צינגאַנגוקן, ער זאָל זיין פאַרזיכטיקער.
ער האָט צוגעלייגט דעם מיטלסטן פינגער צו די ליפּן און האָט אַזוי קונציק נאָכגעמאַכט דאָס בייזע שיפּען פון אַ שלאַנג, אַז גייאורד איז דערשראָקן אָפּגעשפּרונגען. צינגאַנגוק, וואָס איז געזעסן פאַרטראַכט, האָט דערהערט דעם באַקאַנטן סיגנאַל. האָט ער בלויז אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעשטעלט די אויערן. ער האָט זיך נישט באַוועגט, אָבער די אויגן האָבן אים אָנגעהויבן צו לויפן אין אַלע זייטן.

פלוצלונג איז דער אינדיאַנער געפאַלן אויף דער ערד, זיך אי־בערגעקאַטשעט אַ פּאָר מאָל און אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט. אין דעמזעלבן אויגנבליק האָט זיך דערהערט אַ שאָס, די קויל האָט פאַנאַנדערגעוואָרפן די קוילן פונם פייער, וואו דער אַלטער איז פריער געזעסן.
דאָס אַלץ איז געשען אַזוי שנעל, אַז גייאורד האָט כמעט פאַר־לאָרן די רעיונות. נאָר צינגאַנגוק איז שוין געשטאַנען געזונט און שטאַרק. ער האָט עפּיס שטיל גערעדט מיטן יעגער און ביי־דע האָבן מיט גרויס אָנשטרענגונג געקוקט אין דער פינסטערער ווייטקייט אַריין.
אין צוויי-דריי מינוטן אַרום האָט זיך דערהערט אין דער אָזיע־רע אַ שטילער פאַל און באַלד האָט זיך דערהערט נאָך אַ שאָס.
—דאָס האָט אונקאַס אויסגעשאָסן!—האָט דער יעגער געזאָגט— איך דערקען שוין דאָס קנאַלן פון זיין ביקס. איר זעט, צינגאַנ־גוק זיצט שוין ווידער רוהיק אויף זיין אָרט.
גייאורד מיטן יעגער זיינען צוגעגאַנגען צום אינדיאַנער, וועלכער איז גאַנץ קאַלטבלוטיק געזעסן אויפן אַלטן אָרט.
—מיין ברודער איז רוהיק?—האָט אָדלעראויג געפרעגט.—זיינען געווען אַ סך איראָקעזן?
דער אינדיאַנער האָט אויפגעהויבן אַ פינגער און קורץ געזאָגט:

—איינער! אונקאַס וועט באַלד ברענגען זיינע האָר!
פון דער זייט האָט זיך באַוויזן אונקאַס און האָט זיך שטיל אַנידערגעזעצט נעבן זיין פאָטער. גייאורד האָט געוואַרט, ער זאָל אָנהויבן צו דערציילן, וואָס דאָ איז געשען, אָבער אונקאַס האָט געשוויגן. ער האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויפן פרעגנדיקן בליק פונם פאָטער. יעדער ווייסער אויף זיין אָרט וואָלט אָנגעהויבן צו דערציילן אַ לאַנגע מעשה וועגן זיין העל־דישקייט, אָבער דידאָזיקע מערקווירדיקע לייט האָבן נישט גע־האַלטן פאַר נויטיק צו פלוידערן פון אַזוינע זאַכן, וועלכע זיינען פון זיך אַליין פאַרשטענדלאַך.
אָבער גייאורד האָט אים אַ פרעג געטאָן:

—אונקאַס, וואָס איז געשען? מיר האָבן געהערט אייער שאָס. איך פאַרהאָף, אַז ער איז נישט געגאַנגען לאיבוד.

דער יונגער אינדיאַנער האָט געעפנט זיין יעגער-בלוזע און שטום אַ ווייז געטאָן אויף אַ לאַנגן פאַס האָר, וועלכער איז געהאָנגען ביי זיין גאַרטל.

גייאורד איז ווייטער אַוועק אין אָקאָפּ און איז דאָרט איינגע-שלאָפן, איינגעוויקלט אין זיין מאַנטל.

דער יעגער האָט צוגעלייגט האָלץ צום פייער און איינגעלאַדן זיינע פריינט, זיי זאָלן זיך אַנידערזעצן. אַ לאַנגע צייט האָבן אַלע געשוויגן. מען איז געזעסן מיט ערנסטע פייערלאַכע פנימער, קיינער אָבער האָט זיך נישט דערוועגט איבערצורייסן די שטיל-קייט מיט עפּיס אַ וואָרט. ווען דאָס פייער האָט זיך גוט צו-ברענט, האָט צינגאַנגוק אַרויסגענומען פון זיין בוזעם-קעשענע אַ קליין ליולקעלע. דאָס שיסעלע איז געווען קונציק אויסגעשניצט פון אַ ווייכן שטיין, און דער מונדשטוק—פון האַרטן האָלץ. ער ער האָט לאַנגזאַם אָנגעפילט די ליולקע מיט טאַבאַק, זי פאַררוי-כערט ביים פייער און לאַנגזאַם אַ פּאָר מאָל אַ ציי געטאָן. דער-נאָך האָט ער די ליולקע איבערגעגעבן זיינע פריינט. יענע האָבן זיך אויך אַ פּאָר מאָל פאַרצויגן. אַזוי האָט די ליולקע דריי מאָל אַרומגעשפּאַצירט צווישן די רויכערער, ביז זי איז ווייטער אַרי-בער צו צינגאַנגוקן. דעמאָלט האָט ער זי פּאַוואָליע אויסגעקלאַפּט און באַהאַלטן צוריק אין דער בוזעם-קעשענע. איצט האָט זיך אָנגעהויבן די זיצונג, דער יעגער האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און אָנגעהויבן צו ריידן. גערעדט האָט אייגנטלאַך דער יעגער מיט צינגאַנגוקן. אונקאַס האָט געשוויגן אויס אַכטונג צו די עלטערע.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, האָבן ביידע מאָהיקאַנער זיך געהאַלטן ביי איין מיינונג, דער יעגער ביי אַ צווייטער. עס האָט אויסגעוויזן, אַז די מיינונגס-פאַרשידנהייט וועט זיך ציען אָן אַ סוף און אָן אַ שיעור, דאָך אָבער האָט קיינער נישט דערהויבן די שטימע און איז נישט אויפגערעגט געוואָרן. פאַרקערט, איי-דער זיי האָבן אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג, האָבן זיי לאַנג גע-

טראַכט. דער אַלטער מאָהיקאַנער האָט באַגלייט זיינע ווערטער מיט רוהיקע, שיינע באַוועגונגען. ער און זיין זון זיינען געווען דערפאַר, מען זאָל מאַכן די נסיעה אויף דער יבשה. דער יעגער האָט געראַטן, צו פאָרן מיטן וואַסער. ביידע צדדים האָבן אונטערגע-שטיצט זייערע מיינונגען מיט פעסטע ראיות און פראַקטישע עצות.
אָדלעראויג האָט געזען, אַז דאָס וועט נישט נעמען קיין סוף, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזע פון אַן אינדיאַנער-רעדנער. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער גע-מאַכט אין דער לופט אַ ברייטן האַלבקרייז, וואָס האָט געזאָלט באַדייטן די טאָג-באַוועגונג פון דער זון איבערן הימל. ער האָט געמאַכט אַזויפיל האַלבקריַיזן, וויפיל טעג עס האָט באַדאַרפט גע-דויערן די נסיעה צו די גוראָנען. דערנאָך האָט ער פאָרגעשטעלט מיט אויסערגעוויינלאַך אויסדריקלאַכע באַוועגונגען דעם לאַנגן, שווערן וועג דורך וועלדער און בערג. דערביי האָט ער אויך זייער אויסדריקלאַך געשילדערט די אַלטע יאָרן און די שוואַכע כוחות פונם פאַלקאָוניק מונראָ, וועלכער וועט נישט זיין בכוח דורכצומאַכן אַזאַ מין נסיעה. שפּעטער האָט ער געוויזן מיט לייכ-טע רונדע באַוועגונגען, ווי לייכט און פלינק עס פליט אַ שיפל איבערן וואַסער. ער האָט איבערגעגעבן דורך באַוועגונגען די לייכטקייט פון אַ שיפל און די שווערע, וואַקלדיקע טריט פון אַן אויסגעמאַטערטן מענטשן. צולעצט האָט ער מוסף-געווען, אַז דער וועג מיטן וואַסער לאָזט נישט איבער קיין שפּורן הינטער זיך...
זיין שילדערונג האָט ער באַגלייט מיט קורצע, שטאַרקע ווערטער. ערנסט און אויפמערקזאַם האָבן די מאָהיקאַנער באַגלייט מיט די בליקן זיינע באַוועגונגען.
דאַסמאָל האָבן, קענטיק, געווירקט זיינע איבערצייגונגען אויף די אינדיאַנער. ווען ער האָט געענדיקט און האָט זיך אַנידערגע-זעצט, זיינען אַלע געזעסן טויט-שטיל. יעדער אינדיאַנער האָט אינדערשטיל אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון זיינע עצות. צולעצט האָט צינגאַנגוק זיך אָנגערופן צו זיין זון:
—מיין ברודער איז גערעכט. זיין עצה איז קלוג. אָדלעראויגס חכמה האָט אַזאַ ממשות ווי זיין העלדישקייט.
און באַלד דערויף האָבן זיך אַלע געלייגט שלאָפן.

קאַפּיטל צוואַנציק.

די זון איז נאָך נישט געווען אויפגעגאַנגען און דער הימל איז נאָך געווען באַדעקט מיט שטערן, ווען אָדלעראויג האָט אויפגעוועקט גייאורדן. אַלע, אויסער אים, זיינען שוין געווען גרייט אין וועג אַריין.

דער יעגער האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן און שטיל געזאָגט:

—שטילער, סער! זייט פאָרזיכטיק! נישט גערעדט, נאָר געשוויגן. אַ וואָרט איז דער גרעסטער פאַררעטער אין וואַלד. שטעלט אייער פוס אויף שטיינער און איבערהויפּט אין אַזאַ אָרט, וואו עס בלייבט נישט קיין שפור. אַמבעסטן וואָלט געווען, איר זאָלט שטעלן אייער טריט אויף מיינעם...

דער יעגער איז שנעל און פאַוואָליע אַוועק צו דער אָזיערע. אַלע זיינען געגאַנגען נאָך אים און אין זיינע טריט. ווען ער איז צוגעקומען צום ברעג, האָט ער שטיל געזאָגט:

—אונקאַס, זיי אַזוי גוט, גיי אַריין אין וואַסער און ברייננ אונ-זער שיפל צום ברעג, אָבער צו די שטיינער, נישט צום זאַמד...

אונקאַס האָט פינקטלאַך און שנעל דערפילט דעם באַפעל פונם יעגער. מונראָ און גייאורד זיינען די ערשטע אַריין אינם שיפל. אַרום איז געווען טויט-שטיל. זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג, איז דער יעגער מיט די מאָהיקאַנער אויך אַריין אינם שיפל און שטיל אָפּגעשוואומען פונם ברעג.

—נישט ווייט האָט געשווישבלט און געגריבלט מיט גזלנים-איראָקעזן און מען האָט באַדאַרפט זיין זייער פּאָרזיכטיק און שטיל.
פּלוצלונג האָט דער יעגער אַ פרעג געטאָן:
—אונקאַס, וואָס זעסטו דאָרט ווייטער?
אונקאַס האָט אָנגעשטריינגט אַ קוק געטאָן אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג און געזאָגט מיט אַ זיכערן טאָן:
—דאָס איז אַ רויך פון אַ שייטער-הויפן.
—אַזוי האָב איך גערעכנט! נו, באַלד וועט זיך אָנהויבן אַ שפּיל! איר זעט—האָט דער יעגער געזאָגט.—דאָרט ציט זיך אַ שמאָלער קאַנאַל, וועלכן מיר מוזן אַדורכשווימען. פאַרן קאַנאַל, רעכטס, זעט איר אַ פעלז, וואָס ליגט ווייט אין וואַסער? הינטער דעם פעלז זעט מען אַ רויך. דאָס באַווייזט, אַז דאָרט זיינען פאַראַן מענטשן, מיט וועלכע אונז וועט נישט זיין אַזוי אָנגענעם זיך צו באַגעגענען.
—וואָס זשע רעכנט איר צו טאָן אויף אַזאַ אופן? איר זאָגט דאָך, אַז קיין אַנדער וועג איז נישט פאַראַן.
—אָ, קיין אַנדער וועג האָבן מיר נישט, ווי איר זעט אַליין. מיר וועלן זיך אַדורכגנבענען אינם שאָטן פונם פעלז וואָס שטילער און וואָס שנעלער, אפשר וועלן זיי אונז נישט באַמערקן. אַלנפאַלס, וועל איך זיך פריער מישב זיין מיט די מאָהיקאַנער.

ביידע אינדיאַנער זיינען געזעסן ביים רודער. אָדלעראויג האָט אַ וואונק געטאָן און זיי האָבן אָפּגעשטעלט דאָס שיפל. און דע-מאָלט האָט ער זיך איבערגעשמועסט מיט זיי אויף דעלאַוואַריש.
—אָט האָט איר שיפלאַך אויך,—האָט דער יעגער אָנגעוויזן אויף אַ פּאָר שיפלאַך,—דאָס הייסט, אַז מיר האָבן דאָ ווייניגסטנס ביי אַ צען גזלנים. אויב זיי וועלן אונז באַמערקן, וועט זיין אַ שלעכ-טע מעשה, מיר וועלן האָבן מיט זיי צו טאָן. לאָמיר זען פאַר-ביישווימען אומבאַמערקט.
דריי שיפער האָבן גערודערט מיט אַלע כוחות און דאָס שיפל האָט זיך אַוועקגעלאָזט בליץ-שנעל. דאָך האָט מען דאָס באַמערקט פונם פעלז. ס'האָבן זיך דערהערט דראָענדיקע קולות. און באַלד

דערויף — אַ שאָס. צום גליק אָבער האָט די קויל קיינעם נישט געטראָפן, נאָר אַריינגעפאַלן נישט ווייט אין וואַסער.
באַלד האָט זיך אויפן ברעג באַוויזן אַ קליינע מחנה אינדיאַנער. זיי זיינען אַריינגעשפרונגען אין זייערע שיפלאַך און זיינען נאָכגעשוואומען אונזערע פריינט. יענע אָבער זיינען שנעלער געשוואומען, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ לייכט שיפל און די שטרעקע צווישן די פאַרפאָלגער און פאַרפאָלגטע איז געוואָרן אַלץ גרעסער. און אַז זיי זיינען פאַרלאָפן ווייט פאָרויס, אַזוי, אַז אָדלעראויגס ווייטשיסנדיקער ביקס וואָלט שוין נישט דערגרייכט די פאַרפאָלגער, האָט דער יעגער אַוועקגעלייגט דעם רודער.

דער יעגער האָט אַפילו פאַר איינוועגס געוואָלט דערשיסן אַ פּאָר ווילדע. די מאָהיקאַנער האָבן אויך אויפגעהערט צו רודערן און די אינדיאַנער האָבן זיך שנעל דערנענטערט צו אונזערע פריינט.

דעמאָלט האָט זיך אָדלעראויג אויפגעהויבן מוכן ומזומן צו שיסן אין די אינדיאַנער, נאָר אונקאַס, וואָס האָט לייכט אויפגעציטערט, האָט אים אָפּגעהאַלטן.
— וואָס איז געשען, אונקאַס? — האָט דער יעגער אַ פרעג געטאָן.

דער יונגער מאָהיקאַנער האָט אָן ווערטער אַ ווייז געטאָן אויפן לינקן ברעג. פונם ברעג איז געשוואומען אַ שיפל מיט עטלאַכע אינדיאַנער.
— אַהאַ, די זאַך ווערט ערנסטער! — האָט דער יעגער באַמערקט. — מען מוז זיך אָנשטרענגען.
אָדלעראויג האָט שטיל באַפוילן:
— לייגט אייך אַלע אויפן דעק!
זיין באַפעל איז תיכף דערפילט געוואָרן, און די ווילדע האָבן אויסגעשאָסן. די קוילן האָבן אָבער קיינעם נישט געשאַדט.
— נו, — האָט אָדלעראויג געזאָגט, — איצט וועל איך מיט זיי אַ שפּיל טאָן!
ער האָט גענומען זיין ביקס און אויסגעשאָסן אין די פאַרפאָלגער.

עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי און איינער פון די ווילדע איז אריינגעפאַלן אין וואַסער.

דאָס שיפל מיט די ווילדע האָט זיך תיכּף אומגעדרייט צום ברעג און די ווילדע זיינען הענדום-פּענדום אַרויסגעשפּרונגען פון די שיפלאַך אויף דער יבשה.

—איך פאַרשטיי זיי, די כּלבים!...—האָט דער יעגער זיך אָנגערופן.—זיי וועלן אונז די גאַנצע צייט נאָכשפּירן און שטערן אַרויסצוגיין פון וואַסער. זיי קענען זיך צוטיילן אויף צוויי מחנות און נאָכשפּירן אונז פון ביידע ברעגעס.

—וואָס האָבן מיר צו טאָן, מיין ליבער?—האָט גייאורד אַ פרעג געטאָן דעם יעגער.—אפשר וועלן מיר צושווימען צו אַן אינזל און פון דאָרט באַטראַכטן די געגנט?

—אַן אינזל איז לייכט צו געפינען, אָבער מיר מוזן האָבן אַן אינזל מיט אַ הויכן באַרג, מיר זאָלן זען די גאַנצע געגנט, ווי אויף דער האַנט.

אין צען מינוט אַרום זיינען אונזערע וועגלייט צוגעשוואומען צו אַ הויכער אינזל. אָדלעראויג מיט גייאורדן האָבן אַרויפגעקלעטערט אויפן באַרג, וואָס האָט זיך געהויבן אויף דער אינזל.

—זעט איר, אַז איך האָב מיך נישט געגאַרט!—האָט אויסגערופן דער יעגער.—זעט איר אויף ביידע ברעגן פון דער אָזיערע אַ רויך? דאָס זיינען די אינדיאַנער, וואָס שפּירן אונז נאָך. אָבער איך שרעק מיך נישט פאַר זיי. לאָמיר זיך אַקאָרשט באַראַטן מיט די מאָהיקאַנער.

ער איז אַראָפּ פון באַרג און זיך באַראַטן מיט די מאָהיקאַנער. באַלד האָבן אַלע גענומען דאָס שיפל אויף די פּלייצעס און זיינען אַוועק צום נאָענטן וועלדל, איבערלאָזנדיק הינטער זיך וואָס מער שפּורן. פון וועלדל זיינען זיי אַוועק צוריק צו דער אָזיערע, אָבער מיט אַן אַנדער וועג און געגאַנגען זיינען זיי כּמעט גאָר אָן שפּורן.

דערנאָך האָבן זיי זיך אַ צווייט מאָל אָפּגעשטעלט און זיך אויס-

געֶרוט אויפֿן ברעג. ערשט פֿאַרנאַכט זיינען זיי ווייטער געפֿאָרן. איצט האָט זיי שוין דער יעגער געפֿירט און זיי געבראַכט אין אַ האַפֿן. דאָרט האָבן זיי גוט פֿאַרשטעקט דאָס שיפֿל צווישן די ביימער און זיינען ווייטער אַוועק צופֿוס

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק.

אַ פּאָר שעה זיינען די וואַנדערער געגאַנגען איבער אַן אויסערגעוויינלאַך שווערן וועג,—שטיינער, לעכער, גריבער און טייכלאַך. אַרום האַלבער נאַכט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און באַשלאָסן איבערצונעכטיקן אין אַ קליינער הייל.

צומאָרגנס פרי זיינען זיי ווייטער אַוועק. די גאַנצע צייט איז דער יעגער געגאַנגען זיכער פאָרויס, אָבער אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, גענוי באַטראַכט דעם וועג און זיך באַראַטן מיט די מאָהיקאַנער.

גייאורד האָט אים אַ פרעג געטאָן:

—וואָס איז געשען, אָדלעראויג? האָבן מיר פאַרלאָרן דעם וועג?

—ניין, סער,—האָט אָדלעראויג געענטפערט.—ביז אַהער האָבן מיר געהאַט בלויז איין וועג, וואָס האָט געפירט צו די דערפער פון די גוראָנען. איצט האָבן מיר אָבער צוויי וועגן און איך ווייס נישט, מיט וועלכן וועג די אינדיאַנער זיינען אַוועק.

—לאָמיר זוכן זייערע שפורן, וועלן מיר וויסן אויף זיכער,—האָט דער פאָלקאָווניק פאָרגעלייגט.

—מיר וועלן טאַקי אַזוי טאָן,—האָט אָדלעראויג צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.—איר זעט יענס בערגל? דאָס וועט זיין אונזער זאַמלפונקט. מיר וועלן זיך פאַנאַנדערגיין אין פאַרשידענע ריכטונגען און זוכן די שפורן. ווער עמיץ עפּיס געפינען, וועט ער צורופן די איבעריקע. אין אַ שעה אַרום וועלן זיך אַלע פאַרזאַמלען אויפן בערגל.

מען האָט זיך באַלד אַוועקגעלאָזט אין פאַרשידענע ריכטונגען, אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך דערהערט אונקאַסעס שטימע. די וועגלייט זיינען זיך צונויפגעלאָפן נעבן אונקאַסן, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף היבשע שפּורן פון פערדישע קאָפּיטעס. איצט האָבן שוין אַלע זיכער געוואוסט, מיט וועלכן וועג די גוראָנען זיינען אַוועק.

—מיר וועלן גיין נאָך די שפּורן...—האָט אָדלעראויג געזאָגט,—מיר מוזן אָבער אויסמיידן די גוראָנען-באַנדעס. מיר געפינען זיך שוין אויף זייער ערד.

ער האָט זיך באַראַטן מיט די מאָהיקאַנער און זיך נאָכדעם אָנגערופן צו גייאורדן:

—מיר וועלן גיין אין אַזאַ אָרדנונג: איך—פּאָרויס, איר, פאַלקאָוניק, און איר, מאַיאָר, נאָך מיר און צולעצט—ביידע מאָהיקאַנער. גייט אָבער זייער, זייער שטיל.

אין דערדאָזיקער אָרדנונג האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין.

פאַרנאַכט זיינען זיי אַרויף אויף אַ וואַלד-לאָנקע, וואו שאַרפאויגיקער פוקס האָט זיך, ווי ס'זעט אויס, אָפּגעשטעלט אָפּצורוען. מען האָט עס געקענט פאַרשטיין פון די שפּורן, וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבן.

איצט האָט מען געדאַרפט זוכן נייע שפּורן, כדי צו וויסן, אין וואָסער דאָרף מען האָט אַוועקגעפירט די געפאַנגענע.

דער יעגער האָט ווידעראַמאָל געגעבן די אייגענע עצה—יעדער זאָל זיך צוטיילן און זוכן שפּורן אין דער אומגעגנט.

אַלע האָבן אים געפאָלגט און האָבן פאַרגראָבן די אויגן אין דער ערד. אַ גאַנצע שעה אָבער איז אַוועק און זיי האָבן גאָרנישט געפונען. שפּורן פון מענטשלאַכע טריט זיינען געווען אַ סך, קיין איינער פון זיי אָבער האָט נישט געפירט ערגיץ ווייטער פון דער לאָנקע. אויסערדעם, האָט מען אין ערגיץ נישט געפונען קיין שפּורן פון פרויען-שיך.

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זיינען אַלע צוריקגעקומען, אָבער אונקאַס האָט געפעלט.

—ער איז בײם טײכל,—האָט צינגאַנגוק געזאָגט.
אַלע זײנען אַװעק צו אונקאַסן, װאָס האָט, װי אַלעמאָל, װירק־לאַך עפּיס געפֿונען. ער איז געשטאַנען אויף די קני פֿאַרן טײכל און געשאָטן זאַמד, צו פֿאַרהאַלטן דעם שװאַכן שטראָם פֿונם פֿלאַכן טײכל. צולעצט האָט זיך אים אײנגעגעבן צו פֿאַרהאַלטן דעם שטראָם און אונקאַס האָט אָנגעװיזן אויף אַ דײטלאַכן שפּור אויפֿן דנאָ. דערדאָזיקער שפּור האָט עדות געזאָגט, אַז די אינ־דיאַנער זײנער אַװעק מיטן דנאָ פֿונם טײכל. געפֿאַלן אויף דער המצאה איז אונקאַס, װאָס האָט פֿריער באַמערקט אַנדערע שפּורן. אויפֿהויבנדיק אויף אײן אָרט אַ קלײן הײפֿעלע זאַמד מיט גראָז, האָט ער אונטער אים געפֿונען אַ דײטלאַכן צײכן פֿון אַ גרויסן שוך און פֿון אויבן האָט זיך געזען אַ שפּור פֿון אַ װײכערן שוך.

אַדלעראויג האָט געפֿונען אַ סך זאַמדהויפֿנס. אײנער פֿון צװײטן איז אָפּגעשטאַנען אויף אַ טריט פֿון אַ דערװאַקסענעם מענטשן. און אַלע צײכנס אונטערן זאַמד האָבן געפֿירט פֿון יענעם אָרט, װאו מען האָט געזען די סימנים פֿון אַ שײטערהויפֿן, ביז צום טײכל.

אַדלעראויג האָט זיך אָנגערופֿן צו גײאורדן, װעלכער האָט דאָ גאָרנישט פֿאַרשטאַנען:
—אײנס פֿון די אינדיאַנערס שפּיצלאַך באַשטײט דערין, װאָס זײ באַהאַלטן זײערע שפּורן. דאָס װערט געמאַכט אַזוי: אײנער פֿון זײ גײט פֿאָרויס און הינטער אים גײען אײנציקװײז די איבערי־קע. יעדער סטאַרעט זיך צו גײן אויף די שפּורן פֿון דעם פֿאָ־דערשטן גײער. דער לעצטער װידער באַדאַרף בײ יעדן טריט פֿאַרשיטן מיט זאַמד דעם אײנציקן שפּור הינטער זיך. איך בין משער, אַז דער זינגער מיט זײנע גרויסע פֿיס און מיט זײן שװערן אומגעלומפּערטן טריט איז געגאַנגען דער ערשטער. איצט מוזן מיר זען, װי לאַנג זײנען זײ געגאַנגען מיטן טײכל און אין װעלכער זײט האָבן זײ זיך שפּעטער פֿאַרקירעװעט. דערװײל װעלן מיר גײן אויפֿן ברעג פֿונם טײכל. דאָס, װאָס מיר האָבן נישט געפֿונען די שפּורן פֿון די מײדלאַך, באַװײזט, אַז שאַרפֿ־אויגיקער פֿוקס האָט באַפֿוילן צו טראָגן זײ ערטערװײז אויף די הענט־

די וועגלייט זיינען אוועק מיטן ברעג.
אפגעגאנגען ביי א מייל, זיינען זיי צוגעקומען צו א גרויסן פעלז. דא האבן זיי זיך אפגעשטעלט און דער יעגער מיט זיינע רויט-הויטיקע פריינט האבן ווידעראמאל געזוכט שפורן. דאסמאל האבן זיי שטארק מצליח געווען. זיי האבן געפונען עפיס אזויגס, וואס איז ענלאך צו טראגבערעטלאך און שפורן פון קליינע, כמעט קינ-דישע פיסלאך.
אזוי האט זיך באשטעטיגט אלץ, וואס אדלעראויג האט פארגעזען. זיי זיינען געווען אויפן ריכטיקן וועג.
איצט זיינען זיי געגאנגען איבער א שיינעם טאל. אויפן וועג זיינען געלעגן א סך שפורן און די וועגלייט זיינען זיכער געגאנ-גען פארויס. שפעטער אבער האט דער יעגער זיך עטוואס גע-קווייקלט.
—מיר מוזן שוין ווידער א קלער טאן, וואס צו טאן,—האט ער געזאגט,—נישט ווייט פון דאנען געפינען זיך שוין די דערפער פון די גוראנען.
ער האט עפיס א שעפטשע געטאן די מאהיקאנער און זיי זיינען זיך צוגאנגען אין צוויי פארשידענע ריכטונגען.
דער יעגער, גייאורד און דער פאלקאווניק זיינען ווייטער געגאנ-גען. די זון האט זיך שוין אראפגעלאזט. אפגעגאנגען א פאר מייל, האט דער יעגער געזאגט:
—גייט צו יענעם בערגל און ווארט דארט אויף מיר. איך וועל אויספארשן די געגנט.
מיט דידאזיקע ווערטער, איז ער נעלם געווארן צווישן די קוס-טעס. דער פאלקאווניק מיט גייאורדן זיינען צוגעגאנגען צום בערגל און האבן זיך דארט אנידערגעזעצט. אונטער זיי איז גע-לעגן א שיינער, טיפער טאל מיט א קליין טייכל אינמיטן. אויפן ברעג פונם טייכל, זיינען געשטאנען שיינע קליינע געצעלטן. פון איין געצעלט צו א צווייטן זיינען געלאפן קליינע, פלינקע בא-שעפענישן.
אונזערע פריינט האבן מיט גרויס פארוואונדערונג זיך צוגעקוקט צו דעמדאזיקן בילד. דערווייל האבן זיי דערהערט א שארך.

גייאורד האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אַ הויכן אינדיאַנער, וועלכער האָט אויך געקוקט אויף די משונהדיקע באַשעפעניש. ער האָט אויסגעזען אַזוי פרידלאַך און מילד, אַז גייאורד איז רוהיק געזעסן אויף זיין אָרט און געקוקט אויף דעם ליבן דערפל פון די אינדיאַנער.

פלוצלונג איז אויסגעוואַקסן דער יעגער, וואָס איז צוגעגאַנגען צום הויכן אינדיאַנער און אים אַ קלאַפּ געטאָן אין רוקן.

קאַפּיטל צוויאונצוואַנציק.

דער פּאָלקאָווניק און גייאורד האָבּן ממש געגאַפּט, ווען זיי האָבּן איינגעזען, אַז דידאָזיקע קליינע בּאַשעפּענישן זיינען בּיבּערס און אַז דער הויכער אינדיאַנער איז דוד געמאַט.

מען האָט אים בּאַלד גענומען אויספרעגן, וואָס איז געוואָרן מיט די פריילנס.

—זיי געפינען זיך אין געפאַנגענשאַפט בּיי די ווילדע,—האָט דער זינגער דערציילט.—זיי זיינען געזונט און שטאַרק, כאָטש זיי בּיינקען זייער שטאַרק. מיך לאָזט מען אַרומגיין פריי. דאָס עלטערע פריילן וואוינט אין אַ שכניש דערפל, דאָרט הינטערן פעלז. די צווייטע, ווידער, וואוינט אין יענעם דערפל, דאָרט אויפן בּאַרג.

אָדלעראויג האָט אים אויסגעפרעגט וועגן די היגע שבטים. דאָס האָט אָבּער דער זינגער נישט געקאָנט וויסן. ער האָט נאָר געזען, אַז אויף די קערפּערס האָבּן זיי אויסגעמאָלטע שילדקרעטן.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער יעגער זייער דערפרייט און זיך איבּערגעשמועסט מיט די מאָהיקאַנער. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

—ווי עס זעט אויס, מוז דאָס זיין אַ מעכטיקער דעלאַוואַרישער שבט, וואָס צינגאַנגוק איז אַמאָל געווען זיין אָנפירער. צוליבּ די מאוסע שפּיצלאַך פון די ווייסע, דערונטער אויך איינגלענדער, האָבּן די דעלאַוואַרישע שבטים געקעמפט צווישן זיך און אַ טייל

זיי האָט זיך פאַרבונדן מיט די גוראָנען.

—וואָס האָבן מיר אָבער צו טאָן ?—האָט גייאורד געפרעגט.

—קודם מוז אונזער זינגער מיטטיילן אונזערע דאַמען, אַז מיר זיינען דאָ,—האָט אָדלעראויג געענטפערט.—אַז איר וועט דערהערן דעמדאָזיקן פייף,—האָט דער יעגער זיך אָנגערופן צום זינגער—זאָלט איר באַלד קומען אויף יענעם אָרט, וואו דער פייף וועט געגעבן ווערן.—דער יעגער האָט אים געוויזן, ווי אַזוי ער וועט פייפן, און דער זינגער האָט געשמייכלט.

—איצט טוט אייך אייער זאַך, אָבער קיינער טאָר עס נישט באַמערקן.

פלוצלונג האָט גייאורד זיך אָנגערופן:

—כ׳וועל גיין מיטן זינגער און וועל מיך פאַרשטעלן פאַר אַ גרויסן כשופמאַכער. איך מוז מיך אָבער פריער גרימירן. העלפט מיר צו דערין...

דער געדאַנק האָט זייער אויסגענומען ביים יעגער. ער האָט זיך פריילאַך צעלאַכט.

—אָט וועלן מיר דאָס אָפּנאַרן מאַגואַן. מיר וועלן אַזוי פאַרענדערן דעם מאַיאָר, אַז דער טייוול אַליין וועט אים נישט דערקאָנען.

צינגאַנגוק האָט אַרויסגענומען פון זיין טאָרבע פאַרשידענע פאַרבן מיט פענזלאַך. גייאורד האָט זיך גענומען צו דער מלאכה און אין צען מינוט אַרום האָט ער שוין געהאַט אַן אַנדער מראה. איצט האָט ער אויסגעזען ווי אַ טיפּישער כשופמאַכער אָדער קונצנמאַכער, וואָס וואַנדערט אַרום איבער די אינדיאַנישע דערפער.

דער יעגער האָט אים געגעבן אַ לעקציע, ווי אַזוי זיך צופירן צווישן די ווילדע, און באַלד דערויף האָט זיך די קליינע מענטשנגרופּע צעזעגנט מיט אים.

גייאורד איז אַוועק מיטן זינגער אינם דאָרף פון די גוראָנען. דאָס דאָרף איז באַשטאַנען פון אַ צענדליק שמוציקע געצעלטן.

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק.

אין דער דאָרפֿגאַס האָבן זיך געשפּילט נאַקעטע קינדער. דער־זען אומבאַקאַנטע מענטשן, האָבן זיי גענומען גלאָצן מיט די אויגן און שרייען. אויף די געשרייען זיינען אַרויס אַ פּאָר ריזיקע אינדיאַנער מיט בייזע פּנימער. זיי זיינען אַרויס פון אַ באַראַטונגהויז, וואָס איז אויך געווען אַזוי מאוס און שמוציק, ווי די איבעריקע הייזלאַך, נאָר אַ ביסל גרעסער. די אינדיאַנער האָבן זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף די אומבאַקאַנטע מענטשן.

דוד געמאַט, וועלכער האָט שוין פיל־ווייניק געקאָנט די אינדיאַנישע מנהגים, איז אַוועק צום באַראַטונגהויז און גייאורד איז אים נאָכגעגאַנגען. אינם באַראַטונגהויז זיינען געזעסן אַ פּאָר צענדליק אינדיאַנער. דאָס הויז האָט נישט געהאַט קיין פענסטער און אַ שייטערהויפן האָט באַלויכטן דאָס גרויסע צימער. אַרום דעם פייער זיינען געזעסן פיר עלטערע אינדיאַנער. די איבעריקע זיינען געשטאַנען ביי די ווענט, ווייט פונם פייער.

דוד געמאַט האָט זיך באַלד אַנידערגעזעצט ביים פייער און גייאורד האָט אויך געטאָן דאָס אייגענע. אַ געוויסע צייט האָבן די אינדיאַנער געשוויגן און קיין איינער פון זיי האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימן פון גאַפונג אָדער נייגיריקייט. צולעצט האָט איינער פון די אָנפירער באַגריסט די געסט אויף אַן אינדיאַנישן לשון.

גייאורד האָט זיך אויפגעהויבן און האָט געפרעגט אויף פראַנצויזיש:

—ווער פון מיינע ברידער רעדט אויף דער שפּראַך פונם גרויסן קאַנאַדישן פּאָטער, וואָס זיינע פּאָנען זיינען באַפּוצט מיט ווייסע ליליען?

נאָך אַ לאַנגן שווייגן האָט זיך איינער פון די אָנפירער אָפּגע־רופן, אַז ער פאַרשטייט דעמדאָזיקן לשון.

האָט זיך גייאורד פאַרנויגט און געזאָגט:

—דער גרויסער קאַנאַדישער פּאָטער האָט מיך געשיקט אינם לאַנד פון די גרויסע אָזיערעס, און האָט מיר געזאָגט: דאָרט וואוינען מיינע דרייסטע קינדער, די גוראָנען. גיי צו זיי מיט אָפענע אויגן און מיט אַן אָפן האַרץ: אפשר ליידן זיי, טאָ לינדער זייער ווי, ווייל דער היילוקער גייסט האָט דיר געשיינקט גרויסע כּוחות און אַן אומבאַגרענצטן פאַרשטאַנד.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, זיינען די ווילדע אויפגעשפּרונגען פון גרויס שמחה.

דער אָנפירער, וואָס האָט געקענט פראַנצויזיש, האָט געוואָלט ענטפערן גייאורדן, אָבער אין דער אייגענער רגע האָבן זיך דער־טראָגן פון דער גאַס ווילדע גוואַלדן און געשרייען. אַלע זיינען העגדום־פּענדום אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

די שטילע אינדיאַנישע גאַס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום. אַלט און יונג, פרויען און קינדער, קראַנקע און געזונטע—אַלע האָבן געשריען, געפילדערט, געשפּרונגען און געפּאַטשט אין די הענט. די בהלה איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט און ערשט איצט האָט גייאורד פאַרשטאַנען, אַז דאָס פייערט די גאַס דאָס מחנהלע אינדיאַנער, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען פון אַן אָנפאַל. איינער פון די אינדיאַנער האָט געטראָגן אַ שטעקן, באַהאָנגען מיט מענטשלאַכע סקאַלפּן.

פאַרן באַראַטונגהויז האָט זיך דאָס אָנפאַלער־מחנהלע אָפּגעשטעלט. די געשרייען האָבן צוטרויסלט די לופט. די אינדיאַנישע זעלנער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי לאַנגע שורות און פרויען און קינדער זיינען משוגענערווייז אַרומגעלאָפן אהין און צוריק מיט געווער אין דער האַנט.

אַלטע ווייבער האָבן אָנגעצונדן הויפנס בלעטער און טרוקן האָלץ

און דאָס פייער האָט באַלויכטן צוויי אינדיאַנער, וואָס זיינען געשטאַנען דערווייטערט פון המון. איינער האָט אויסגעזען שטאָלץ און רוהיק, דער צווייטער נידערגעשלאָגן און דערשראָקן.

אַ שאַרפער פייף האָט זיך דערהערט. דער שטאָלצער אינדיאַנער איז אויפגעשפרונגען, מיט איין שפּריינג אַריבערגעשפּרונגען אַ גרויסן שייטערהויפן, וואָס האָט געברענט נישט ווייט פון אים און איז אַוועקגעלאָפן אין דער ריכטונג פונם וואַלד. דער המון האָט זיך באַלד צוטיילט אין צוויי מחנות און האָט אים גענומען נאָכיאָגן.

קיינער אָבער האָט אים נישט געקענט דעריאָגן. אָבער אַז ער איז דערלאָפן צום וואַלד האָט אים פּלוצלונג פאַרשטעלט דעם וועג אַן אָפּטיילונג פון באַוואָפנטע אינדיאַנער. האָט ער זיך געוואָרפן צוריק, אַדורכגעלאָפן דאָס גאַנצע דאָרף ביז צום צווייטן עק און דאָ האָט מען אים ווידער פאַרשטעלט דעם וועג. די גאַנצע צייט האָט מען געשליידערט אין אים מעסערס, טאַמאַ-האַווקן, שטיינער, העלצער. קיינער אָבער האָט אים נישט גע-קענט טרעפן.

דאָס יאָגן זיך האָט געדויערט אַ גאַנצע שעה. סוף כל סוף האָט מען אים נישט געקאָנט כאַפּן. זייענדיק אָבער זיכער, אַז אַנט-לויפן וועט זיך דאָך נישט איינגעבן, איז ער געבליבן שטיין נעבן סלופּ,ביים באַראַטונגסהויז. שטאָלצע בליקן האָט ער גע-וואָרפן אויף די אַרומיקע און האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון די געשרייען, חוזק און שפּאָט.

דאָס איז געווען אונקאַס!

איינער פון די אינדיאַנישע אָנפירער האָט אַריינגעפירט אונקאַסן אינם באַראַטונגסהויז! נאָך זיי זיינען אַריין די מער מיוחסדיקע אינדיאַנער און צווישן זיי אויך גייאורד.

די אָנפירער האָבן זיך אַנידערגעזעצט ביים פייער און איינער פון זיי האָט זיך אָנגערופן אויף דעלאַוואַריש:

—דעלאַוואַר! מאָרגן פרי וועסטו וויסן דיין אורטייל. דערווייל זאָג אונז אָבער, ווער איז געווען דעם דעלאַוואַרס חבר?

אונקאַס האָט זיך צולאַכט.

—דאָס וועלן זיך די גוראַנעס לייכט דערוויסן,—האָט ער געזאָגט,—ווען זיי וועלן אויפזוכן די שפּורן.
נאָכדעם האָט ער ווייטער געזאָגט:
—מיין חבר וועלן די גוראַנעס נישט געפינען. איך בין דורכגע־פאַלן בלויז דערפאַר, ווייל איך האָב צו ווייט פאַרפאָלגט דעם־דאָזיקן שרעקעוודיקן האָז,—און ער האָט מיט פאַראַכטונג אָנגע־וויזן אויפן יונגן גוראַן, וואָס איז דערשראָקן געשטאַנען אָן אַ זייט.
פון אַלע זייטן האָבן זיך אויפגעהויבן בייזע, ווילדע בליקן צום יונגן גוראַן.
פּחדנות איז דער גרעסטער חטא ביי אינדיאַנער. פון אַ פּחדן זאָגן זיך אָפּ זיינע עלטערן. מען פאַרפאָלגט אים אַזוי געפערלאַך, אַז ווייער אָפט נעמט ער זיך אַליין דאָס לעבן.
מחנות אינדיאַנער זיינען אַריין אינם באַראַטונגסהויז, אַנצוקוקן דעם פּחדן.
דער יונגער גוראַן איז געשטאַנען אָן באַוועגונג, נאָר שטאַרק גע־ציטערט פון צייט צו צייט.
דערווייל האָבן זיך די אָנפירער באַראַטן. זייערע געדאַנקען האָבן זיי אויסגעדריקט אין אַ קורצער דייטלאַכער פאָרם.
טויט־שטיל איז געוואָרן אין באַראַטונגסצימער. דער עלטסטער אָנפירער האָט פאַררויכערט אַ ליולקע און זי איבערגעגעבן צו די איבעריקע. ווען אַלע האָבן גערויכערט, האָט ער צוגערופן דעם ציטריקן גוראַן און האָט זיך אָנגערופן צו אים מיט אַ הוי־כער, פייערלאַכער שטימע:
—וואַקלענדיק גראָז! דער גרויסער גייסט האָט דיר נישט גע־שיינקט קיין מוט און דרייסטקייט, הער־זשע אויס דיין אורטייל: דיין נאָמען וועט פאַרגעסן ווערן ביי די גוראַנעס. זיי האָבן אים שוין פאַרגעסן. איצט ווייסטו אַליין, וואָס דו האָסט צו טאָן. מער ווערט נישט גערעדט מיט דיר!
דער יונגער פּחדן האָט געציטערט מיטן גאַנצן לייב. ער האָט זיך אומגעקוקט און איז באַלד דערויף צוגעפאַלן צו אַן עלטע־ער פרוי.

—מאַמע! דו אויך...

—אַוועק פון מיר,—האָט זי אים אָפּגעשטופּט,—איך האָב נישט מער קיין זון!

דער יונגער ווילדער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. קיינער האָט קיין שום מיטלייד נישט געהאַט מיט אים. דעמאָלט האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ מעסער, אַריינגעשטאָכן עס טיף אין הארץ אַריין און שטיל אַנידערגעפאַלן טויט אויף דער ערד.

ערשט איצט האָט זיך די מוטער צעיאָמערט:

—זון מיינס, זון מיינס!—האָט זי זיך געוואָרפן צו אים.

—פרוי!—האָט דער עלטסטער אָנפירער פייערלאַך געזאָגט.—דיין זון האָט געלעבט, ווי אַ פחדן און געשטאָרבן, ווי אַ העלד! אַזוי האָט געוואָלט דער היילוקער גייסט!

דער המון האָט פאַרלאָזט דאָס באַראַטונגסהויז.

קאַפּיטל פיראונצוואַנציק.

ווי נאָר די ווילדע האָבן פאַרלאָזן דאָס הויז, האָט אונקאַס אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף גייאורדס פלייצע און שטיל געזאָגט:

—גרויער קאָפּ און גרויסע שלאַנג געפינען זיך אין אַ זיכערן אָרט. אָדלעראויג שלאָפט נישט. אונקאַס און ברייטע האַנט דאַרפן זיך דערווייל נישט קענען. גייט אַוועק!

גייאורד האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז סכנות נפשות פאַר אים צו ריידן מיט אונקאַסן און ער איז אַרויס אין דרויסן.

ער האָט שפּאַצירט איבערן דאָרף און געזוכט אליסען, אָבער ער האָט זי נישט געפונען.

דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן צו זוכן געמאַטן, אָבער אויך אים האָט ער נישט געקענט געפינען. איז ער אַוועק צום באַראַטונגס-הויז, טאָמער וועט ער דאָרטן טרעפן דעם זינגער.

דאָס באַראַטונגסהויז איז ווידער פּאַק און פול געוואָרן. גייאורד האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים פייער מיט אַ פייערלאַכער מינע פון אַ קונצנמאַכער. אונקאַס איז געזעסן אין אַ ווינקל. געמאַט איז נישט געווען.

אַ פּאָר מינוט האָבן אַלע געשוויגן. די ווילדע זיינען געזעסן, ווי בראָנזענע סטאַטועס, קוקנדיק אויפן פייער. צולעצט האָט זיך איינער פון די אָנפירער אָנגערופן צו גייאורדן:

—דער קאַנאַדישער פאָטער האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט געשיקט אַהער איינעם פון זיינע חכמים. אין אַ פּרוי פון מיינעם

אַ זעלנער איז אַריין אַ בייזער גייסט. אפשר וועט מיין קלוגער ברודער צַרויסיאָגן פון איר דעמדאָזיקן גייסט?
גייאורד האָט זיך באַקלערט, וואָס צו ענטפערן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:
—איך מוז מיך פריער באַראַטן מיט מיין שר. נאָכדעם מוז איך באַטראַכטן די קראַנקע.
—כ׳קען אָוועקפירן מיין ברודער אינם וויגוואַם פון דער קראַנ-קער,—האָט דער אָנפירער געזאָגט.
דער אָנפירער האָט זיך שוין געוואָלט אויפהויבן פון אָרט, אָבער אין דער מינוט איז אַריינגעקומען שאַרפּאויגיקער פוקס. אַלע האָבן אים באַגריסט מיט גרויס כבוד און אַכטונג. גייאורד האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל.
—געבענטשט און געגריסט זאָל זיין דער דרייסטער מאַגוּאַ! ווי איז אים געגאַנגען אינם יאַגד?—האָט זיך עמיץ פון די אָנפירער אָנגערופן.
—מיינע יונגע זעלנער בויגן זיך אונטער דער שווערער לאַסט פון די געטויטע חיות,—האָט שאַרפּאויגיקער פוקס געענטפערט,— זאָל דאָס וואַקלענדיקע גראָז גיין צו-העלפן אין דער אַרבעט.

—דאָס וואַקלענדיקע גראָז האָט דער גרויסער גייסט אָפּגערופן צו זיך,—האָט יענער ווידער געזאָגט.—און שולדיק דערין איז דער דעלאַוואַר, וואָס שטייט דאָ.
שאַרפּאויגיקער פוקס האָט זיך שנעל אומגעקוקט און אויסגעשריען:

—שנעלפיסיקער הירש!..
—שנעלפיסיקער הירש!—האָבן אַלע אינדיאַנער אויסגעשריען און אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער.
דער פאַרהאַסטער, אָבער דאָך גרויסער און גוט באַקאַנטער נאָ-מען האָט אויפגערודערט דעם גאַנצן דאָרף. אַלע אינדיאַנער זיי-נען זיך צוזאַמענגעלאָפן אָנצוקוקן דאָס באַרימטע קריגער, וואָס אַלט און יונג האָבן געהערט פון אים.
אונקאַס האָט זיך געהאַלטן רוהיק. אויף זיינע ליפּן האָט זיך

באוויזן אַ לייכט חוזק־שמייכעלע. שאַרפאויגיקער פוקס האָט זיך אָנגערופן צו אים:
—מאָרגן וועסטו שטאַרבן, פאַרשאָלטענער מאָהיקאַנער!
אונקאַס האָט קאַלט געענטפערט דערויף:
—און וויפיל גוראָנעס זיינען שוין געשטאָרבן פון מיין האַנט? די גוראָנישע זעלנער זיינען שטרוי, נישט קיין מענטשן. מיינע נאָזלעכער פילן זיך שטאַרק באַליידיקט, וואָס זיי זיינען געווען געצוואונגען צו אָטעמען די אייגענע לופט, מיט וועלכער עס אָטעמען אייערע פחדנים.
די ווילדע, שטאַרק אויפגערעגט פון דידאָזיקע שטאָלצע ווערטער, האָבן זיך געוואָרפן אויפן יונגן מאָהיקאַנער. אָבער שאַרפאויגיקער פוקס האָט זיי אָפּגעהאַלטן און געזאָגט:
—ניין, נישט איצט! מאָרגן וועט ער שטאַרבן נאָך שווערע יסורים. מיר וועלן זען, צי ער וועט מאָרגן אויך זיין אַזוי שטאָלץ, ווי היינט!

די ווילדע האָבן געבונדן אונקאַסן און אַרויסגעפירט אים פונם הויז. פאַרבייגייענדיק פאַרביי גייאורדן, האָט ער אים עפּיס אַ זאָג געטאָן מיטן אויג און מיטן שמייכל.
נאָכדעם איז מאַגוואַ אַנטרונען געוואָרן. גייאורד האָט שוין אויך געוואָלט אַוועקגיין, אָבער דער אינדיאַנער, וואָס האָט אים פריער דערציילט פון דער פרוי, איז אויפגעשטאַנען און געבעטן, ער זאָל מיט אים מיטגיין.
דער אינדיאַנער האָט געפירט גייאורדן אויף אַ זייטיקן וועג, נישט ווייט פון דאָרף. פלוצלונג האָבן זיי דערזען אַ גרויסע שוואַרצע מאַסע, וואָס האָט זיך שטיל באַוועגט און געברומט.

דאָס איז געווען אַ בער. די אינדיאַנער האָבן געהאָדעוועט בערן, וואָס זיינען פראַנק און פריי אַרומגעגאַנגען איבערן דאָרף. דער איצטיקער בער האָט זיך אַפילו העפלאַך אָפּגערוקט, צו מאַכן פאַר זיי אַ פרייען דורכגאַנג; שפּעטער איז ער זיי שטיל נאָכגעגאַנגען.
דורך אַ נידעריקער טיר איז דער אינדיאַנער אַריין אין אַ באַרג־הייל. דער בער איז אים נאָכגעגאַנגען.

דאָ, אין איינעם פון די הייל־צימערלאַך האָט זיך געפונען די קראַנקע פרוי. מען האָט זי אַריבערגעטראָגן אַהער, ווייל די אינדיאַנער האָבן גערעכנט אַז דער בייזער גייסט וועט נישט קענען אַריינדרינגען דורך די שטיינערנע ווענט אין הייל אַריין.
אין דער הייל האָבן זיך געפונען אַסך פרויען צוזאַמען מיטן זינגער. גייאורד האָט אָנגעהויבן דאָס שפּיל. די אינדיאַנער האָבן אים אָנגעקוקט מיט שרעק און דרך־ארץ.
דוד געמאָט האָט אָנגעהויבן צו זינגען אַ שטיל טרויעריק ליד.

דער בער האָט אים אונטערגעברומט מיט אַ נידעריקער אָקטאַווע, ענלאַך צו אַ באַס.
די אינדיאַנער האָבן גערעכנט, אַז גייאורד האָט עס מיט זיין כשוף אַרויסגערופן דאָס שיינע געזאַנג און דאָס ברומען פון בער.

דער אָריגינעלער קאָנצערט וואָלט גאָר קיין סוף נישט געהאַט, ווען נישט דער בער. פּלוצלונג האָט ער אויפגעהערט אונטערצוברומען. ער האָט גענומען וואַיען אַזוי, אַז דער אָרימער זינגער איז באַלד שטום געוואָרן.
אַ דערשראָקענער האָט דער זינגער פאַרלאָזן די הייל. פאַרבייליופנדיק פאַרביי גייאורדן, האָט ער אים באַמערקט אויף ענגליש:
—זי איז דאָ און וואַרט אויף אייך.
דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז גייאורד צומישט געוואָרן און האָט געוואָלט נאָכלויפן נאָכן זינגער. פּלוצלונג אָבער האָט ער דערהערט אַ שטיל שעפּטשן אויף ענגליש:
—צי האָט דער דאָקטאָר פאַרגעסן אָן זיין פליכט?
גייאורד איז געבליבן שטיין, ווי אַ געפּלעפּטער און האָט לאַנג געזוכט מיט די אויגן דעמיעניקן, וואָס האָט געקענט אַרויסזאָגן דידאָזיקע ווערטער.

קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק

ריפיל גייאורד האָט זיך נישט אָנגעשטריינגט, האָט ער אַלץ געזען פאַר זיך בלויז דעם בער, וועלכער איז זיך גאַנץ פרידלאַך געזעסן. אַ דערשלאָגענער, איז ער ווידעראַמאָל צוגע-גאַנגען צו דער קראַנקער.

די פרויען, וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום איר, האָט דער אינ-דיאַנער דערווייטערט לויט גייאורדס באַפעל.

גייאורד איז געווען אַזוי צוטראָגן פון דידאָזיקע ווערטער, אַז ער האָט גאָרנישט געוואוסט, ווי צו שפּילן זיין ראָלע. אָבער פון דער אומאַנגענעמער, פשוט געפערלאַכער לאַגע האָט אים אַרויס-געהאָלפן דער בער. ווי נאָר גייאורד פלעגט אויפהויבן די האַנט, אָפּצושפּרעכן דעם חולה, פלעגט דער בער בעמען ברומען און גייאורד פלעגט דערשראָקן אַראָפּלאָזן די האַנט.

—דער בייזער גייסט וויל נישט, ווייזט אויס, אַז זייטיקע אויגן זאָלן זען, ווי אַזוי עס ווערט געראַטעוועט די קראַנקע פרוי,—האָט דער אינדיאַנער געזאָגט.—און דעריבער וועל איך אויך אַוועקגיין...

מיט די ווערטער איז דער ווילדער אַרויס פון דער הייל. דער בער האָט באַלד אויפגעהערט צו ברומען און איז צוגעגאַנגען צו גייאורדן.

דער מאַיאָר האָט אים דערשראָקן אָנגעקוקט. דער בער, ווידער, האָט געקוקט אויף גייאורדן מיט קליינע, אָבער קלוגע אויגעלאַך און פלוצלונג... האָט ער זיך הויך צולאַכט.

דערנאָך האָט ער מיטביידע פאָדערשטע לאַפּעס זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און אַראָפּגעוואָרפן אים, און גייאורד האָט דערזען... אָדלעראויגס שמייכלענדיק געזיכט.

—איר זייט דאָך עפּיס אַן אויסערגעוויינלאַכער מענטש, אָדלעראויג!— האָט גייאורד אויסגעשריען.—וואו האָט איר גענומען דעם קאָס-טיום?

—איך וועל אייך דערציילן פון סאַמע אָנהויב. פריער האָב איך איינגעאָרדנט דעם פאָלקאָוניק מיט צינגאַנגוקן אין די הייזלאַך פון די ביבערס. דערנאָך זיינען מיר, איך און אונקאַס, אַוועקגע-גאַנגען אינם צווייטן דאָרף, וואו ס'דאַרף זיך געפינען דעם פאָל-קאָוניקס עלטערע טאָכטער. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט אַ באַנדע גוראָנען, וועלכע זיינען צוריקגעגאַנגען פון יאַגד. אונקאַס האָט איינעם פון זיי דערשאָסן. זיינען די איבעריקע אויפגע-שפרונגען און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּיל. דריי האָבן מיר דערהרגעט, די איבעריקע זיינען אַנטלאָפן. אונקאַס האָט פאַרפאָלגט איינעם פון זיי. ווען ער איז לאַנג נישט צוריקגעקומען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געמוזט אַריינפאַלן אין אַ נעץ. איך האָב אים אָבער געוואָלט קומען צו הילף און בין תיכף אַוועק צום דאָרף. כ'האָב געקלערט, אויף וואָס פאַר אַ דרך גייט מען אַריין אינם דאָרף, און דאָ האָט זיך מיר געמאַכט אַ גליקלאַכער צופאַל. איך האָב געטראָפן דעם אָרטיקן כשופמאַכער, וואָס פלעגט זיך פאַרמאַסקירן פאַר אַ בער. האָב איך אים דערהרגעט און אָנגעטאָן זיין בערישע מאַסקע. דאָס איז די גאַנצע מעשה. איצט לאָמיר אָפּזוכן דאָס בלאָנדע פריילין. איך רעכן, אַז זי איז דאָ אין איינעם פון דידאָזיקע הייל-צימערלאַך.

מיט די ווערטער האָט אָדלעראויג צוגעלייגט דאָס אויער צו אַלע ווענטלאַך פון די צימערלאַך. באַלד האָט ער זיך אָנגערופן:

—זי איז דאָ! לאָמיר גיין צו איר! די טיר מוז זיין אין קאָרי-דאָר.

זיי זיינען אַריין אין קאָרידאָר און געפונען די טיר, וועלכע האָט געפירט אין יענעם צימערל.

גייאורד איז שטיל אַריין צו אַליסען. זי איז געזעסן ביים שיין פון אַ קליין לעמפעלע.
ער האָט זי שטיל אָנגערופן ביים נאָמען. זי איז אויפגעשפּרונגען פונם אָרט.
—אַליסע, איר דערקענט מיך נישט?—האָט ער שטיל געפרעגט.

—דונקאַן, דאָס זיינט איר!—האָט זי פריילאַך אויסגערופן און אויסגעצויגן צו אים די הענט.
גייאורד האָט איר אַלץ פאַרציילט. זיי האָבן ביידע גליקלאַך געשעפּטשעט צווישן זיך.
פּלוצלונג האָבן זיי דערהערט אַ שטים און האָבן זיך אומגעקוקט מיט שרעק: מאַגוואַ איז געשטאַנען מיט זיין גזלניש פּנים און האָט אונטערגעהערט זייער שמועס.
זיי האָבן גערעכנט, אַז זיי זיינען שוין פאַרפאַלן, נאָר באַלד האָבן זיי דערזען אַ ריזיקע בערן-געשטאַלט, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט דעם אינדיאַנער און שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. דער אינדיאַנער האָט זיך געוואָלט באַפרייען, אָבער ער איז צו-שוואַך געוועזן דערצו, צולעצט איז ער אַ האַלב-דערשטיקטער אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, אָדלעראויג האָט אים פעסט געבונדן און אַריינגעשטופּט אַ שמאַטע אין מויל.
—איצט מוזן מיר אַנטלויפן פונדאַנען,—האָט דער יעגער געזאָגט, אַרויספירנדיק זיי אין קאָרידאָר,—איך האָב שוין אַ שטיקל פּלאַן.
אויף אַ מינוט איז ער פאַרשוואונדן און האָט געבראַכט מיט זיך פאַרשידענע אינדיאַנער-קליידער.
—נאָט אייך, סער, די שמאָכטעס,—האָט ער זיך אָנגערופן צו גייאורדן,—וויקלט אַרום גוט דאָס פריילן, נעמט זי אויף די הענט און טראָגט זי אַרויס. די אינדיאַנער זאָלט איר זאָגן, אַז דאָס טראָגט איר די קראַנקע אין וואַלד אַריין, כדי זי דאָרט אויסצוהיילן מיט פאַרשידענע קרייטעכצער. דערציילט זיי, אַז קיינער טאָר דאָרט נישט אַריינגיין, ביז איר וועט נישט צוריקקומען. נו, לאָמיר גיין!
אָדלעראויג איז געגאַנגען פאָרויס און גייאורד נאָך אים מיט

זיין טייערער לאַסט אויף די הענט. באַלד האָבן זיי געטראָפן אַ גרעסערע מחנה אינדיאַנער.

גייאָורד האָט זיי געזאָגט דאָס, וואָס אָדלעראויג האָט אים פריער געראָטן צו זאָגן.

—גוט!—האָט אַן אַלטער אינדיאַנער באַמערקט.—מיין ברודער קען גיין! און איך מיט מיינע זעלנער וועלן גיין אין הייל אַריין קעמפן מיטן בייזן גייסט.

דעמאָלט האָט אים גייאָורד באַמערקט:

—איר טאָרט עס נישט טאָן. דער בייזער גייסט וועט נאָך אַריין אין איינעם פון די זעלנער! איר מוזט דאָ שטיין און וואַרטן, ביז איך וועל קומען צוריק.

די אינדיאַנער האָבן איינגעשטימט און אין דרויסן אָפּגעהיט דעם בייזן גייסט.

אָדלעראויג איז שנעל געגאַנגען צום וואַלד. מען האָט געמוזט זיך איילן. ס'איז געווען געווען גענוג, אַז מאַגוּאַ זאָל זיך באַפרייען, אָדער צו די אינדיאַנער ביי דער הייל זאָל צוקומען עפּיס אַ קלוגער אָנפירער, און זייער גאַנצע שפּיל וואָלט אַדורכגעפאַלן. מען וואָלט זיי נאָכגעיאָגט און זיי וואָלטן זיכער אומגעקומען.

אין וואַלד איז שוין אַליסע אַליין געגאַנגען. זיי זיינען שנעל אַדורכגעגאַנגען דעם וואַלד און זיינען צוגעקומען צו אַ טייכל.

דער יעגער האָט אָנגעוויזן גייאָורדן אויפן שטעג, וואָס האָט זיך געצויגן ביים ברעג פונם טייכל, און האָט געזאָגט:

—כ'מוז אייך איצט פאַרלאָזן. גייט אייך מיטן שטעג. אין אַ שעה אַרום וועט איר צוקומען צו אַ באַרג, דאָרט געפינט זיך אַ דעלאַוואַריש דערפל. אינם דערפל וועט איר דערזען אַ הייזל, עט-וואָס גרעסער פון די איבעריקע. דאָרט וואוינט דער אָנפירער, מיינער אַ גוטער פריינט. איר וועט אים זאָגן מיין נאָמען און ער וועט אייך אויפנעמען מיטן גרעסטן כבוד און פּאַראַד. איך מוז לויפן באַפרייען אונקאַסן. אַדיע, מיינע טייערע!

מיט די ווערטער איז דער יעגער אַנטרונען געוואָרן און גייאָורד מיט אַליסען זיינען אַוועק צום דערפל פון די דעלאַוואַרן.

קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק.

אַדלעראוויג איז שנעל געגאַנגען צו די גוראָנען, באַקלערנדיק אויפן וועג, ווי אַזוי צו באַפרייען אונקאַסן.

אויפן סאַמע ברעג פון דאָרף איז געשטאַנען אַ קליין, האַלב-צו-שאָטן הייזל. דאָרט האָט געברענט אַ פייערל. אַדלעראוויג האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק און דערזען דוד געמאַטן. ער איז אַריין אינם הייזל און דערקלערט דעם זינגער, ווער ער איז, כדי יענער זאָל זיך נישט איבערשרעקן.

—פיר מיך צו אונקאַסן,—האָט ער געזאָגט.

דער זינגער האָט געוואוסט, וואו אונקאַס געפינט זיך און האָט אים צוגעפירט צו אַ הייזל, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן דאָרף. אין גאַס איז געווען שטיל און דאָס הייזל האָבן באַוואַכט אַ פּאָר אינדיאַנער.

דערזען אַ מענטשן אָנגעטאָן אינם קאָסטיום פון זייער מעכטיקן כשופמאַכער, האָבן זיי אים תיכף אַריינגעלאָזט אינם הייזל. זיי האָבן אויך אַריינגעלאָזט דעם זינגער און האָבן זיך לאַנגזאַם אַוועקגערוקט פונם הייזל.

אונקאַס איז געלעגן אין אַ ווינקל מיט געבונדענע הענט און פיס. דערזען דעם בער, האָט ער קיין שום אַכט נישט געלייגט דערויף און איז ווייטער רוהיק געלעגן. דעמאָלט האָט אַדלעראוויג אַ פייף געטאָן.

דערהערט דעם פייף, האָט אונקאַס אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטיל, נאָר זיכער אַ פרעג געטאָן:

—אַדלעראוויג?

—אַזוי, מיין טייערער! —האָט דער יעגער פריילאַך געענטפערט.

מיט די ווערטער, האָט ער שנעל צוהאַקט מיט אַ מעסער די שטריק, מיט וועלכע מען האָט אונקאַסן געבונדן. אונקאַס האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען אויסגלייכן זיינע שלאַנקע, בויג-זאַמע גלידער. מיט קיין שום באַוועגונג, מיט קיין איין וואָרט האָט ער נישט אַרויסגעוויזן זיין פרייד צוליב דער באַפרייאונג. ער האָט אַפילו אָדלעראויגן נישט געדאַנקט. דידאָזיקע מענטשן האָבן געהאַלטן פאַר אַ גאַנץ נאַטירלאַכע זאַך צו קומען און באַ-פרייען איינער דעם צווייטן.

—איצט וועלן מיר מאַכן פליטה, —האָט אונקאַס געזאָגט. —אונזערע וועכטער וועלן מיר טויטן, און איידער אימיצער וועט אָנקומען זיי צו הילף, וועל איך שוין זיין ווייט פונם דאָרף.

—דו קענסט אַזוי טאָן, —האָט דער יעגער, געזאָגט—איך אָבער קען נישט שנעל לויפן. ווייסטו וואָס, אַנטלויף דו אַליין, איך וועל דאָ בלייבן בער און וועל מיך ווי-עס-איז געבן אַן עצה.

—ניין, האָט אונקאַס געענטפערט, —איך וועל דאָ בלייבן, כדי צו-זאַמען צו שטאַרבן מיטן פריינט פון מיין פאָטער.

—אפשר ביסטו גערעכט, —האָט דער יעגער געזאָגט, —כ'האָב שוין אַן אַנדערן פּלאַן! קריך דו אַריין אינם פעל, און איר, חשובער זינגער, גיט מיר אייערע קליידער און אַלץ, וואָס איר פאַרמאָגט.

דער יעגער האָט זיך איבערגעטאָן אין דעם זינגערס קליידער. דעם זינגער האָט ער נאָכדעם געבונדן און אים דערקלערט, ווי אַזוי איבערצוצייגן די אינדיאַנער, אַז אונקאַס מיט אָדלער-אויגן האָבן אים געצוואונגען דאָ צו בלייבן.

דערנאָך זיינען זיי אַרויס אויפן גאַס און יעדער פון זיי האָט געזען, ווי בעסער צו שפּילן זיין ראָל. אונקאַס האָט זיך גע-האַלטן, ווי אַן אמתער בער.

ביידע זיינען העגדום-פּעגדום אַנטלאָפן אין וואַלד. איצט האָבן זיך דערטראָגן צו זיי פונם דערפל געשרייען און גוואַלדן.

—מיר מוזן שנעל אַנטלויפן—האָט אָדלערדויג געזאָגט.-זיי האָבן שוין מסתמא אַנטדעקט דעם שווינדל.

באַלד דערויף האָט דער יעגער זיך איינגעבויגן און האָט אַרויס-גענומען פון אַ קוסט צוויי ביקסן. איין ביקס האָט ער דערלאַנגט אונקאַסן און ביידע זיינען שנעל פאַרשוואונדן אין געדיכטן וואַלד-

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק.

אין דאָרף האָט מען דערווייל באַמערקט, אַז מען האָט אונ-קאָסן פאַרביטן אויף אַן אַנדערן. באַמערקט האָט עס אַן אינ-דיאַנער, וואָס האָט פאַר קיין פאַל נישט געקענט בייקומען זיין נייגיריקייט און אַריינגעקוקט אינם הייזל. אָנשטאָט די שטאָלצע, שיינע געזיכטסשטריכן, האָט ער דערזען דעם זינגערס גוטמוטיקע געזיכט. באַלד האָט עס געוואוסט דאָס גאַנצע אינדיאַנער-דאָרף, וואָס האָט געפילדערט און געשריען פון אויפרעגונג און צאָרן.

די אָנפירערס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אינם באַראַטונגסהויז און האָבן געשיקט נאָך מאַגוּאַ. אויסערדעם, האָבן זיי פאַנאַנדער-געשיקט געניטע אינדיאַנער, נאָכצויאָגן די אַנטלאָפענע.
מאַגוּאַן האָט מען, צו דער גרויסער שטיינונג פון די ווילדע, נישט געפונען. די אויספאָרשער זיינען צוריקגעקומען און האָבן געבראַכט דעם קערפּער פונם טויטן כּשופמאַכער מיט זיין בערנ-פעל, וואָס זיי האָבן געפונען אין וואַלד.
די אינדיאַנער האָבן אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם קאָפּ. דער פאָטער פון דער קראַנקער פרוי האָט געראַטן, מען זאָל אַריינגיין אין הייל, אפשר וועט מען דאָרט עפּיס געפינען.
די אינדיאַנער האָבן נאָך אַלץ גערעכנט, אַז אין דער הייל איז פאַרשלאָסן דער בייזער גייסט. האָבן זיי געשיקט אַהין צען שטאַרקע און קלוגע זעלנער, צו קעמפן מיט אים און די איבע-ריקע האָבן געהיט דעם אַרויסגאַנג פון הייל.

מיט גרויס פחד און פאָרזיכטיקייט זיינען די צען ווילדע אַריין אין הייל און האָבן דאָרט געפונען די קראַנקע פרוי. דאָס האָט זיי שטאַרק איבערראַשט, ווייל זיי האָבן אַליין געזען, ווי דער כשופמאַכער האָט זי אַוועקגעטראָגן אין וואַלד.
באַלד אָבער האָבן זיי איינגעזען, אַז זי איז געשטאָרבן, און דער שווינדל איז נאָך גרעסער געוואָרן אין זייערע אויגן.
פלוצלונג האָט זיך אין דער הייל אַריינגעקאָלערט אַ שוואַרצע, שווערע מאַסע. זיינען אַלע אָפּגעשפּרונגען דערשראָקענע פון די ערטער. די מאַסע האָט אַרויסגעלאָזט אָפּגעריסענע, פאַרשטיקטע קלאַנגען. אַז מען האָט זי באַלויכטן מיט פאַקלען, האָבן די אינ-דיאַנער איינגעזען, אַז דידאָזיקע מאַסע איז — — — ש אַ ר פ־ א ו י ג י ק ע ר פ ו ק ס. אַלע זיינען געבליבן געפּלעפט און נשתומם.

מען האָט אים אָפּגעשניטן די שטריק, מיט וועלכע מען האָט אים געבונדן, און מיט גרויס גרימצאָרן האָט ער אַרויסגעוואָרפן פון מויל די שמאַטע, מיט וועלכער אָדלעראויג האָט אים פאַר-שטאָפּט דעם פּיסק.
ער האָט אַזוי געברענט פון האַס און גרימצאָרן, אַז די אינדיאַ-נער האָבן זיך געשראָקן פאַר אים, ווי פאַר אַ צורייצטן טיגער. צולעצט האָט איינער פון די גרעסטע אָנפירערס זיך דערוועגט אים צו פרעגן:
—מיין באַרימטער ברודער און פריינט האָט געליטן פון זיין שונא? זאָל ער אונז אָנווייזן, ווער איז דער שונא, וועלן מיר זיך נוקם זיין אָן אים.
—זאָל אָבער פריער דער דעלאַוואַר שטאַרבן!—האָט מאַגוואַ אַרויס-געברומט, ווי אַ וואָלף.
דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָבן זיך די אינדיאַנער פאַרשעמט.

—דער יונגער דעלאַוואַר האָט פלינקע פיס און איצט איז ער שוין זייער ווייט...—האָט אַן אינדיאַנער אַרויסגעזאָגט מיט אַראָפּ-געלאָזטע אויגן.
—אַנטלאָפן איז ער!!!—האָט אויסגערופן מאַגוואַ, קריצנדיק מיט

די ציין—איר האָט אים אַרויסגעלאָזט!!
—אַ בייזער גייסט איז אַריין צווישן זיי גוראָנען און ער האָט זיי פאַרבלענדט די אויגן!—האָט עמיץ געזאָגט.
אַלע אָנפירער זיינען פון דאָסניי אַוועק אינם באַראַטונגסהויז. פריער פאַר אַלעם האָט מען באַשלאָסן צו שיקן שפּיאָנען אין אַלע זייטן, זיי זאָלן געפינען די שפּורן פון די אַנטלאָפענע. דערווייל זיינען געקומען די אינדיאַנער, וועלכע זיינען שוין פריער אַוועק, און האָבן דערציילט, אַז די שפּורן פירן צום דאָרף פון די דעלאַוואַרן.
מאַגוואַ האָט איבערגעגעבן זיינע חברים, וואָס ער רעכנט צו טאָן. זיין פלאַן איז באַשטאַנען דערין, ער זאָל זען אויף אַ פרידלאַכן אופן איבערצייגן די דעלאַוואַרן, זיי זאָלן אים אַרויסגעבן זיינע געפאַנגענע צוזאַמען מיט אָדלעראויגן. ער האָט גערעדט אַזוי קונציק און גוט, אַז זיין פלאַן איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן און מען האָט אים אויסגעקליבן פאַר אַ הויפּטאָנפירער.
ער האָט באַלד צושיקט שפּיאָנען, זיי זאָלן אויספאָרשן דאָס דע-לאַוואַרנדאָרף. אויסערדעם, האָט ער מאָבילירט די בעסטע זעלנער פון זיין מחנה.
באַגינען זיינען די זעלנער געקומען צו אים באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט זיי אין וועג אַריין.
זיי זיינען אַוועק צום דאָרף פון די דעלאַוואַרן. ווען זיי זיינען אַנטרונען געוואָרן אין וואַלד, איז פון אַ הייזל אַרויס ציגאַנגוק און איז זיי פאָרזיכטיק נאָכגעגאַנגען.

קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק.

דעמזעלבן פרימאָרגן האָט מען אינם דאָרף פון די דעלאַוואַרן געקענט באַמערקן אַן אויסערגעוויינלאַכע אויפלעבונג. די דעלאַוואַרישע זעלנער זיינען מאַסנווייז געשטאַנען אויף דער גאַס און געקוקט אויף אַ גרויס הויז, אינמיטן דאָרף.

אין דער אייגענער צייט איז אַריין אין דאָרף אַ הויכער אינדיאַנער, נישט באַוואָפנט, מיט רוהיקע שטילע טריט. ער האָט געטראָגן שטאָלץ דעם קאָפּ, אין די האָר האָבן אים געשטעקט אַ פּאָר אָדלערפעדערן אַלס צייכן, אַז ער איז אַן אָנפירער. אויף די אַקסלען האָט ער געטראָגן אַ מאַנטל פון בלויען פּיקסנפעל מיט די האָר פון אויבן. אויף די פיס האָט ער געהאַט לאַנגע מאָקאַסינען, כמעט ביז די קני, באַהאָנגען מיט זילבערנע גלעקלאַך. צוגעגאַנגען צו די דעלאַוואַרן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און זי צוגעלייגט צום האַרצן, אַלס צייכן פון זיינע פרידלאַכע כוונות. די דעלאַוואַרן האָבן אויך געטאָן דאָסזעלבע און נאָכדעם אים אָפּגעפירט צו זייערע אָנפירער, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי דעם גרויסן הויז.

נאָך די געגנזייטיקע העפלאַכע באַגריסונגען האָט איינער פון די אָנפירער אַוועקגעפירט דעם אינדיאַנער (דאָס איז געווען מאַגוואַ) אין אַ הייזל, וואו מען האָט אים מכבד-געווען מיט אַ שיינעם מאָלצייט. בעת מעשה האָט מען זייער פאָרזיכטיק געשמועסט. ווען די פרויען האָבן נאָכן עסן צוראָפּגענומען פון טיש דאָס געפעס, איז מען צוגעטראָטן צום עצם ענין.ביידע צדדים האָבן זיך

מכּין געווען אַרויסצעווייזן זייער געניטקייט און שכל. נאָך פאַרשידענע קאָמפּלימענטן און חניפהלאַך האָט מאַגוא גע-פרעגט:

—מיינע יונגע געפאַנגענע געפינט זיך ביי מיינע ברידער. אפשר שטערט זי זיי? קאָן איך זי נעמען צו זיך...

דער דעלאַוואַר האָט געענטפערט:

—ניין, זי איז זייער אַ שטילע און אַ מילדע פרוי און זי שטערט אונז נישט.

דעמאָלט האָט מאַגוא געזאָגט:

—איך האָב געבראַכט קליינע מתנות פאַר מיינע ברידער.

מאַגוא האָט אַרויסגעלייגט אויפן טיש גלעזערנע קאָראַלן, פאַטשער-קעס, שפּילקעס און ד. ג. דאָס אַלץ האָט געהאַט זייער אַ קליי-נעם ווערט. פאַר די ווילדע אָבער זיינען דאָס געווען גאַנצע עוצרות און אַלע זיינען געווען אַנטציקט פונם איידעלן גאַסט.

ווען מאַגוא האָט באַמערקט, אַז דער עולם איז זייער גוט גע-שטימט צו אים, האָט ער ווייך אַ פרעג געטאָן:

—זיינען נישט געקומען היינט ביינאַכט איינגלענדער אינם דאָרף פון מיינע ברידער?

דער אָנפירער פון די דעלאַוואַרן, שטאַרק אַנטציקט פון די מתנות, האָט שנעל געענטפערט:

—יאָ, צו אונז זיינעןווירקלאַך געקומען די נאַכט אַ פּאָר איינג-לענדער. מיר האָבן זיי אויפגענומען אינם נאָמען פון גאַסטפריינט-שאַפט, ווייל זיי האָבן געזוכט ביי אונז הילף און שוץ.

—זיי זיינען נישט געקומען נאָך הילף,—האָט מאַגוא געזאָגט.—דאָס זיינען איינגלישע שפּיאָנען. וואָס וועט זאָגן דער גרויסער קאַנאַדישער פאָטער, ווען ער וועט זיך דערוויסן דערפון?

די באַמערקונג האָט שטאַרק און שווער געווירקט אויף די דע-לאַוואַרן. אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, זייערע וואוינערטער, פעלדער, וועלדער, פרויען, קינדער—איז געווען אָפּהייגיק פון די פראַנצויזן. די דעלאַוואַרן זיינען די גאַנצע צייט געווען ניי-טראַל אינם קאַמף צווישן די איינגלענדער און פראַנצויזן. ווען

מען זאָל זאָגן אויף זיי, אַז זיי דינען די איינגלענדער, וואָלט פאַר זיי געווען זייער נישט באַקוועם.
מאַגוּאַ האָט געזען, אַז זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אַ רושם אויף די אינדיאַנער, און ער האָט ווייטער געזאָגט:
—וואָס וועט זאָגן דער גרויסער קאַנאַדישער פאָטער, ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז זיין ערגסטער פיינט לעבט פריינטלאַך מיט די דעלאַוואַרן... איך רייד פון דעם לאַנגן ביקס. דאָס איז אַ געפערלאַכער, שעדלאַכער מענטש. ער האָט שוין דערשאָסן אויף זיין לעבן הונדערטער אינדיאַנער. אַ סך זיינען שוין פאַרפירט געוואָרן פון זיין פריינטשאַפט און זיינען דעריבער אומגעקומען. אויך די דעלאַוואַרן וויל ער אומברייינגען, דעריבער איז ער געקומען צו זיי. איך וואָרן אייך איר, זאָלט אייך היטן פאַר אים.

די ווערטער האָבן געטראָפן אַלעמען, ווי אַ דונער. די דעלאַוואַרן האָבן שטאַרק געשעצט און געאַכפערט אַדלעראויגן און איצט האָבן זיי נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. זיי האָבן געשיקט נאָך די אָנגעזעענסטע אָנפירער אינם דאָרף, כדי אויך זייער מיינונג אויסצוהערן.
יעדערן באַזונדער האָבן זיי באַריכות איבערגעגעבן, וואָס מאַגוּאַ האָט זיי געזאָגט. אַלע האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט. באַלד האָט דאָס גאַנצע דערפל געקלונגען מיט דערדאָזיקער ידיעה.

מען איז צוגעטראָטן צו דער באַראַטונג, אויף וועלכער מען האָט באַשלאָסן צוזאַמענצורופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע דעלאַוואַרן אין דאָרף. צו דער פאַרזאַמלונג האָט מען אויך איינגעלאַדן דעם עלטסטן אָנפירער פון דאָרף. צו געוויינלאַכע באַראַטונגען פלעגט מען נישט האָבן די העזה אים צו באַאומרוהיקן, צוליב זיינע בכבודיקע יאָרן.
אין אַ האַלבער שעה אַרום איז דער פאַרזאַמלונגספלאַץ פאַרן דאָרף געווען פול און פאַק מיט מענטשן. פון איין הייזל, וועלכעס איז געווען בעסער, ווי די איבעריקע באַשיצט פונם, ווינט און רעגן, האָבן צוויי אַלטע לייט אַרויסגעפירט אַ דריטן—נאָך אַן עלטערן.

ער האָט קוים געשלעפּט די פּיס פֿאַר שוואַכקייט, זיין געשטאַלט איז געווען שטאַרק געבויגן אונטער דער לאַסט פֿון די הונדערט יאָר, וואָס ער האָט שוין דורכגעלעבט אויף דער וועלט. זיין טונקל געזיכט, דורכגעצאַקערט מיט טויזנטער קנייטשן, האָט זיך שאַרף געצייכנט אויף די לאַנגע מילך-ווייסע האָר, וואָס זיינען אים אַראָפּגעהאָנגען אויף די אַקסלען. ער האָט געטראָגן די פֿיינסטע סייבלפּעלן. זיין ברוסט איז געווען באַהאָנגען מיט מעדאַלן, וועלכע ער האָט באַקומען פֿונם איינגלישן און פֿראַנצויזישן קעניג. אויף די פּיס און הענט האָט ער געהאַט גאָלדענע בראָנזעליעטן. אויפֿן קאָפּ — אַ זילבערנע קרוין באַפּוצט מיט שטרויס-פֿעדערן. זיין טאָמאַהאַווק איז געווען אַ זילבערנער, אויפֿן הענטל האָט געשפּילט אַ שטיק גאָלד. דאָס איז געווען ט ע מ ע נ ו נ ד, איינער פֿון די גרעסטע העלדן צווישן די צפֿון-אינדיאַנער אין זיין צייט.

דעם אַלטן האָט מען מיט גרויס פֿאַראַד אַוועקגעזעצט אויף אַ חשובֿן אָרט.

ס'איז געוואָרן טויט-שטיל. טעמענונד האָט אויפֿגעהויבן זיינע פֿאַרנעפּלטע אויגן און געגעבן אַ שוואַכן צייכן מיט דער האַנט... איינער פֿון די אָנפֿירער האָט עפּיס אַ שעפּטשע געטאָן צו אַ פּאָר אינדיאַנער שלוחים. זיי זיינען אַוועק און באַלד צוריקגעקומען מיט גייאורדן, אָדלעראויגן און ביידע טעכטער פֿונם פּאָלקאָווניק מונראָ.

קאַפּיטל נײַנאונצוואַנציק.

די געפאַנגענע זײַנען געשטאַנען פאַר זייערע ריכטער. אַז זיי האָבן דערזען מאַגואַן, האָבן זיי תיכף פאַרשטאַנען דעם זין פונם געריכט.

—ווער פון אײַך איז דער לאַנגער ביקס?—האָט געפרעגט איינער פון די צוויי ריכטער, וועלכע זײַנען געזעסן בײַ דער רעכטער און לינקער זײַט פון טעמענונדן.

אָדלעראויג איז אַרויסגעטראָטן פאָרויס און זיך דרייסט אָנגערופן:

—איך בין דאָס! איך קען גוט די דעלאַוואַרן, זייער גרעסטער אָנפירער איז געווען מײַן טײַערסטער פרײַנט, לײַדער, איז ער נישט לאַנג געשטאָרבן. איצט זײַנען די דעלאַוואַרן געוואָרן פרײַנט פונם געמיינעם, ליגנערישן גוראָן, וועלכער איז געקומען אַהער מיך באַשמוצן אין די אויגן פון מײַנע פרײַנט. איך האָב אייגנט-לאַך געענדיקט.

דידאָזיקע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט אויף דעלאַוואַריש און געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די אינדיאַנער. זיי האָבן מיט אַכטונג און אָנערקענונג געקוקט אויף דער שטאַרקער, פעסטער געשטאַלט פונם יעגער.

—מײַן ברודער האָט געוואָלט עפּיס זאָגן?—האָט אַ צווייטער ריכ-טער אַ פרעג געטאָן מאַגואַ,—די דעלאַוואַרן הערן.

מאַגואַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

—כ׳בין דאָ געקומען זוכן גערעכטיקייט. איך וויל, איר זאָלט

מיר אַרויסגעבן מיינע געפאַנגענע, וועלכע געפינען זיך ביי די דעלאַוואַרן.
טעמענונד האָט שטריינג און שאַרף אַ קוק געטאָן אויף מאַגוע און שטיל געזאָגט:
—די גערעכטיקייט איז אַ געזעץ פאַר די דעלאַוואַרן! קינדער מיינע! גיט עסן דעם גאַסט! און דו, גוראָן, נעם, וואָס געהערט צו דיר, און גיי אַוועק.
באַלד האָבן אַ פּאָר דעלאַוואַרן פעסט געבונדן גייאורדן און אַד־לעראויגן.
מאַגוע, שטראַלנדיק פאַר פרייד, האָט געכאַפּט אליסען פאַר אַ האַנט און, גענומען שלעפּן צו דער טיר. קאָרע אָבער איז גע־פאַלן אויף די קני פאַר טעמענונדן און זיך אָנגערופן מיט טרערן אין קול:
—גערעכטיקער און חשובער דעלאַוואַר! ראַטעווע אונז פון דעם בייזן און פאַלשן גוראָן! וואַרף אונז נישט אַריין אין אַ שוואַרצן אָפּגרונט.
דער אַלטער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף קאָרען און גע־פרעגט:
—ווער ביזטו?
און קאָרע האָט ווייטער געזאָגט:
—אַ פרוי, וואָס געהערט צו דעם שבט פון די ווייסע, נאָר זי האָט קיינמאָל נישט געטאָן קיין שום בייז נישט דיר און נישט דיינע לייט. זי בעט דיך, דו זאָלסט זי באַשיצן פאַרן גזלן. דער־מאָן זיך, ווי מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז איינער פון דיינע זעל־נער אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו אַ ווייסן אָנפירער. יע־נער האָט אים נישט געטאָן קיין שום בייז און באַלד געלאָזט פריי, ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער זעלנער געהערט צו דיין שבט. דאָס איז געווען מיט זיבן יאָר צוריק!
דער אַלטער איז פאַרזונקען אין זיינע זכרונות און האָט פאַר־געסן אָן דער גאַנצער אַרומיקער וועלט.
דעמאָלט האָט קאָרע געזען, אַז זי האַלט ביים פאַרשפּילן. האָט זי אויפגעהויבן אירע גרויסע שוואַרצע אויגן צום זקן און האָט

מיט טרערן אַ פרעג געטאָן:

—צי איז באַקאַנט דעם גערעכטיקן און קלוגן אָנפירער דאָס געפיל פון אַ פאָטער און אַ זיידן?

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט דער אַלטער זיך אויפגעכאַפּט, געעפנט די אַלטע אויגן און זיך אָנגערופן:

—יאָ, ווייל ער איז דער פאָטער פון אַ גאַנצן פאָלק...

קאָרע האָט געענטפערט:

—אין נאָמען פון אָט דעם געפיל בעט איך דיך, דו זאָלסט אָפּגעבן דעם אַלטן פאָטער זיינע קינדער, וועלכע דער גוראָן האָט ביי אים צוגערויבט דורך געוואַלט און שווינדל, לאָז נאָכאַמאָל אויספאָרשן די גאַנצע זאַך, ווייל איך גלויב אין דיין גערעכטיקייט. איך האָב נאָך אַ וויכטיקן עדות...

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט איינער פון די אָנפירער זיך אָנגערופן:

—דאָס איז אַ פאַררעטער, ער דינט די איינגלענדער.

—ברייינגט אים אַהער!—האָט טעמענונד געזאָגט.

קאַפּיטל דרייסיק.

באַלד האָט מען אַריינגעבראַכט אונקאָסן. אַלע האָבן אים ניי-גיריק אָנגעקוקט און באַוואונדערט זיין שיין געזיכט, זיין שלאַנקע און בויגזאַמע פיגור און די לייכטע גראַציעזע באַוועגונגען.
דער יונגער מאָהיקאַנער האָט געקוקט אויפן המון מיט שטאָלצע הערשערישע בליקן און רוהיק איז ער צוגעגאַנגען צום זקן און האָט פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט.
דער אַלטער האָט זיך אָנגערופן:
—שלעכטע צייטן האָט טעמענונד דערלעבט. אַ דעלאַוואַר ווערט אַ פאַררעטער, אַ געמיינער יונג, וועלכער דינט די שונאים, גנבעט זיך אַריין, ווי אַ שלאַנג, אין אַ דאָרף פון זיינע ברידער, כדי שפּעטער צו פאַרקויפן זיי די שונאים...
אונקאַס האָט רוהיק געענטפערט:
—די שאַקאַלן האָבן אויסגעוואָיעט זייערע פאַלשע ווערטער און דער גרויסער און קלוגער טעמענונד האָט זיי אָנגענומען פאַר אַן אמת...
דער אַלטער האָט זיך באַוועגט. אונקאַסעס שטים האָט אים דערמאָנט אָן די גוטע, אַלטע צייטן. ער איז ווידעראַמאָל פאַר-זונקען געוואָרן אין זיינע שווערע זכרונות.
—דעלאַוואַר!—האָט דער אַלטער פּלוצלונג געזאָגט,—און זיין שטי-מע האָט געציטערט.—דו ביזט נישט ווערט דעם נאָמען, וואָס דו טראָגסט. יאָרנלאַנג האָט דער שבט פון די דעלאַווארן געהאַט אַ

שוואַרצן הימל איבערן קאָפּ. אַ זעלנער, וואָס פאַרלאָזט זיין שבט אין אַ שווערער מינוט, איז אַ צווייפּאַכיקער פאַררעטער. קינדער!— האָט ער זיך אָנגעניגט צום המון—כ׳גיב אייך אָפּ דעם פאַררע-טער! באַשטראָפט אים, לויט די געזעצן פונם גרויסן מאַניטאָ!

דער גאַנצער המון האָט ווי איין מענטש אויסגערופן: „טויט דעם פאַררעטער". הונדערטער טאָמאַהאַווקן און מעסערס האָבן אַ בליץ געטאָן אין דער לופט. איינער פון די אָנפירערס האָט מיט אַ הוי-כער שטימע געמאָלדן, אַז פריער מוז מען דעם פאַררעטער פיי-ניקן און ערשט נאָכדעם וועט מען אים איבערגעבן אין די הענט פונם המון. דער באַשולדיקטער איז געשטאַנען רוהיק און שטאָלץ, ווי פריער. אַ פּאָר דעלאַוואַרן האָבן אים געוואָלט בינדן. ער האָט זיי אָפּגעשטויסן מיט אַ ביטולדיקער באַוועגונג און שטאָלץ געפרעגט:

—ווער האָט די העזה אָנצורירן אַ מענטשן, וואָס טראָגט אויפן האַרצן אַזאַ צייכן?

און מיט די ווערטער האָט ער אויפגעעפנט זיין יעגערהעמד און אַלע האָבן דערזען אויף זיין ברוסט אַ בלויען קינסטלאַך-טאַטו-אירטן קליינעם שילדקרעט. אין איין אויגנבליק זיינען די דעלאַ-וואַרן אָפּגעטראָטן פון אים מיט אימה און יראה.

אונקאַס האָט געשמייכלט מיט אַ שטאָלצן שמייכל פון נצחון. ער האָט געזאָגט:

—דעלאַוואַרן! איז אייך באַקאַנט די צייכנונג? ווייסט איר, אַז אויף מיין דור שטיצט זיך די וועלט? מיין דור איז דער פאָטער פון אַלע אינדיאַנישע דורות און איר האָט געוואַגט אויפצוהויבן אַ האַנט אויף דעמדאָזיקן דור. איר אָבער זענט פאַרפירט געוואָרן דורכן פאַלשן און בייזן גוראָן, און איך בין עס אייך מוחל. כ׳בין אונקאַס, דער זון פון צינגאַנגוקן!

דער אַלטער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי די ווייסע האָר פון קאָפּ:

—אונקאַס!—האָט ער אויסגערופן.—אונקאַס, אונקאַס! אָ, איצט האָב איך שוין, ווער עס זאָל פאַרנעמען טעמענונדס אָרט. פרייט זיך

דעלאַוואַרן, אונזער זון גייט אויף פון דאַסניי. לאָזט כאַטש איין מאָל אַ קוק טאָן אויף דעם אָדלער, אויף דער אויפגייענדיקער זון!

דער יונגער מאָהיקאַנער איז שנעל צוגעלאָפן צו טעמענונדן. דער אַלטער האָט אים אָנגעקוקט מיט ליבע און פרייד.

—אונקאַס איז אַ צווייג פונם באַרימטן דור פון די מאָהיקאַנער!—האָט ער געזאָגט.—ער איז אונזער אָנפירער! ווער עס צווייפלט דערין, דער איז נישט מער מיין זון און איז נישט קיין דעלאַוואַר. טעמענונד אָנערקענט אים דער ערשטער און בויגט זיך פאַר אים, ווי פאַרן גערעכטן העכסטן אָנפירער פון אַלע דעלאַווארן.

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט דער אַלטער טיף פאַרנויגט זיין גרויען קאָפּ פאַר דעם שלאַנקן יונגלינג.

—איך ווייס, אַז צוויי מאָהיקאַנער האָבן געלעבט צווישן די איינגלענדער,—האָט ער געזאָגט.—זאָג מיר, זון מיינער, פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי לאַנג נישט געקומען אויף זייערע ערטער ביים באַראַטונגספייער פון די דעלאַוואַרן?

אונקאַס האָט אויפגעהויבן זיין שיינעם קאָפּ און געזאָגט:

—אַמאָל האָבן די דעלאַוואַרן געלעבט אויפן ברעג ים און די גאַנצע ערד אַרום האָט געהערט צו זיי. שפּעטער זיינען געקומען די ווייספּנימדיקע און האָבן פאַרטריבן פון דאָרטן די דעלאַוואַרן. די מאָהיקאַנער האָבן דאָס נישט געקענט צוזען און אויף אַ צייט האָבן זיי פאַרלאָזן זייער פאָלק. דער גרויסער מאַניטאָ איז זיי געקומען צו חלום און האָט זיי געזאָגט: „אויב איר וועט בלייבן צווישן די פראַנצויזן, וועט דאָרט שטאַרבן דער לעצטער מאָהיקאַנער. גייט צו די איינגלענדער.” און די מאָהיקאַנער האָבן געהאָרכט די שטים פון מאַניטאָ. איצט זיינען זיי געקומען, כּדי צו שטאַרבן פאַר זייער פאָלק.

אַלע האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט זיינע ווערטער. ווען ער האָט געענדיקט, האָט אים טעמענונד צוגעדריקט צום האַרצן און געזאָגט:

—צינגאַנגוק און זיין זון האָבן גוט געטאָן!

—איצט, מיין פּאָטער,—האָט אונקאַס צוגעלייגט זיין האַנט צו דער ברוסט,—האָב איך צו דיר אַ בקשה: דער געמיינער גוראָן מוז באַפרייען זיינע געפאַנגענע.

דער אַלטער האָט זיך געקווייגקלט:

—צו וואָס דאַרפסטו דאָס, מיין זון? זיי זיינען דאָך אונזערע שונאים, בפרט נאָך דער לאַנגער ביקס. ער האָט דאָך דערהרגעט אַ סך אונזערע זעלנער!

—ניין, נישט ריכטיק,—האָט אונקאַס געזאָגט.—ער האָט אויף זיין גאַנצן לעבן נישט אָנגערירט קיין איין דעלאַווער, דערפאַר אָבער האָט ער פיל מאָל געראַטעוועט פון טויט מיין פאָטער און מיך! די נאַכט האָט ער מיך באַפרייט פון די גוראָנען.

דעמאָלט האָט טעמענונד געגעבן אַ צייכן צו באַפרייען די געפאַנגענע.

—וואו איז דער גוראָן?—האָט ער געפרעגט.

מאַגואַ איז אַרויסגעטראָטן פאָרויס.

—איך האָף, אַז דער גרויסער און גערעכטיקער טעמענונד וועט מיר נישט אָפּזאָגן דערין, וואָס מיר געהערט לויט די רעכט פון אַ זיגער?

—צי האָט דער גוראָן דאָס רעכט אויף דערדאָזיקער פרוי, וואָס ער האָט אייגנטלאַך געפאַנגען?—האָט טעמענונד געפרעגט אונקאַסן.

אונקאַס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

—זי איז מיינע!—האָט מאַגואַ אויסגעשריען מיט אַ ווילדער שמחה.—דו ווייסט גאַנץ גוט, מאָהיקאַנער, אַז זי געהערט צו מיר לויטן פעסטן רעכט פון אַ זיגער.

אינם האַרצן פונם יונגן מאָהיקאַנער האָבן געקעמפט צוויי געפילן: רחמנות צו קאָרען און די ערלאַכקייט, וועלכע האָט אים נישט דערלויבט צו זאָגן אַ ליגן. צולעצט האָט געזיגט דאָס צווייטע געפיל און ער האָט געזאָגט מיט אַ געדריקטער שטים:

—דער גוראָן איז גערעכט!

—אויף אַזאַ אופן נעם דיר דיין אייגנטום, גוראָן, און גיי זיך פונדאַנען,—האָט דער אַלטער גוטמוטיק געזאָגט.

מאַגוּאַ האָט געכאַפּט קאָרען פאַר אַ האַנט און געוואָלט זי אַוועק־פירן. דער יעגער אָבער האָט אים אָפּגעשטעלט:
—הער זיך נאָר איין, וואָס איך וועל דיר זאָגן, גוראָן! לאָז אָפּ דיין געפאַנגענע און דערפאַר וועסטו פטור ווערן פונם בעסטן שיסער אין דידאָזיקע קאַנטן.
—צי דען איז דער לאַנגער ביקס גרייט אַוועקצוגעבן זיין לעבן פאַר אַ דער פרוי? —האָט מאַגוּאַ געפרעגט.
—פאַרפאַלן! דאָס מוז געשען! —האָט דער יעגער געזאָגט, קוקנ־דיק מיט עפּיס אַ מרה־שחורה אויף אונקאַסן. —דו האָסט איצט זי־בערע פריינט! איינגיכן וועסטו זיך זען מיטן פאָטער. גיב אים איבער אַ גרוס פון מיר און זאָג אים, אַז קיינעם האָב איך נישט געליבט, אַזוי ווי אים און דיר. זיי געזונט! איך בין מסכים, גוראָן! באַפריי די פרוי! איך בין דיין געפאַנגענער!
מאַגוּאַ האָט אַ געווויסע צייט נישט געוואוסט, אויף וואָס זיך צו באַשליסן. צולעצט אָבער האָט ער אַ קוק געטאָן אויף קאָרען און פעסט געזאָגט:
—שאַרפאויגיקער פוקס איז אַ גרויסער אָנפירער און נישט קיין נאַרישער היצקאָפּ. ער האָט איין ווילן און איין וואָרט. קום! — האָט ער קאָרען אַ ציי געטאָן פאַר דער האַנט.
נאָר דאָס יונגע מיידל האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און קאַלט געזאָגט:
—איך ווייס, אַז כ׳בין דיין געפאַנגענע און וועל נישט אַנטלויפן פון דיר, שרעק זיך נישט. כ׳דאַנק אייך, —האָט זי זיך געווענדט צום יעגער, —אויף אייער פאָרשלאָג וואָלט איך סיי־ווי קיינמאָל נישט איינגעגאַנגען. טוט מיר אַן אַנדער טובה! גיט איבער אליסען דעם טאַטן און זאָגט אים, ער זאָל נישט וויינען איבער קאָרען.

באַלד האָט זי זיך אָנגערופן צו מאַגוּאַן:
—כ׳בין גרייט צו גיין מיט דיר, מאַגוּאַ! ריר מיך אָבער נישט אָן מיט דער האַנט. כ׳וועל גיין אַליין!
מיט די ווערטער איז דאָס שטאָלצע מיידל אַריין אין די רייען פון המון און מאַגוּאַ איז נאָכגעגאַנגען הינטער איר.

—גוראָן !—האָט פּלוצלונג אויסגערופן אונקאַס.—טעמענונד האָט דיר געגעבן אַ וואָרט, אָבער אונקאַס האָט דיר זיין וואָרט נישט געגעבן. ווען די זון וועט שטיין איבער די שפּיצן פון די ביי־מער, וועלן מיינע יונגע זעלנער דיך אָנהויבן פאַרפאָלגן.

מאַגוואַ איז אַוועק מיט זיין אומגליקלאַכער געפאַנגענער.

קאַפּיטל איינאונדרייסיק.

אונקאַס איז אַוועק אינם דאָרף און געגעבן אַ צייכן עטלאַכע יונגע דעלאַוואַרן, זיי זאָלן גיין נאָך מאַגואַן. די סאָלדאַטן זיינען אַוועק.

נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו אַ הויכן אַרומגעשיילטן בוים. ער האָט געטראָגן זייער קורצע הייזלאַך און אַ פּאַס, אַזוי אַז מען האָט דייטלאַך געזען זיינע שיינע און בויגזאַמע גלידער. די איידעלע שטריכן פון זיין שיינעם און ענערגישן פּנים זיינען אויף אַ העלפט באַדעקט געווען מיט אַ שוואַרצער פאַרב, וואָס האָט עס געמאַכט שטרענג, כמעט שרעקלאַך.

ביים בוים האָט אונקאַס גענומען זינגען דעם דעלאַוואַרישן הימן. דאָס איז אייגנטלאַך זיין אינהאַלט: מאַניטאָ! דו ביזט גרויס! דו ביזט גוט! דו ביזט קלוג! מאַניטאָ! דו ביזט גערעכטיק!

—אויף די הימלען, אויף די וואָלקנס, זע איך אַ סך, אַ סך פלעקן. מאַנכע זיינען טונקל, מאַנכע—רויט. אָ, איך זע דאָרט אַ סך, אַ סך פלעקן! און הענער, אַ סך הענער, זע איך דיין אויג—די ליכטיקע זון!

—אין די וועלדער, אין דער לופט, הער איך, הער איך מלחמה-געשרייען. אָ, איך הער זיי, איך הער זיי!

„מאַניטאָ! מאַניטאָ! איך בין שוואַך, דו ביזט שטאַרק; איך בין אוממעכטיק, דו האַסטיק. מאַניטאָ, מאַניטאָ! העלף מיר!

דריי מאָל האָט אונקאַס איבערגעחזרט דעם הימן און דריי מאָל איז ער אַרומגעגאַנגען אַרום בוים.

נאָכדעם האָט אונקאַס אַ קוק געטאָן אויף דער זון און האָט איינ־געזען, אַז דער וואָפנשטילשטאַנד מיט די גוראָנען האָט זיך שוין געענדיקט. ער האָט באַלד באַפוילן אַרויסצוטרעטן געגן די גוראָנען.

די מלחמה איז אָנדערקענט געוואָרן פאַר אַ פאָלקס־מלחמה און דער גאַנצער שבט האָט זיך באַטייליקט אין איר.

אַליסע איז פאַרבליבן אין דאָרף אין אַ זיכערן אָרט.

דער יינגער אָנפירער האָט באַטראַכט זיין אַרמיי און איז נאָכדעם אַוועק צו אָדלעראויגן.

אָדלעראויג האָט געבראַכט אין אָרדנונג זיין קאָסטיום און האָט געשיקט אַ קליינעם יונגל אין וואַלד אַריין נאָך די ביקסן, וועלכע ער האָט דאָרט געלאָזט.

דער יונגל איז אַוועק אין וואַלד און באַלד געבראַכט צוויי ביקסן. אָדלעראויג האָט מיט פרייד געכאַפּט זיין ביקס. דערזען פון דערווייטן אונקאַסן מיט גייאורדן, איז ער צוגעגאַנגען צו זיי און האָט אונקאַסן איבערגעגעבן זיין ביקס. אונקאַס, ווידער, האָט אים איבערגעגעבן די אָנפירערשאַפט איבער די מוטיקסטע און בעסטע זעלנער. גייאורד איז געוואָרן אַ פרייוויליקער אין אָדלעראויגס אָפּטיילונג.

די קאַמפס־מחנות האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין.

אינדערוויטנס האָט זיך באַוויזן עפּיס אַ הויכע געשטאַלט פון אַן אינדיאַנער.

—דאָס איז אַ שפּיאָן.—האָט אונקאַס געזאָגט.

—מיר וועלן זען,—האָט אָדלעראויג באַמערקט.

ער האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף אַלע פיר און האָט זיך פאַרזיכטיק דערנענט צו דער הויכער געשטאַלט. באַלד האָט ער איינגעזען, אַז דאָס איז נישט קיין אַנדערער, נאָר דער זינגער דוד געמאַט.

ער האָט אים שטיל אָנגערופן ביים נאָמען און האָט אים אַוועקגעפירט צו די דעלאַווערן. געמאַט האָט דערציילט:

—גרויסע מחנות פון די געצנדינער זיינען אַרויס פונם דאָרף. איצט געפינען זיי זיך אין וואַלד. פריילן קאָרע זיצט איינגע־

שלאָסן אין דערזועלבער הייל, וואו אַליסע איז פריער געווען.

—מיין פלאַן איז אַזאַ,—האָט אָדלעראויג געזאָגט אויסהערנדיק דעם זינגער,—איך וועל מיט מיינע זעלנער אַוועקגיין צו דער הייל און פון דאָרט באַפאַלן די איראָקעזן. אויפן וועג וועל איך מיטנעמען צינגאַנגוקן און דעם פאָלקאָווניק. דו, אונקאַס, גיי אַנטקעגן די גוראָנען. אויף אַזאַ אופן וועלן זיי אַריינפאַלן צווישן צוויי פייערן און וועלן באַקומען אַ גוטע פּאָרציע. דאָס שוואַרץ-אויגיקע מיידל וועלן מיר שפּעטער באַפרייען, ווען מיר וועלן באַר פאַרטיק ווערן מיט די איראָקעזן.
דערדאָזיקער פלאַן איז געפעלן געוואָרן און די קאַמפּס-מחנות האָבן זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער אין וועג.

קאַפּיטל צוויי־און־דרייסיק.

אדלעראויג האָט אַוועקגעפירט זיינע זעלנער צוריק צום טייך, וועלכע זיי זיינען פריער אַריבערגעגאַנגען און צו זיין אָפּ־טיילונג האָט זיך אויך באַהעפט דער זינגער, וואָס האָט געהאַט אין דער האַנט אַן אַלטפּריינקישן פייל־און־בויגן.

ביים סאַמע דערפּל האָבן פּלוצלונג אויסגעשאָסן אַ טוץ ביקסן. איין דעלאַוואַר איז געפאַלן טויט, אַ פּאָר זיינען לייכט פאַרוואונ־דעט געוואָרן.

אָדלעראויג האָט געהייסן זיינע זעלנער, זיי זאָלן זיך פאַרשטעקן הינטער די ביימער און פייערן פון די ביקסן אויף וואָס די וועלט שטייט, אָבער אין דעם אויגנבליק האָבן די שיסער גע־מאַכט פּליטה.

דעמאָלט האָט דער יעגער אָנגעהויבן זיי צו פאַרפאָלגן, אַריבער־לויפנדיק פון איין בוים צום צווייטן. יעדער שאָס, וואָס ער האָט געגעבן, האָט אַרויסגערופן אַ וויי־געשריי אין די רייען פון די גוראָנען.

די שיסעריי האָט זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט. עס האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די צאָל פון די גוראָנען.

ביידע צדדים האָבן זיך געשלאָגן, ווי לייבן. אָבער מען האָט אַריינגעשטיקט די גוראָנען אין אַ פייערדיקן רונג. פון אַלע זייטן האָט געהאָגלט אויף זיי מיט קוילן און זייערע פּאָזיציעס זיינען פאַרגאָסן געוואָרן מיט פייער.

די דעלאַוואַרן האָבן פאַרפאָלגט די גוראָנען. אַ קליינער טייל איז

לאַנגזאַם אָפּגעטראָטן צום באַרג.
צווישן די לעצטע גוראָנען האָט זיך געפֿונען אויך מאַגוואַ. אונקאַס האָט אַלע זיינע זעלנער אַוועקגעשיקט נאָכצויאָגן די גוראָנען און איצט איז ער געבליבן כמעט אַליין. ווען ער האָט אָבער באַמערקט מאַגוואַן, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַ פּאָר דעלאַוואַרן אויף מאַגוואַן און זיין אָפּטיילונג. מאַגוואַ האָט אויפגעכאַפּט דעם קאַמף מיט דער פרייד פון אַ טיגער. אָבער באַלד זיינען אונקאַסן אָנגעקומען צו הילף גייאורד, דער פאַלקאָווניק און אָדלעראויג, און די גוראָנען זיינען אָפּגעטראָטן. דעמאָלט איז מאַגוואַ מיט אַ צען גוראָנען אַוועקגעלאָפן צו דער הייל. אָדלעראויג האָט געגעבן אַ צייכן. צוואַנציק דעלאַוואַרן האָבן תיכף אויסגעשאָסן און אַכט גוראָנען זיינען געפאַלן; מאַגוואַ אָבער מיט נאָך צוויי גוראָנען האָבן באַוויזן אַריינצולויפן אין הייל.
אָדלעראויג, אונקאַס, גייאורד און דער פאַלקאָווניק זיינען געלאָפן נאָך זיי. דער קאָרידאָר איז אָבער געווען פאַרשטעלט מיט געהילצן און שטיינער. מען האָט ווייטער נישט געקאָנט גיין, אָבער דער יעגער האָט דורכגעבראָכן אַ ווענטל און האָט אויסגערופן:

—די גזלנים האָבן זיך געראַטעוועט, קומט מיט מיר!
דורך דער דורכגעבראָכענער וואַנט האָבן זיי דערזען אַן אָפּגרונט, און נישט ווייט פונם אָפּגרונט איז געשטאַנען מאַגוואַ, קאָרע און נאָך צוויי גוראָנען.
קאָרע איז געשטאַנען אויף די קני, מאַגוואַ האָט געהאַלטן איבער איר קאָפּ אַ מעסער. זיינע אויגן האָבן געברענט פון רציחה. ער האָט שאַרף אַ זאָג געטאָן:
—מיידל, קלייב אויס איינס פון די צוויי: אָדער דעם וויגוואַם פון שאַרפאויגיקן פוקס אָדער דעם מעסער!
—דעם מעסער!—האָט קאָרע שטיל געזאָגט.
אין דעם אויגנבליק האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער געשריי. אונקאַס האָט אַ געפערלאַכן שפרונג געטאָן און איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ געוואַלטיקער הויך צו די סאַמע פיס פון מאַגוואַן. יענער איז דערשראָקן אָפּגעשפּרונגען. איינער פון די צוויי גוראָנען

האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אַריינגעשטאָכן זיין מעסער קאָרען אין דער ברוסט. זי איז אַניהערגעפאַלן אַ טויטע. מאַגוואַ האָט ווילד אַ כאַפּ געטאָן דעם רצח און אים אַראָפּגעוואָרפן אינם אָפּגרונט. דאָסזעלבע האָט ער געטאָן מיטן צווייטן גוראָן. דערנאָך האָט ער זיך געוואָרפן אויף מאַגואַס, וועלכער איז שוין געקומען צו די רעיונות. פלינק און האַסטיק האָט אים מאַגוואַ אַריינגעשטאָכן זיין מעסער. אונקאַס האָט זיך אָבער אויפגעהויבן און אַ וואָרף געטאָן מאַגואַן אויף דער ערד. אונקאַסעס מעסער האָט אָבער ווידעראַמאָל אַ בליץ געטאָן. אַ פּאַסיקל בלוט איז אַרויסגעלאָפן פון אונקאַסעס ברוסט און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַ צאַפּל געטאָן, האָט ער צוגעמאַכט די אויגן אויף אייביק.

אונזערע פריינט האָבן מיט דער גרעסטער שפּאַנונג און ווי זיך צוגעקוקט צו דעמדאָזיקן קאַמף. העלפן אָבער האָבן זיי נישט געקענט. אַראָפּשפּרינגען האָט געקאָנט נאָר איין אונקאַס. אָדלעראויג האָט געוואָלט שיסן, אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט טרעפן אונקאַסן. ערשט ווען מאַגוואַ האָט שוין דערשטאָכן אונקאַסן און איז אויפגעשפּרונגען מיט גרויס נצחון, האָט אָדלעראויג אויסגעשאָסן. צום ערשטן מאָל אין לעבן אָבער האָט ער נ י ש ט געטראָפן.

דער יעגער, שטאַרק אויפגערעגט, האָט אַ צווייט מאָל אָנגעלאָדן זיין ביקס. גייאורד מיטן פאָלקאָוניק האָבן איבערגעלאָזט די ביקסן אין דער הייל.

אויסנוצנדיק דידאָזיקע גינסטיקע געלעגנהייט, איז מאַגוואַ אַריבערגעשפּרונגען אויף דער צווייטער זייט פונם אָפּגרונט.

דער שפּרונג איז אים אָבער נישט געלונגען. ער האָט בלויז באַוויזן זיך אָנצוכאַפּן פאַר אַ קוסט, וואָס איז געוואַקסן אויף דער צווייטער זייט. דאָ אָבער האָט אָדלעראויג אויסגעשאָסן אַ צווייט מאָל און האָט גליקלאַך געטראָפן. מאַגוואַ האָט זיי געשיקט זיין לעצטע קללה און איז אַנטרונען געוואָרן אינם אָפּגרונט.

קאַפּיטל דרייאונדרייסיק.

די דעלאַוואַרן האָבן פאַרברענט דאָס דאָרף פון די גוראָנען. זיי האָבן זיך אָבער נישט געפרייט מיט זייער נצחון. אַלע איינוואוינער פונם דעלאַוואַרן-דאָרף האָבן זיך געפונען אויף דעם אייגענעם פּלאַץ, וואו ס'איז פאָרגעקומען די פאָלקספאַרזאַמלונג.

אויפן מיטן פּלאַץ זיינען געשטאַנען זעקס דעלאַוואַרישע מיידלאַך מיט צולאָזענע האָר און האָבן געשאָטן קרייטעכצער און פעלד-בלומען אויף אַ קליין בערגל, אויפגעלייגט פון שמעקעדיקע וואַלד-צווייגן. דאָרט איז געלעגן קאָרעס קערפּער. דאָס איז געווען איר קבר.

נישט ווייט האָט זיך אַן אַנדער אינדיאַנער-גרופּע מתעסק-געווען מיט אונקאַסעס קערפּער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין די רייכסטע אינדיאַנישע קליידער. לאַנגע, העלע פעדערן זיינען אים אַראָפּגעהאָנגען איבערן טויטן קאָפּ; מושלען, קאָראַלן, בראָנזע-ליעטן, און רייפן האָבן באַפּוצט זיין ברוסט. ער איז געווען שיין אַפילו טויטערהייט.

נעבן אים איז געזעסן צינגאַנגוק אָן שום באַוועגונג, מער ענלאַך צו אַ טויטן, ווי צו אַ לעבעדיקן.

דער יעגער האָט דאָס ערשטע מאָל געהאַט טרערן אויף די אויגן. אַרום איז געווען טויט-שטיל.

שפּעטער האָט זיך דערהערט אַ שטיל, טרויעריק געזאַנג פון פרויען-שטימען. דאָס האָבן דעלאַוואַרישע מיידלאַך באַזונגען אונקאַסעס

העלדיש לעבן. די טענער האָבן זיך שטיל געריסן צום הימל.

איין צינגאַנגוק איז געזעסן אָן שום באַוועגונג.
שפּעטער האָט זיך דערהערט אַ געוויין: דאָס האָט געוויינט אַ ווייסער מענטש צווישן די אינדיאַנער: אליסע...
זי האָט באַוויינט איר שוועסטער און אונקאַסן.
דער אַלטער טעמענונד, וואָס האָט זיך אויך דאָ געפונען, האָט אויפגעהויבן זיינע אַלטע ציטריקע הענט און האָט אַרויסגעזאָגט מיט אַ צובראָכענער שטים:
—דעלאַווארן! ברידער מיינע! אונזער זון איז אונטערגעגאַנגען...
עס איז געשטאָרבן דער לעצטער פונם אַלטן קלוגן, געראַכטיקן און דרייסטן מאָהיקאַנער-פאָלק!...
און אַלע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

„יוגנט-ביבליאָטעק"

אונטער דער רעדאַקציע פון **ד. קאַסעל.**

נישטאָ אין יידיש קיין ביכער פאַר דער יוגנט. מיר האָבן איר ביז אהער נישט געגעבן צו לייענען דאָס נויטיקע בוך. די „יוגנט-ביבליאָטעק" פונם „פאַרלאַג ב. שימין" מאַכט די ערשטע פּראָבע דערצו. איר ציל איז — צו געבן דער יוגנט א שיין בוך סיי אויסערלאַך און סיי אינערלאַך.

די „יוגנט-ביבליאָטעק" באַשטייט פון צוויי אָפּטיילונגען:

א בעלעטריסטישע און א וויסנשאַפטלאַכע.

אין דער ערשטער אָפּטיילונג זיינען שוין דערשינען די פאָלגנדיקע ביכער:

ווילִיאַם לאָנג — אין די ווייסע צפון-וועלדער.

סווען העדין — פון פּאָל צו פּאָל.

יאַלמאַר יאָהאַנסען — אין נאַכט און שניי.

פ. קעניג — אויפ'ן גרונט פון ים.

קירצלאַך דערשיינען די פאָלגנדיקע ביכער:

מיין-ריד — וואַלדקינדער.

מיין-ריד — אין דער מלוכה פון פייער.

מיין-ריד — מיט א שיף איבער דער גאַנצער וועלט.

ב. רובאַקין — דאָרט, וואו ווילדע וואוינען.

נ. רובאַקין — אויף אן איינזאַמער אינזעל.

ג. נ. פּאָטאַנין — כינע און טיבעט.

י. אַמונדסען — עק-וועלט.

ר. קאַרוץ — צווישען קירגיזן און טורקמענער.

ק. קופּער — דער לעצטער מאָהיקאַנער.

עס איז א כלל, אז דאָס בוך, וואָס איז גוט פאַר **דערוואַקסענע**, איז נישט גוט פאַר דער יוגנט, אָבער דאָס בוך, וואָס איז גוט פאַר דער יוגנט איז אויך גוט פאַר **דערוואַקסענע.**

אין דער **וויסנשאַפטלאַכער** אָפּטיילונג דערשיינען אינגיכן די פאָלגנדיקע ביכער:

א. נעטשאַיעוו — די אונטערערדישע פוחות.

יונג — וואָס איז די זון.

קליין — די ערד.

מ. ניקאָלסקי — זומערנסיעות פון א נאַטוראַליסט.

דאָקטאָר האַסאַן — אַלזשיר און זאַהאַרע.

ק. פלאַמאַריאָן — פּאָפּולערע אַסטראָנאָמיע.

י. שעפערד — שמועסן וועגן געשלעכטסלעבן.

עס ווערט אויך צוגעגרייט א זאָאָלאָגישע כרעסטאָמאַטיע.

הויפּטפאַרקויף „ג.ע.ז. צענטראַל", וואַרשע.

Namá 1er tomo

[illegible]

UNIÓN
ISRAELITA
DE GALITZIA
BUENOS AIRES